STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01192

DI VELT FUN MARK SHAGAL

Yitshak Elhanan Rontsh

*Permanent preservation of this book was made possible
by Ruth Grossman
in memory of
Harold Shaz Grossman*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



יצחק אלחנן ראָנטש

די וועלט
פון
מאַרק שאַגאַל

פאַרלאַג

איקוף

1967

DI VELT FUN MARC CHAGALL

(The World of Marc Chagall)

BY

ITZHAK ELCHANAN RONCH

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון בוך־קאָמיטעט
אין לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע

ציינונגען און אילוסטראַציעס פון מאַרק שאַגאַל

Copyright 1967
BY ISAAC E. RONCH
Los Angeles, Calif.

ECONOMY TYPESETTING, LOS ANGELES, CALIFORNIA

III

מרים־עלקע׳ן —

מיט ליבשאַפט

אַ דאַנק

צו אַלע מיטגלידער פון י. א. ראַנטש בוך־קאָמיטעט אין לאָס אַנדזשעלעס פאַר העלפן אַרויסגעבן דאָס בוך; צו סאַמואיל צעפּקין פאַר ליי־ענען די קאָרעקטורן; דר. חיים לו־בין פאַר באַנוצן זיך מיט זיין קונסט־אַרכיוו און צו אַלע גוטע פריינט פאַר דער קאָאָפּעראַציע.

פֿאַר י. א. ראָנטש אַ גרוס

מאַרק שאַגאַל

944
N.Y.

די ערשטע באַגעגעניש

.1

דו קאָנסט זיך אַליין ניט אָפּגעבן קיין דערקלערונג. עס איז ניט בלויז זיין קונסט, זיין וועלט־פּאָפּולאַריטעט, נאָר עפּעס איז פאַראַן אין זיין פּערזענלעכקייט, וואָס האָט דיך צוגעצויגן, און כאָטש דו ביסט טויזנטער מיילן ווייט פון אים, דאָך קאָנסטו אים ניט דערווייטערן פון דיין איך, פון דיין אַרום.

אפשר דערפאַר וואָס זיינע בילדער, זיינע פאַרבן, זיינע קאָנטורן, זיינע אויסדרוקן — אין וואָרט ווי אויף דער קאַנווע — און זיין פּערזענלעכקייט, זיינען איינס־און־דאָסזעלבע, וואָס קאָנען ניט אָפּגעטיילט ווערן. אפשר דערפאַר וואָס מאַרק שאַגאַל מיינט פאַר מיר די וואונדער־רעטעניש, וואָס איך זע און דערפיל אין דער בלומען־בייט אַרום מיין פענצטער. דוכט זיך אַזוי איינפאַך און פּרימיטיוו איז די פאָרם פון אָט־דעם בלימל, אַזוי פשוט זיין קאָליר און דער גרין פון די בלעטלעך, און דאָך אַזוי פול מיט מיסטעריע, מיט צויבער און באַוואונדער.

דאָס איז מאַרק שאַגאַל.

ניט קיין חידוש, וואָס פון תמיד אָן דריקט ער זיך אויס קעגן „אינטעלעקטואַליזם״ און פאַרגלייכט זיך אָפט צו אַ קינד. מיט דעם כאַראַקטעריזירט ער זיך אַליין בעסער, ווי ווען ער ס'איז אָפּשאַצער. דאָס אינסטינקטיווע, וואָס איז אַזוי וועגווייזעריש פאַר דעם בעל־חי, איז אויך חל אויף שאַגאַלן. איז דערפאַר ניט שייך צו זוכן און פּרוואוון געפינען אַ לאָגישע דערקלערונג אין אַ צאָל פון זיינע בילדער, ווי מיר פּרוואוון ניט געפינען קיין לאָגיק אין אַ פּרעכטיקן זונפאַרגאַנג.

אָט פאַרוואָס ער שטייט מיר שטענדיק פאַר די אויגן, שאַגאַל.

איך האָב אים לעצטנס געזען אויפן הימל, ביי אַ זונאונטער־גאַנג. ווי עמיצער וואָלט באַשטעלט ביי אים אָט־דעם ספּעקטאַקל, די משונהדיקע פיגורן און אויסטערלישע פאַרבן, וואָס האָבן פאַר־נומען דעם גאַנצן האָריזאָנט און אַנגעהאַלטן ביז די פינצטערניש האָט זיך אָנגעהויבן אַריינוועבן, און די שאַגאַל־פיגורן זיינען געוואָרן בלאַסער און ווי זיך פאַרנייגט פאַר דער וועלט אונטן.

איך זע אים אין זאַל צווישן פּובליקום, ווען איך באַטראַכט די פּנימער, דעם הילוך און די סילועטן פון די מענטשן. איך זע אים אין דעם משונהדיקן וואוקס און געבוי פוןביימער און צווייגן; איך זע אים אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, אין די גופים פון די ווילדע חיות, אין די קאָלירן פון די פייגל פון דרום־אַמעריקע און אַפריקע. איך פיל אים אין די שטימונגען און עמאָציאָנעלקייטן פון מיין נשמה. איך דערקען אים אין זיין „אַלטער עגאָ״, טשאַרלי טשאַפּלין, וואָס שפּילט־אויס דאָס שאַגאַלישע. איז דאָך פאַראַן אַזוי פיל פיזישע און קינסטלערישע ענלעכקייט צווישן די צוויי מייסטערס.

ער איז, דוכט זיך, אַזוי עלעמענטאַר און פּרימיטיוו אפילו, שאַגאַל, נאָר ווען דו פליסט אין דער לופטן און קוקסט אַרונטער, דוכט זיך דיר אויס, אַז דאָס האָט שאַגאַל געהאָלפן אויסלייגן און פאַר־מירן די פּאַנאָראַמעס.

און ווען דו באַטראַכסט די פיגורינען פון די פאַרצייטיקע צענ־טראַל־אַמעריקאַנישע קולטורן, פון די אַזטעקן און אָלמעקן, די הוי־קערדיקע געטשקעס און די מוראדיקע פייגל און יאַגואַרן, די מאַסקעס און די אורנעס, די וואַזעס פון ליים, מיט די מיסטישע אָרנאַמענטן — דאַן דוכט זיך דיר, אַז דו פאַרשטייסט בעסער שאַגאַלס ניט־פאַרשטענדלעכע און גראָטעסקע ציגן און העגער, די וואַנט־זייגערס פון דער צייט און די פאַלנדיקע מלאכים.

נאָר עס וואָלט געווען אַ גרויסער טעות ניט צו זוכן און געפינען דאָס אולטראַ־מאָדערנע ביי שאַגאַלן. די עפּאָכע פון עלעקטראָנישע באַצייכענונגען, די וויזיעס פון דערגרייכונגען אין די רוימען. די אויסטערלישע קאָלירן, וואָס די גאַגאַרינס און גלענס האָבן געזען אויף זייערע פאַנטאַסטישע רייזעס, זיינען שוין פון פריער אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אין שאַגאַלס בינע־דעקאָראַציעס צו „אַלעקאָ" און דעם „פייער־פויגל", אין זיין צוגאַנג צו די אילוסטראַציעס פון דער ביבל, און לעצטנס די שויבן אין ירושלים.

לעבנדיק אין אַ וועלט און אין אַ צייט, ווען אַלט און ניי גיבן זיך אויפסניי די הענט, איז שאַגאַלס קינדערישע ציג און זיין שטור־ביקער האָן און די שויבן פון יהודה און יששכר, למשל, גאָרניט אין קעגנזאַץ און ווידערשפּרוך מיטן הייַנטיקן לעבנסקוק.

2.

ס'איז געווען אין סעפּטעמבער, 1943. די קינסטלער־משפּחה פון ניו־יאָרק האָט אַראַנזשירט אַ טעאַטער־אויפנאַמע פאַר די סאָוועטישע געסט, פּראָפעסאָר שלמה מיכאָעלס און לייטענאַנט־קאָרנעל איציק פעפער, אין ראָיאַל טעאַטער, אויף 45סטער גאַס. אין דער פּראָגראַם האָבן זיך באַטייליקט רעימאָנד מעסי און מאַקסוועל אַנדערסאָן. אין דער ספּאָנסאָר־קאָמיטע זיינען געווען, צווישן אַנדערע: עדי קאַנטאָר, דזשעין קאָול, דיוק עלינגטאָן, אַרלין פרענסיס, ליאָן פויכטוואַנגער, בעני גודמאַן, אָסקאַר האַמערסטיין, העלען העיז, וואָלטער יוסטאָן, ליליען העלמאַן, מאָס האַרט, גאַרסאָן קענין, עליע קאַזאַן, סערגעי קוסעוויצקי, קורט וועיל, פּאָול סטואַרט, האַווארד טאַובמאַן, הערמאַן שומלין, מאָריס שוואַרץ, פּאָול ראָבסאָן, מאַקס ריינהאַרדט, מאַלי פּיקאָן, אירווין פּיסקאַטאָר, גרעגאָר פּיאַטיגאָרסקי, פּאָול מוני, יהודה מנוחין, וויליאַם מאָריס, א. אַנ.

אין גרויסן געדרענג צו געבן „שלום" צו די סאָוועטישע געסט האָב איך זיך ניט געשטופּט, נאָר איך האָב זיך געוואונדערט, צי פעפער וועט מיך געדענקען, נאָכדעם ווי מיר האָבן פאַרבראַכט צו־זאַמען אין קיעוו אין 1935. ער האָט מיך דערקענט און זיך האַרציק צעקושט מיט מיר און געזאָגט: „אומבאַדינגט טרעפן מיר זיך מאָרגן ביי די שאַגאַלס". איך בין געוואָרן צעטומלט. איך האָב די שאַגאַלס ניט געקענט, און ער האָט אָנגענומען, אַז איך בין אַן אריינגייער דאָרט און זיך געוואונדערט, ווי איז דאָס ניט געשען ביז איצט. איך האָב

אים דערקלערט, אַז קומען אין הויז ניט־דערוואַרטערהייט און אָן אַן איינלאַדונג, וועל איך ניט. ער האָט זיך צעלאַכט: „איך לאַד אייך איין, גוט?״ אַ יידישער דיכטער זאָל ניט קענען שאַגאַלן? נאָר ביי אייך אין ניו־יאָרק קאָן אַזאַ זאַך געשען״.

נומער 42 ריווערסאַיד דרייוו. אַן אַלט־אַריסטאָקראַטיש הויז. געעפנט האָט מיר אַ גינגאַלד־האָריקע שיינהייט, מיט גרויסע בלויע אויגן און אַ קלוגן שמייכל. ווייזט אויס, אַז פּעפּער האָט ניט געלאָזט וויסן וועגן מיין קומען, נאָר זי האָט מיך זייער העפלעך איינגעלאַדן אַריינצוקומען און דערקלערט, אַז מען דערוואַרט פּעפּערן און מי־כאַעלסן גאָר אינגיכן. זי האָט אין אַ מעלאָדיש־קלינגענדיק קול אויסגערופן אין צווייטן צימער אַריין צום „פּאַפּאַ״ אויף פראַנצויזיש. באַוויזן האָט זיך אָבער ניט דער פּאַפּאַ, נאָר בעלאַ, איר מוטער, שאַגאַלס פרוי. זי האָט מיך אין אַ חנ׳עוודיקן יידיש געפרעגט, צי איך רעד יידיש און דערהערנדיק מיין נאָמען געזאָגט, אַז זי האָט מיך געלייענט. איר פּנים איז געווען מאַדאָנעדיק, די בלויע אויגן קלוגע, איינדרוקספולע, געקליידט איינפאַך, נאָר מיט גרויס געשמאַק. זי האָט מיך איינגעלאַדן צו וועטשערע, און נאָך איידער מאַרק האָט זיך באַוויזן, האָט שוין אידאָטשקא, די טאָכטער, אָנגעהויבן אַראָב־זשירן דעם עס־טיש.

מאַרק שאַגאַל איז אַריינגעקומען און זיך מיט מיר פּשוט אַרומ־געכאַפּט, ווי ער וואָלט מיך געקענט ניט פון היינט: „נו, אַ יידישער פּאָעט איז ביי מיר שטאַרק אָנגעלייגט. דאָס איז נאַטירלעך. איך האָב אייך געוויס געלייענט. צווייטנס, אויב פּעפּער האָט אייך איינ־געלאַדן, זייט איר ביי מיר טאָפּלט טייער. איך פריי זיך שוין, וואָס איך וועל האָבן נאָך אַ פריינט דאָ״.

ערשט ווען פּעפּער און מיכאָעלס האָבן זיך באַוויזן, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ קושעריי און אַ לאַכעריי, איז מיר געוואָרן וואַרעם אויף דער נשמה. גערעדט האָט מען רוסיש, נאָר מיכאָעלס האָט אַ צעשפּריי־גטאָן די דינאַמישע אָרעמס און באַפוילן: „מאַמע־לשון!״ כאָטש אידאָטשקא האָט פּראָטעסטירט. זי פאַרשטייט ניט קיין יידיש. רוסיש, פראַנצויזיש אָדער ענגליש. זי האָט געוואָלט אויפמערקזאַמ־קייט פאַר זיך, און פּעפּער האָט עס פאַרשטאַנען און זיך אָפּגעגעבן מיט איר. זי איז אָבער געווען פאַרנומען מיטן צוגרייטן דעם טיש,

און איידער וואָס־ווען האָט פּעפּער זיך אַנטשולדיקט און מיך אַרייַנ־גענומען אין צווייטן צימער און מיר האָבן געהאַט אַ קורצן שמועס.

פון יענעם אָוונט אָן האָב איך באַקומען אַ דרייפאַכיקע איינלאַ־דונג צו זיין אַן אָפטער אַריינגייער צו די שאַגאַלס. בעלאַ האָט מיט מיר גערעדט יידיש, אידאַטשקא ענגליש, און מאַרק האָט מיר געהייסן ברענגען מיינעם אַ בוך.

איך האָב געוואוסט, ווי שטאַרק פּעפּער איז געווען פאַרנומען, און צו די שאַגאַלס האָב איך זיך ניט געקליבן קומען אָן אַ פאַרבע־טונג. צו מיין איבעראַשונג האָט אין אַ טאָג־צוויי אַרום אידאַטשקא מיר טעלעפאָנירט: „פּאַפּאַ איז אין כעס אויף דיר. האָסט צוגעזאָגט צו קומען און ניט געהאַלטן דיין וואָרט. מאָרגן, צען פרי, וועט ער וואַרטן אויף דיר — און דערצערן ניט פּאַפּאַ״.

ביז שאַגאַל האָט פאַרלאָזן אַמעריקע און ביזן היינטיקן טאָג איז געבליבן אַ פּערזענלעכע פאַרבינדונג צווישן אונדז.

.3

דריי געשעענישן האָבן גורם געווען, אַז איך זאָל שטיין אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט שאַגאַלן און האָבן אַ געלעגנהייט צו באָאַב־אַכטן אים און געניסן פון דער אויסשטראַלונג פון זיין פּערזענלעכקייט.

דאָס זיינען געווען: דאָס אַרויסגעבן פון איציק פעפערס בוך לידער „היימלאַנד״, מיט ציייכענונגען פון שאַגאַל; בעלאַ׳ס אומגע־ריכטער טויט, און דאָס רעדאַגירן, צוזאַמענשטעלן און העלפן אַרויס־געבן בעלאַ׳ס צוויי ביכער.

די מלחמה איז געווען אין פולן גרויזאַמען פלאַקער. פאַרנדיק מיט פעפערן און מיכאָעלסן אין אַ קאַר אָדער אין אַ טעקסי איבער די ברויזנדיקע ניו־יאָרקער גאַסן, פלעגן זיי מיט נייגיר קוקן אויף די ריזיקע „קעפּ״ פון די צייטונגען, וואָס האָבן פּראָקלאַמירט דעם אָנהויב פון היטלערס מפּלה. ווי קינדער האָבן זיי זיך ביידע גע־פרייט, און ביי מיכאָעלסן האָב איך ניט איינמאָל געזען טרערן, ווען דער „קאַפּ״ האָט אָנאָנסירט אַ סאָוועטישן זיג.

די חשובע געסט האָבן זיך געקליבן פאַרלאָזן אַמעריקע. דער „איקוף״ האָט שוין געהאַט אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער פון פעפערן („רויטאַרמייער״). נאָר פון מיינע שמועסן מיט פעפערן האָב איך פאַר־

שטאַנען, אַז ער האָט געהאַפּט, אַז מען זאָל אַרויסגעבן זיינע מער־לירישע זאַכן. איך האָב פאָרגעשלאָגן דאָס צו טאָן דורך דעם „איקאָר“, וואו איך בין געווען דער רעדאַקטאָר פון מאָנאַטלעכן זשורנאַל „ביי לעבן“. איך האָב דעם פאָרשלאַג געמאַכט ביי אַן אויפנאַמע פאַר פּע־פּערן, וואָס מיר האָבן געהאַט אַראַנזשירט.

מען האָט זיך גענומען גלייך צו דער אַרבעט. פּעפּער האָט מיך פאָרגעשלאָגן פאַרן רעדאַקטאָר און מיר געגעבן זיינע ביכער, וואָס ער האָט געפירט מיט זיך און געהייסן אויסקלייבן, וועלכע לידער מיר געפעלן, און שפּעטער זיי אים ווייזן. דאָס צוזאַמענאַרבעטן מיט פּעפּערן איז געווען אַ גרויסער פאַרגעניגן.

אַזוי ווי ער איז געווען פאַרנומען איבער די כוחות מיט פאַר־זאַמלונגען, אונטערנעמונגען און קאָנפערענצן, און ער פלעגט אַהיים־קומען גאַנץ אָפּט פאַרטאָג, האָט ער אָפּגעמאַכט מיט מיר, אַז איך מוז קומען צו אים אין האָטעל „גאָטהעם“ און פון צען ביז עלף יעדן פרימאָרגן זאָלן מיר אַרבעטן אויפן אויסוואַל פון די לידער און וועגן בוך בכלל.

זייענדיק אַ מיליטערמאַן, האָט ער געגלויבט אין דיסציפּלין, און ווען איך האָב אים צען אינדערפרי געטראָפן אין בעט, האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אַז איך מוז קומען און אים „אַרויסשלעפּן“. אַזוי איז עס טאַקע געווען.

מיין אויסוואַל פון די לידער אין בוך, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן „הימלאַנד“, איז געווען באַזירט אויף די שמועסן, וואָס איך האָב געהאַט מיט אים. ער האָט געוואָלט אַן אָפּקלייב פון אינטימע זאַכן. ער האָט גערעדט וועגן זיין טאַטע־מאַמע מיט גרויס בענקעניש. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון הומאָר, און זיינע שטיפערישע לידער האָבן אים הנאה געטאָן. ער האָט געהאַט אַ סעריע ליבע־לידער, יוגנט־לעכע, האַרציקע. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן חוש פאַר דער נאַטור. ווען מיר האָבן צוזאַמען געלייענט די לידער, האָב איך געפילט, ווי ער לעבט־איבער דעם גענוס פון געשניטענעם היי און דעם שפּאַציר אין וואַלד.

ער האָט אָבער איבערגעזען געהאַט, אַז מיר האָבן ניט געהאַט גענוג פאַנדן אַרויסצוגעבן אַ דיקן באַנד, כאָטש מאַטעריאַל איז געווען לרוב. האָט מען געדאַרפט זיך אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון אַ באַשטימטער צאָל זייטן. גוט פּאַפּיר איז געווען שווער צו קריגן. אַלץ איז געווען

בראַנד־טייער. מיר האָבן זיך געאײַלט, געוואָלט אַז דאָס בוך זאָל אַרויס וואָס פריער, נאָר ער האָט געוואויגן און געמאָסטן יעדעס ליד און כסדר געפּונען שורות, ווערטער און גראַמען, וואָס ער האָט געוואָלט אויסבעסערן. „לאָזט עס ביז מאָרגן. איך וועל פאַרן שלאָפן גיין אַ שלייף־טאָן“.

ער האָט זיך בײַ מיר פּשוט געבעטן און זיך גערעכנט מיט מײַן מיינונג. ער איז געווען דעמאָקראַטיש און באַשיידן ביז גאָר אין דעם פאַל.

מאַרק שאַגאַל איז דאַן געווען פאַרנומען איבערן קאָפּ מיט זײַן אייגענער אַרבעט, נאָר ער איז באַשטאַנען צו אילוסטרירן פּעפּערס בוך. זײַנען אָנגעגאַנגען סעסיעס וועגן דעם צווישן פּעפּערן, שאַגאַלן, בעלאַן און אידאַן. דאָ האָב איך געזען דעם מייסטער בײַ דער אַרבעט. שאַגאַל איז געווען דער פּערפעקציאָניסט. צוליב דעם האָב איך באַקומען דעם אמתן גאָב פון אים.

נאָר וועגן דעם שפּעטער.

אַרום יענער צײַט האָב איך זיך נעענטער באַקענט מיט בעלאַן, אָדער בעלאָטשקאַ, ווי מאַרק האָט זי גערופן מיט אַזוי פיל פּיעטעט אין זײַן שטימע, און מיט אידאַן, אָדער אידאָטשקאַן, ווי טאַטע־מאַמע האָבן זי פאַרצויגן גערופן.

אידאַ האָט געטראָגן אויף זיך דעם מיניסטער־קאָפּ. זי האָט מיט איר דעמאָלטיקן מאַן, מישעל ראַפּאַפּאָרט־גאָרדעי, געוואוינט אין געגנט, דאָך האָט זי מערסטנס פאַרבראַכט בײַ די עלטערן אין הויז און אָנגעפירט מיט שאַגאַלס געשעפט־ענינים. זי האָט אויפגענומען די פּאַטראָנען, מיליאָנערן און זייערע פרויען, וואָס זײַנען געקומען אויף טיי — און אידאַ האָט גוט געוואוסט וועגן די נאַשעריי־און געטראַנק־געשמאַקן פון אירע געסט. זי האָט אויפגענומען קונסט־קריטיקער פון דער פּרעסע און זשורנאַלן און מיט זיי גערעדט וועגן די לעצטע אַנטוויקלונגען אויפן געביט פון קונסט, ליטעראַטור, מוזיק, טעאַטער און באַלעט. זי האָט תמיד צוגעפּאַסט איר טואַלעט צום אויסזען פון די געסט. אַליין אַ פיינע מאָלערין, האָט זי אָבער קיינ־מאָל ניט דערמאַנט אירע אַרבעטן, נאָר גערעדט מיט גרויס אָפּשיי וועגן טאַטן און מיט פיינעם טאַקט און פראַנצויזישן פאַרפומירטן הומאָר גערעדט וועגן אַנדערע קינסטלער.

איינמאָל אין וואָך האָט מיך אידאַ געבעטן שפּאַצירן מיט איר צו דער קופּער־שאָקאָלאַד קראָם, וואו זי האָט געמאַכט באַשטעלונגען פאַר שאָכטלען שאָקאָלאַד, וואָס האָבן באַטראָפן צענדליקער דאָלאר. דאָס האָט זי אַוועקגעשיקט צו פריינט, וואָס האָבן זיך געפונען אויף פאַרשיידענע פּראָגנטן און צו זייערע פרויען און קינדער. זי האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן צו פאַרזאָרגן מיך מיט נאַשוואַרגן פאַר מיין משפחה.

4.

מיכאָעלס און פעפער האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם לעצטן אָוונט, ווען זיי האָבן פאַרבראַכט ביי די שאַגאַלס. בעלאַ איז געווען אַ תלמידה פון מיכאָעלס. ביידע האָבן זיך פאַרשפּאַרט אין אַ צימער און געקלאָגט. פעפער און מאַרק האָבן געלאַכט און געוויינט. אידאַ, קוקנדיק אויף די עלטערן, האָט גע־פּרואווט זיין די שטאַרקע און זיי געטרייסט, אַז מען וועט זיך זען אין גיכן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָר זי האָט אויך ניט אויסגעהאַלטן און זיך צעכליפּעט. זי איז מיטגעפאָרן מיט פעפערן קיין באַלטימאָר און פון דאָרט מיר געשיקט אַ בריוו וועגן זייער פאַרלאָזן.

ס׳איז אָנגעקומען אַ הייסער זומער. די שאַגאַלס זיינען אַוועק־געפאָרן אין די קעטסקיל־בערג. פון דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישן אונדז, אידאַ האָט געשריבן אין ענגליש, מאַרק אויף יידיש.

כ׳בין געבליבן אַליין מיטן פּלאַנירטן פעפער־בוך און מיט די שאַגאַל־צייכענונגען. דער דרוקער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער קאָן ניט קריגן דאָס בויטיקע פּאַפּיר פאַר די צייכענונגען. ס׳איז בכלל געווען שווער מיטן טעכנישן טייל פון בוך. די אָנווייזונגען פון שאַגאַלן האָט דער דרוקער ניט געקאָנט דורכפירן, און שאַגאַל אַליין האָט זיך ניט מטריח געווען צו קומען אין שטאָט און אַריינגיין צום דרוקער.

די אַרבעט האָט זיך פאַרצויגן. איך האָב געשיקט שאַגאַלן די קאָרעקטורן פון זיינע צייכענונגען, און אָט איז אַ בריוו פון אים וועגן דעם ענין, אין זיין אויסלייג:

קאָלד ספּרינג, יולי, 1943.

ליבער פריינט ראָנטש,

באַקומען אייער בריף מיט דער פּראָבע.

מען דאַרף — מען קען מאַכן נאָך אַ ביסעלע ברויטער די קלישע (זעט די ברויט פון בוך „רויטאַרמייאיש״). אַלע שוואַרצע שטריכעלעך און פּינטלעך מוזען אַרויס— זאָל ער קוקן דער דרוקער־גראַווייער אויף אייניגע טיפּישע לעסין׳ס צייכענונגען. מען דאַרף ניט די ווייסע פאַרב־שטריכן . . .

שיקט מיר צו אַלזאָ אַן אַנדער פּראָבע ד. ה. שוואַרץ אויף ווייס (אַן דעם גראַייען פאָן) און מיר וועלן זעהן.

עס דאַרפן זיין דריי קראַפטן שוואַרץ און ווייס פון ייעדן צייכענונג.

1. די געדיכטע שוואַרצע מאַפּפען.
2. די אוינצעלע שטריכען.
3. די פּינטלעך (שאַרפערע און מעהר דעליקאַטע).

דאָס דאַרפמען איבערגעבען פּינקטלעך — מען זאָל זעהען די אַרבעט.

פּרובירט מאַכען אַן אַנדער קלישע שוואַרץ אויף ווייס, און מיר וועלן פאַרגלייכען מיט די גראָייער קאָפּיע, וואָס איך האָב באַקומען פון אייך. אויב מען קען, זאָל ער אויך מאַכען נאָך אַן אָפּדרוק אַ העלערען פון דעם ערשטען קלישע און שיקט מיר צו זעהען דאָס אַלץ.

מיט גרוס און מיט בעסטע וואונטשן פון אונז דריי,

מאַרק שאַגאַל

דער דרוקער האָט מיך, נאַטירלעך, געשיקט צום גראַווירער. דער גראַווירער האָט געזאָגט, אַז שאַגאַל הייבט ניט אָן פאַרשטיין דעם פּראָצעס פון דעם דרוק־פאַך. אויב מען זאָל אפילו מאַכן נייע „קאַטס״, וועט דאָס אויך ניט אַרויסקומען בעסער.

דער דרוקער האָט זיך געקליבן פאַרמאַכן דעם שאַפּ אויף אַ פּאָר וואַקאַציע־וואָכן. עס זיינען געווען אַנדערע קאָמפּליקאַציעס. עס איז געווען אַ געפאַר, אַז דאָס דערשיינען זאָל זיך פאַרציען און פאַרציען. די מלחמה איז אויך געווען אויפן היים־פראָנט, אין דער דרוקעריי.

פעפערס „היימלאַנד“ איז ערשט אַרויס אין יאַנואַר 1944. די ערשטע קאָפּיע האָב איך אַוועקגעשיקט שאַגאַלן, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אין קאָלד ספּרינגס־אויפן־האָדסאָן.

איך האָב דערוואַרט אַ פּאָר גוטע ווערטער פון אים, דערפאַר וואָס איך האָב געטאָן אַלץ וואָס איך האָב געקאָנט נאָכצוקומען זיינע פאָדערונגען, און ער האָט געוואוסט וויפל צרות איך בין אויסגע־שטאַנען סיי פון דרוקער, סיי פון דעם מאַנגל אין געלט, סיי פון איינ־בינדער, סיי פון דעם ניט־פּאַסיקן פּאַפּיר, סיי פון מאַנגל אין קאָ־אָפּעראַציע בכלל.

אָט איז זיין בריוו, וואָס רעדט פאַר זיך אַליין:

„קאָלד ספּרינגס (האָדסאָן), 1944: 2־4

ליבער פריינט ראַנטש:

דער אויסזעהען פון פּעפערס בוך האָט מיך ווירקליך פאַר־דראָסען, ווייל אין עצעם איז געוועז דאָך אַלע מאַטעריאַלן, אַז זאָל זיין אין גאַנצען גוט.

איך פון מיין זייט, האָב זיך געסטאַרעט מאַכען גוטע צוי־כענונגען. אָבער דער צוזאַמענשטעל אין בוך איז ניט פּאַסיג פאַר דער גאַנצער קאָמפּאָזיציע פון בוך.

פאַרוואָס אין אָנהויב צוויי צייכנונגען, צוגעדריקט איינס צום אַנדערן?

די אונטערשריפטן אויף די צייכנונגען דאַרפן זיין גאָר נידעריק.

ס׳נעמט אָפּ דעם אָטעם ביי די צייכנונגען.

אין פאָרענט פון בוך האָט געדאַרפט זיין אַ „פראַנטיספּיס“, אַ גרויסער צייכענונג אַן אַלגעמיינער, לאָמיר זאָגען די „ליבע“ אויסער דעם קאַפּיטעל. (נאָכן בילד פון פעפער גייען צוויי פּוסטע בלעטער . . . די בעסערע די שווערע צייכענונגען זיינען אַלע צוזאַמען, צו געדיכט, ווייט פון אָנהויב — פון בלאַט 17 ביזען בלאַט 59 איז פּוסט.

ס׳איז דאָ פּיל פּוסטע בלעטער ווען דער טעקסט מיט די קליינע (צייטונגס) שריפט איז אויף איניגע בלעטער געדיכט, אויף אַנדערע גאָר איז אַ פּאָר סטראָפען.

דער נאָמען איציק פעפער דאַרף אויף דער הילע זיין פיל פעטער — גרעסער.

דאָס געלע איינבינדונג־פּאַפּיר איז צו־ביליק, נישט שוין און פאַרוואָס נישט געבן די הויפּט צייכענונגען פון פאַרענט פון די לידער (ווי באַ לעסינען) און נישט פון הינטן?

די „חתונה" און דאָס „פערד מיט פליגלען" דאַרפן אַביסעלע אַפּרוקן פון רעכט צו לינקס אויפן בלאַט. און דאָס הויפּט־זאַך, וואָס פאַרדריסט מיך זייער, וואָס מען האָט געהאַרגעט מיין פערדל? ווי אַזוי איז עס געקומען? די פּראָבע איז דאָך געווען גאַנץ גוט? ווי האָט איר ניט אָפּגעשטעלט אין מיטען דרוק?! ;

גוט זיינען אָפּגעדרוקט, די ליבע, דער קלעזמער, די מוטער, כאָטש די אונטערשריפטן זיינען צו הויך.

ליבער ראָנטש, אייער נאָמען איז דאָך אויסגעשטעלט אַלס אויסשטעלער . . . פינדעט איר גוט? איך מיין אַז אומבאַ־דינגט מוז מען אויסבעסערן דעם ביכל. — דאָס איז דאָך אַ מתנה און נאָך פון דער „רייכער" אַמעריקע. עס וואָלט זיך לייגען דרוקן גאָר אַנדערע, ווען מען האָט ניט קיין סך געדרוקט. דערווייל אין מאָסקווע מוז אַוועק גיין נאָר גוטע עקזעמפּלאַרן.

איך קום צוריק דעם 11. קומט זייט, אַזוי גוט, שבת דעם 12 אין דער פרי. קלינגט אָן. און דרוקט ניט, ביז וואַנען איך קום צוריק. מע מוז ראַטעווען דעם בוך.

אַנטשולדיקט מיר דעם בריף אָבער די זאַך איז דאָך אַזוי וויכטיג דאָס איז דאָך צוליב פעפערן.

מיט גרוס פון אונז בוידען. איך האָף אייך צו זעען שבת.

מאַרק שאַגאַל".

נאַטירלעך, זיינען אַלע פאָרשלאָגן געקומען צו־שפּעט. דאָס בוך איז שוין געווען אַרויס פון איינבינדער. אַ נייע אויפלאַגע האָט גע־מיינט האַלטן דעם זאַץ, און בליי איז דאַן געווען מיט גאָלד צוגלייך, און מען האָט דאָס ניט געוואָלט האַלטן.

ווען שאַגאַל איז פרייטיק געקומען צו פאַרן, האָב איך גערעדט אויפן טעלעפאָן מיט בעלאַן. ווען זי האָט דערהערט, אַז דאָס בוך איז ניט „אָפּגעשטעלט געוואָרן" און די אויסבעסערונגען זיינען ניט געמאַכט געוואָרן, האָט זי, ווי איר שטייגער איז געווען, געענטפערט געלאַסן און ליבעסווירדיק, אַז, ווי תמיד, האָט זי מיך געוואָלט איינ־

לאַדן צום פּרייטיק צונאַכט־מאָלצייט, מיט וועלכן זי האָט זיך אויס־געצייכנט, נאָר ווי אַ גוטער פריינט האָט זי מיר געראָטן ניט צו קומען מאָרגען זיך זען מיט שאַגאַלן. ווען ער וועט דערהערן, אַז דאָס בוך איז שוין אַרויס, און מען האָט עס ניט „אָפּגעשטעלט" און אַז מען וועט ניט מאַכן גלייך אַ נייע אויפלאַגע, וועט ער מאַכן דעם גרעסטן סקאַנדאַל.

„ווייזט זיך ניט פאַר אים, דערפאַר וואָס ער וועט אייך **וואַרפן** וואָס עס וועט אים קומען אין האַנט אַריין. קיין זאַך קאָן אים אַזוי ניט דערצאָרענען ווי ווען מען רירט־אָן זיין קונסט. ער לעבט צוליב דער קונסט. עס וועט אים געפערלעך ווי טאָן, און ער וועט קראַנק ווערן דערפון. איך בעט אייך, קומט ניט, ווייזט זיך ניט פאַר זיינע אויגן, אָדער אייער לעבן וועט שטיין אין געפאַר. איך ווייס ניט וואָס אייך צו ראטן אין איצטיקן מאָמענט ס'זאָל גוט אָפּגיין, נאָר ווי גאָט איז אייך ליב, באַהאַלט זיך פון אים".

אויף אַזאַ „גוט שבת" האָב איך זיך ניט געריכט.

ביי מיר געפינט זיך נאָך אַן אָנוואָרף פון שער־בלאַט, וואָס שאַגאַל האָט געמאַכט און אויך האָב איך געדענקט געוויסע פּרטים בנוגע דעם אויסשטעל פון די צייכנונגען און מיר האָבן געטאָן וואָס עס איז געווען מעגלעך אונטער די אומשטענדן אים צופרידנצושטעלן.

די פינטעלעך פון דעם פערדלס עק, וואָס האָבן געדאַרפט זיין דאָ שוואַרצער און דאָ העלער, זיינען געווען דאָס בעסטע וואָס דער מלחמה־טינט און מלחמה־פּאַפּיר האָבן געקאָנט באַווייזן. עס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז מיין פאַרטיידיקונג איז באַשטאַנען אין ברענגען שאַגאַלן אין דרוקעריי און אים באַקענען מיט איר מעכאַניזם.

ווידער וועגן בעלאַס וואָרנונגען, אַז איך שטעל־איין מיין לעבן, האָב איך באַשלאָסן, אַז עס וועט זיין פאַר מיר אַ כבוד געטויט צו ווערן פון מאַרק שאַגאַל. זי האָט מיר געזאָגט, אַז אויב איך וועל אַריינקומען אין הויז, וועט ער אויף מיר וואַרפן די שווערע וואַזעס, וואָס זיינען אַנטיקן.

צו איר איבערראַשונג, האָב איך זיך באַוויזן שבת, 12 בייטאָג. זי האָט זיך באמת דערשראָקן. עס האָט תמיד פון איר געאָטעמט מיט אַזאַ ראַפינירטקייט, מיט אַ חסידישער ניט־דאַאיקייט, און מיט פראַנ־צויזישער עלעגאַנץ.

י. א. ראָנטש פּרעזענטירט מאַרק שאַגאַלן מיטן איציק פעפער בוך

זי האָט געריידט צו מיר שטיל:

„איך האָב אייך געבעטן, ניט קומען. פאַרוואָס זייט איר געקומען? איר וועט זען וואָס עס וועט געשען. ווי איז מיר! וואָס טוט מען? די ערשטע זאַך, גייט אַרויס פון הויז און גייט אַריין אין זיין סטודיאָ. דאָרט וועט ער ניט האָבן וואָס צו וואַרפן. צווייטנס, גלויב איך ניט, אַז ער וועט וועלן רעדן מיט אייך. איך וועל אים זאָגן וואו איר זייט, נאָר איך וועל ניט אַריינקומען מיט אים. זאָל אייך גאָט העלפן".

איך האָב געפאָלגט. בין אַריין אין סטודיאָ און זיך געשטעלט ביים פענצטער, ווייט פון דער טיר. עס האָט ניט לאַנג געדויערט, און די טיר האָט זיך באַזאָכט אַן עפן־געטאָן. דורך דער שפּאַרונג איז אַריין שאַגאַל. זיין קאָפּ איז געווען אַראָפּגעלאָזט, דאָס פּנים צעקאַרטשעט, די אויגן האָט מען קוים אַרויסגעזען, די הענט זיינען געהאַנגען אָנמעכטיק. ער האָט אויסגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך גע־שראָקן פאַר עפּעס, ניט ווי ער וואָלט זיך געקליבן מיך אַטאַקירן.

„בעלאָטשקא האָט אייך געבעטן ניט באַווייזן זיך. איר ווייסט ניט, ווי איר האָט מיר ווי געטאָן. איר ווייסט וואָס איר זייט? איר זייט באַגאַנגען אַ מאָרד. איר האָט ניט בלויז חרוב געמאַכט די צייכנונגען, נאָר וואָס וועט פּעפּער זאָגן? און ווי וועט מען דאָס קאָנען ווייזן פאַר לייטן?

„איר האָט זיך ניט וואָס צו פאַרענטפערן. וואָלט איך אייך ניט געקאָנט און ליב געהאַט, וואָלט איך מער מיט אייך ניט געהאַט וואָס צו טאָן. וואָס איר וועט מיר זאָגן, וועט איר זיך ניט קאָנען פאַרענט־פערן. ס'איז דאָ איין מיטל — צעשטערט דאָס בוך און מאַכט אַ נייעם בוך. בין איך ניט גערעכט?"

זיין קול איז געווען פול מיט צער, נידעריק, שוואַך . . .

איך האָב אים פאָרגעשלאָגן, אַז ער זאָל מיר עפּעס וואַרפן אין קאָפּ אַריין, און דערנאָך זאָלן מיר גיין טרינקען אַ גלעזל ווין. ערשט דאַן האָט ער אויפגעהויבן זיינע מערקווירדיקע בלויע אויגן, וואָס זיינען דעמאָלט געווען גרוי־בלוי און אַליין, שטייענדיק ביי דער טיר און איך ווייט ביים פענצטער, האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט: „וואָס קאָן זיין אייער ענטפער צו מיר? איר האָט ניט וואָס צו ענטפערן, פראַווילנאָ?"

איך האָב פון אים פאַרלאַנגט איין זאַך: מאַנטיק, צען פרי, קום איך נאָך אים און מיר פאָרן אין דרוקעריי, און מיר באַקענען אים

מיט די פּרעס־מאַשינען, מיט די לינאָטיפּן, א. אַנ.

ער האָט געפאָלגט און ווען מיר האָבן זיך באַוויזן אין דרוקעריי, איז ער געוואָרן אַן אַנדער מענטש. ערשטנס, האָבן די אַרבעטער אים אַרומגערינגלט און געהאַלטן דעם פּעפּער־בוך אין די הענט און גע־בעטן, אַז ער זאָל אויטאָגראַפירן. די אַרבעטער אין זייערע פּאַרטיכער און אַרבעטס־בגדים האָבן גערעדט יידיש. זיי זיינען געווען פאַר־שוויצט, פאַרשוואַרצט. דער רעש פון די ליינאָטייפּס און פון די קליינע פּרעס־מאַשינען און פון דער גרויסער פּרעס־מאַשין האָט אים פאַרכאַפּט. ווי אַ קינד, האָט ער אַלץ באַקוקט און אויסגעדריקט זיין באַוואונדער. נאָר הויפּטזעכלעך איז אים געפעלן געוואָרן די גרויסע פּרעס, וואָס דרוקט ביכער. אויבן אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ קליין מענטשל, אַ מיטליעריקער ייד, וואָס איז געווען דער באַלעבאָס איבער דער פּרעס. ער האָט געגעבן אַ דרוק אַ קנעפּל, און די מאַשין האָט זיך צערעוועט. ער האָט געגעבן אַ צווייטן דרוק, און די מאַשין איז אַנטשטומט געוואָרן.

שאַגאַל איז געווען אויסער זיך.

„מיין ליבער ראַנטש, איר מוזט מיך באַקאַנען מיט דעם יידן. אפשר איז ער גאָר פון מיין געגנט, אַ וויטעבסקער? ער קוקט־אויס ווי אַ וויטעבסקער“.

דער ייד איז אַרונטער פון דער מאַשין, צוגעקומען, דערלאַנגט אַ פאַרשמירטע האַנט, זיך אַנטשולדיקט, און שאַגאַל האָט זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן פון זיין געשמאַקן מינסקער יידיש.

אַ האַלבע שעה האָט דער שאַפּ נאָכגעפאָלגט שאַגאַלן. יעדער איינער האָט אים געפרואווט דערקלערן זיין טייל אַרבעט. אַלע האָבן גערעדט יידיש. און צו זיין צופרידנקייט האָט ער געטראָפן אַ רו־סאַק, אַן ענגלישן לאַינאָטייפּער, וואָס איז אויך געווען אַ מיטאַרבע־טער פון דער רוסישער פּראָגרעסיווער צייטונג אין ניו־יאָרק.

פאַרן אוועקגיין האָט ער געזאָגט, אַז ער וויל זיך געזעגענען מיטן מינסקער ייד, געוואָלט דריקן די האַנט, וואָס איז דער מייסטער איבער אַזאַ מאַכינע.

מיר זיינען אַריין אין אַ רעסטאָראַן. שאַגאַל האָט מער ניט דער־מאָנט דעם פּעפּער־בוך און מיינע זינד. פאַרקערט. ער האָט געבעטן בעלאַן צוגרייטן אַ מאַלצייט, אַ שלום־מאַלצייט.

בעלאָס אויגן, די וואונדערבאַרע גרויסע אויגן, האָבן געשמייכלט מיט גליקזעליקייט.

דער באַנקעט

ניט בלויז האָט שאַגאַל פאַרגעסן, וואָס מען האָט „געהרגעט מיין פערדל" אין פעפערס „היימלאַנד", נאָר ער האָט, ווי אַ צייכן פון זיין אנערקענען מיין מי, געמאַכט אַ צייכענונג אין מיין עקזעמפּליאַר פון בוך און טאַקע סקיצירט אַ קאָפּ פון אַ פערד.

אינטערעסאַנט איז די קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן זיין טאָכטער אידאַ און מיר אין יענער צייט. מערסטנס זיינען אירע בריוו ניט דאַטירט, בלויז דער טאָג.

אָט איז אַ מוסטער:

שבת.

. . . דער טאַטע איז זייער נייגעריק וועגן די רעזולטאַטן פון פעפער־בוך. זעלטן האָב איך אים געזען אַזוי צופרידן צו האָבן עפּעס אויפגעטאָן, נאָר אַזוי באַזאָרגט וועגן די שווע־ריקייטן מיט דער דרוקעריי.

„קאָן איך באַהילפיק זיין מיט עפּעס? טעלעפאָנירט מיר. אינדערפרי בין איך שטענדיק אין הויז.

„מיט מיינע בעסטע גרוסן צו אייך ביידן. אידאַ שאַגאַל".

אין אַן אַנדער בריוו באַקלאָגט זי זיך, אַז דער פֿאָטער דערהאַלט ניט די „מאָרגן־פֿרייהייט" און בעט, אַז מען זאָל אים שיקן (ער איז דאַן געווען אויפֿן לאַנד), איבערהויפּט די סוף־וואָך־נומערן.

אין יענער צייט האָט זיך שלום אַש געפֿונען אין סטעמפֿאָרד, קאָנעטיקוט, וואו ער האָט געהאַט זיין היים. מאַרק האָט מיר ניט איין מאָל דערציילט וועגן זיינע באַגעגענישן און צוזאַמענשטויסן מיט אַשן. ער האָט אים ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, האָט ער מיר דערקלערט. און ער האָט זיך געפּרואווט אַריינגריבלען אין זיין כאַראַקטער אַלס מענטש און ייד.

ער האָט מיר, למשל, דערציילט, אַז אַש איז געקומען צו אים אַמאָל אין סטודיאָ און דערזען איינע פֿון זיינע קריסטוס קרייץ־בילדער, איבערהויפּט יעזוס אין אַ טלית. אַש איז געוואָרן אויסער זיך פֿון באַגייסטערונג און שוין דאָס געוואָלט צונעמען. „איך זאָל אים געבן אַ מתנה", האָט מאַרק אַקצענטירט.

אין אידאָס אַ בריוו צו מיר דערציילט זי, אַז זי געפֿינט זיך אין סטעמפֿאָרד אַליין אין אַשס הויז. זי וועט דאָרט זיין צען טעג.

אין אַ צווייטן בריוו פֿון סטעמפֿאָרד דערציילט זי, אַז זי האָט דערהאַלטן פֿאָלגנדיקע קעיבל פֿון איציק פֿעפֿערן:

„דערהאַלטן די ביי‏עס, אַז מיין „היימלאַנד" איז שוין דער־
שינען מיט די שאַגאַל וואונדערבאַרע אילוסטראַציעס. גיב־
איבער מיינע דאַנקען צו ראַנטשן, מיט די בעסטע וואונטשן".

מיר האָבן זיך געקליבן פֿייערן דאָס דערשיינען פֿון פֿעפֿערס בוך מיט אַ באַנקעט לכּבוד מאַרק שאַגאַלן. דאָס איז פֿאָרגעקומען זונטיק, אַפּריל דעם 30טן, 1944, אין ראָזאָפֿס רעסטאָראַן.

אידאָ האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיטן באַנקעט, און פֿון סטעמפֿאָרד אויסגעדריקט אירע מיינונגען, למשל, וועגן פּרייז פֿאַר אַ בילעט („איז עס ניט צו־טייער?"), וועגן אַ ניי קלייד, וואָס זי וועט דאַרפֿן קויפֿן צום באַנקעט; מיט וואָס קאָן זי באַהילפֿיק זיין צום דער־פֿאָלג פֿון באַנקעט, א. אַז. וו.

דער „איקאָר", וואָס האָט אַראַנזשירט דעם באַנקעט, האָט מיך באַשטימט פֿאַרן טאָוסטמייסטער. פֿאַר מיר איז דאָס געווען זייער ניט קיין וויליקע אויפֿגאַבע. איך האָב געוואוסט, אַז כ'וועל דאַרפֿן פֿאַרשטעלן באַרימטע פּערזענלעכקייטן און פֿון געדאַנק אַליין איז מיר געוואָרן קאַלט אויף דער נשמה. איך בין דאַן געווען איבערגעאַרבעט

און זיך אַליין געגרייט אַרויסגעבן צוויי ביכער, פאַר וועלכע איך האָב געמוזט שאַפן פאָנדן. האָב איך זיך געפּרואווט אָפּבעטן און פאַרגעשלאָגן נעמען, וואָס וואָלטן זיך אָנגעכאַפּט אין אַזאַ פּריווילעגיע. נאָר דאָ האָבן זיך אַריינגעמישט אי מאַרק, אי בעלאַ. ביידע זיינע באַשטאַנען, אַז איך מוז אָננעמען.

ביים רעדנער־טיש זיינען געזעסן: מאַרק, בעלאַ, אידאַ און איר מאַן, לעאָניד אַבראַמאָוו פון סאָוועטישן קאָנסולאַט מיט זיין פרוי פּאָלינא, שלום אַש און זיין טאָכטער רות אַש־שייפער, דער מאָלער מאַקס וועבער, דער קונסט־קריטיקער דר. אייזיק קלומאַק און זיין פרוי, פּראָפעסאָר אַדאָלף אָקאָ און זיין פרוי, דר. לואיס שאַצאָוו, פּסח נאָוויק, אברהם דזשענאַוסקי און זיין פרוי פרידאַ, ראובן זאַלצמאַן און זיין פרוי, און מרס. מאַגידאָוו.

עס זיינען אויך געווען פאַרזאַמלט אַ גרויסע צאָל קינסטלער און טעאַטער־מענטשן. איך האָב לאַנג געהאַט געאַרבעט אויף מיינע פאָרדערעפן־ווערטער, וואָס איך האָב פאָרגעלייענט, מסתם מיט אַ ציטערדיק קול. דעם ערשטן האָב איך פאָרגעשטעלט שלום אַשן. ער האָט גערעדט מיט אַ סך וואַרעמקייט און פייער. זיך אָפּגעשטעלט אויף פּעפּערס דיכטונג, וואָס איז „עכט, פון אַ געזונט פאָלק אין אַ געזונט לאַנד". דאַן איז ער אַריבער און געווידמעט די מערסטע צייט צו מאַרק שאַגאַלן, וואָס האָט „געגעבן דורך זיינע מאָלערייען דאָס עכטע פון דער יידישער פאָלקס־קולטור". שאַגאַל, האָט ער געזאָגט, קאָן פאַרגליכן ווערן מיט די גרעסטע וועלט־קינסטלער, ווי רעמבראַנדט און ראַפאַעל. ער איז אויך „דער זוכער פון אמת".

מיט אַ פאָר מאָנאַטן פריער האָט איך שאַגאַלן באַקענט מיט דר. אייזיק קלומאַק, וועלכער פלעגט דרוקן אין דער „מאָרגן־פרייהייט" אַרטיקלען איבער קונסט, וואָס זיינען שאַגאַלן שטאַרק געפעלן געווען. ער האָט מיך דערפאַר געבעטן, אַז איך זאָל קלומאַקן געבן אַ וואָרט צום באַנקעט. קלומאַק האָט געליטן פון זעלבן רעדנערפיבער ווי איך, און ער האָט זיך גוט געהאַט צוגעגרייט און געגעבן אַ פּראַכטפולע קורצע אָפּשאַצונג וועגן שאַגאַלס קונסט (אגב, האָט קלומאַק שפּעטער אַרויסגעגעבן אַ בוך אין ענגליש וועגן שאַגאַלס ווערק).

צווישן די באַגריסער זיינען אויך געווען מאַקס וועבער און וויליאַם גראָפּער. דער פאָרשטייער פון סאָוועטישן קאָנסולאַט האָט געלויבט די אַרבעט פון „איקאָר", נאָר מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט שאַגאַלן אָדער פּעפּערן.

מנשה אונגער האָט באַגריסט אין נאָמען פונעם שרייבער־קאָמיטעט און זיך אָפּגעשטעלט אויף די העצעס, וואָס געוויסע יידישע שרייבער פון רעכטן לאַגער האָבן אָנגעפירט קעגן פּעפּערן. פּ. נאָוויק האָט אין זיין רעדע פאַרגעשלאָגן, אַז מען זאָל אַרויסגעבן שאַגאַלס אויטאָביאָגראַפיע אויף יידיש. עס האָבן באַגריסט דזשענאַוווסקי און זאַלצמאַן. ליובא קאַדיסאָן און פּוירל יאַדאָף האָבן פאַרגעלייענט פון פּעפּערס „הימלאַנד״.

שריפטלעכע באַגריסונגען זיינען אָנגעקומען פון ריכטערין אַנאַ קראָס, ב. צ. גאָלדבערג, לעאָן קאָברין, דר. רפאל מאהלער, פּראָפעסאָר טשאַרלס קונץ, חזן פנחס יאַסינאָווסקי, א. אַנ.

דער לעצטער רעדנער איז געווען מאַרק שאַגאַל, וואָס האָט געלייענט זיין רעדע אין אַ קלאָרן, געזונטן יידיש. ווען ער האָט געענדיקט, האָט דער עולם אים געמאַכט אַן אָוואַציע.

פריער פון אַלץ האָט ער באַדאַנקט „אַלעמען פאַר אייערע גוטע ווערטער״, נאָר באַדויערט וואָס ער איז דאָ אַליין, אָן פּעפּערן. „ערשטנס, וואָלט אונדז אַלעמען זיין אַביסל פריילעכער, און דערנאָך וואָלט איך זיך ניט פילן ווי אַ שטיקל ,אוזורפּאַטאָר׳, ווייל די זינגענדיקע לידער פון בוך האָט דאָך איציק פּעפּער אָנגעזונגען מיט זיין פולן יונגן קול — קומט טאַקע דער גאַנצער כבוד אים . . . איך האָב נאָר — ווי זאָל מען עס זאָגן? — אַביסל צוגעפייפט צום ליד. מיר דאַרפן אויך האַרציק באַדאַנקען די אַרויסגעבער פון פּעפּערס בוך — דעם איקאָר— און ראַנטשן, וואָס האָט מיט ליבע און מי צוזאַמענגעשטעלט דעם בוך״.

זיין רעדע איז געווען אָפּגעדרוקט אין „ניילעבן״, יוני, 1944. עס ווילט זיך דאָ איבערגעבן אַ פּאָר פּאַראַגראַפן:

„עס איז שרעקלעך, ווי דער שונא שלאָגט אונדז! שרעקלעכער איז ווי די פעלקער שווייגן־צו . . . אָבער נאָך שרעקלעכער איז צו־צוזען, ווי מיר באַוויינען די קברים פון די קדושים, נאָר גיבן ניט אַ געשריי איינער צום אַנדערן: „אָט איז די צייט, אַז מיר גיבן איינער דעם אַנדערן אַ האַנט, צו דערקענען אין יעדערן זיין ברודער, ניט צו דערלאָזן צו אונדזער אונטערגאַנג״.

„ווען מיין לאַנד אין מיין פאַרשטעלונג איז פאַר מיר געווען גרויס ווי אונדזער הויף, ווען איך האָב זיך באַהאַלטן אונטערן בעט, ווען

אַ ,גאַראַדאַוואַי׳ פּלעגט דורכגיין הינטערן פענצטער אויפן גאַס — איז פאַר פעפערן דאָס לאַנד ,פון ים ביז ים׳. און ער זינגט און פאַרט איבער איר פריי מיט אַנדערע יונגע ווי ער״.

„. . . איך האָב ליב קאָנטראַסטן, אין וועלכע עס ליגט באַ־האַלטן דער האַרמאָנישער אמת.

„איך האָב איניזינען איינעם פון פיל אַנדערע ביישפּילן, ווען פאַר־שיידענע פאַליוסן אין קונסט באַגעגענען זיך ערגעץ־וואו. אָט איז דער קלאַסישער רעאַליסט פּושקין מיט זיין טיפן געשליפענעם ריטם און דער אַנגעצונדענער ראָמאַנטיקער באַדלער — דער פאַרשלייערטער אין חלומות פון פאַרכישופטע גיפטיקע בלומען, — זיי באַ־געגענען זיך דאָך אין זייער לעצטער עכטקייט. און איך דערמאָן זיך די לעצטע קונסט־עקספּערימענטן אין פּאַריז, וואו לעבן א בילד פון אַן אַלטן פרימיטיוו פון מיטלאַלטער ווי דזשאָמא, קאָן הענגען אַ פּיקאַסאָ, און לעבן אים קאָן הענגען דער פאַר־רענעסאַנס קינסט־לער מאָנטעניאַ, און לעבן אונדזע מאדיליאני קאָן הענגען אַ בי־זאַנטישע איקאָנע.

„איך האָב שטענדיק געטרוימט אין קינסטלערישער אַרבעט פאַר ביכער — צונויפגיסן זיך מיט דער ליטעראַטור, סיי אונדזערער, סיי פון אַנדערע פעלקער, אַנהויבנדיק פון דער ביבל, לאַפּאָנטען, גאָגאָל, פּרץ, שלום־עליכם, ביז די לעבעדיקע היינט. געמיינט עס טאָן ניט אַלס אילוסטראַטאָר בוכשטעבלעך, נאָר ווי אַ סימן פון קונסט־קרובהשאַפט.

„עס איז, פאַרשטייט זיך, מיין פאַרגעניגן צו אילוסטרירן פעפערן, ווייל פון זיינע שורות האָב איך געפילט דעם פייער פון יענע העלדן. עס גייט פון זיי אַ רויך, ווי אַ היץ פון דער ערד, און זיי טראָגן אין זיך דעם נייעם מענטשן.

„איך פריי זיך אין אַלגעמיין, ווען איך זע אַ מענטשן אין לעבן און אין אים זע איך ניט נאָר אים אַליין, נאָר דורך אים אַ גאַנץ לאַנד, אַ פּייזאַזש, אַ פאָלק.

„ווען איך בין געווען יונג, האָב איך געוואָלט איינגעמען וועלטן. איצט וויל איך ,איינגעמען׳ נאָר אין וועלט אין קונסט: שאַפן עטלעכע בילדער. און דאָס איז שווער, ווייל זיי דאַרפן ,שוועבן׳, ווייל נאָר דעמאָלט קאָנען זיי איינפאַך גיין אויף דער ערד, און ערשט דעמאָלט פאַרשטייט מען זיי ניט, ווייל עס איז צו־פּשוט . . .

„ . . . איז אָבער די קונסט געווען ווי אַ כלה, איינגעוויקלט אין שלייערס. זי בענקט אין די פּאַלאַצן און ,מען קויפט זי פאַר געלט׳ . . .״

„און ווי קאָן מען רואיק זיצן און שרייבן און מאָלן ,פאַנטאַסטישע׳ בילדער און ביכער, ווען דאָס לעבן איז נאָך מער פאַנטאַסטיש?

„עס איז היינט אַ צייט גאָר ניט קיין קינסטלערישע. עס איז דאָך מלחמה אויף דער וועלט. אָבער פּאַרט, אין דעם פייער — קומען מענטשן רעדן וועגן קולטור, פּאָעזיע און קונסט, ווייל דאָס אַלץ איז אויך אונדזער געווער.

„וואָלט איך וועלן ענדיקן מיין צו־לאַנגן וואָרט מיט אַ ,געבעט׳, ניט צו גאָט, וועלכן איך האָב נאָך ניט אויסגעמאָלט, ניט אין אַ שול, וועלכע איך האָב יאָ אויסגעמאָלט, נאָר פאַר זיך: אַז וואָס עלטער איך וועל ווערן, זאָלן אונדזערע טריט דערהערן ווי אונדזער שטימע בייט זיך פון נייעם־אַלטן איינהאַלט און אונדזערע אויגן הויבן־אָן צו זען יענעם זיכערן נייעם־אַלטן וועג, וועלכן מיר אַליין און אַלע צוזאַמען דאַרפן שטענדיק זוכן און בויען. און דאָס וועט מען פילן און זען אויף אונדזער פנים״.

אין דער זעלבער וואָך זיינען אָנגעקומען פיל ברייוו און אָפּרופן וועגן דעם פיינעם באַנקעט. אידאַ שאַגאַל האָט געשריבן דאָס פאָלגנדיקע:

„מיטוואָך, מאַי 3,

„טייערער ראָנטש:

„איך האָב מאָנטיק נאָך געוואָלט שרייבן דיר צו זאָגן וויפל האַרץ, און נשמה דו האָסט אַריינגעלייגט (להכעיס מיין שלעכטן אויפפירן זיך) אין דיין פאַרזיצערשאַפט פון באַנקעט. און וויפל מען האָט עס געפילט. און איך וויל דיר באַדאַנקען דערפאַר. אידאַ״.

אין אַ צייט אַרום האָט זי מיר געשיקט דאָס פאָלגנדיקע:

„דער טאַטע האָט באַקומען אַ קעיבל פון פעפערן וואָס לייענט זיך אַזוי:

„באַקומען ,הימלאַנד׳ מיט דיינע זעלטענע צייכנונגען. ס׳איז אַ מתנה דער יידישער קולטור. איך נעם דיך אַרום. ווינטש דיר מוט און געזונט. דיין איציק פעפער״.

מיכאָעלס און פעפער האָבן ניט בלויז איבערגעלאָזט אַ בענקעניש אין דער שאַגאַל־היים, נאָר פעפערס נאָמען איז איבערהויפּט געווען אויף די ליפּן פון מאַרק און בעלאַן ביי אַ סך געלעגנהייטן.

עס איז געווען בעלאַ, וואָס האָט שטאַרק געליטן דערפון, וואָס עס איז איר ניט געלונגען געווען צונויפצוברענגען פעפערן מיט די שרייבער פון רעכטן לאַגער. זיי, מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" און „מאָרגן־זשורנאַל" און טיילוויז פון „טאָג", האָבן אָנגעפירט העצעס קעגן פעפערן. ער, ווי מיכאָעלס, האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו זיי און זיך געוואָלט באַגעגענען מיט זיי, אין די אינטערעסן פון דער יידישער ליטעראַטור, אין די אינטערעסן פון די מלחמה־אַקטיוויטעטן. עס איז דאָך געווען פעפער, וואָס האָט אָנגעשריבן „שאָטנס פון דער וואַרשעווער געטאָ" און „איך בין אַ ייד", נאָר די פיילן פון איסט בראָדוויי זיינען געצילט געווען קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד בכלל און קעגן פעפערס ליטעראַרישע דערגרייכונגען בפרט. פאַר זיי איז ער ניט געווען קיין אמתער טאַלאַנט. אויב ער וויל זיך טרעפן מיט זיי, זאָל ער קומען אין פּרץ־שרייבער־פאַראיין, זייער פעסטונג, וואו אַ לינקער שרייבער האָט ניט געקאָנט באַלאַנגען, און דאָרט וועט מען אים „אויסציען", דערלאַנגען, ווי נאָר זיי, די פּאָלעמיקער און רעאַקציאָנערן, זיינען פייאיק געווען. פעפער האָט ניט געוואָלט זיך קריגן, נאָר שלום־מאַכן מיט זיי.

בעלאַ שאַגאַל האָט געגלויבט, אַז איר וועט געלינגען, אויף איר פּערזענלעכער איינלאַדונג ביי זיך אין הויז, צוזאַמענצוברענגען אַ צאָל שרייבער און שאַפן פריינטלעכע באַציאונגען. אויב דאָס איז מעגלעך געווען ביי ניט־יידן, אויב רעפּובליקאַנער גאָווערנאָרס און סענאַטאָרן זיינען געקומען און באַגריסט די סאָוועטישע געסט, פאַר־וואָס האָט אַ שרייבער פון „מאָרגן־זשורנאַל" ניט געקאָנט זיך דער־הויבן און באַגריסן זיך מיט פעפערן?

ווען איך בין געווען ביי פעפערן אין האָטעל, האָט ער מיר מיט אַ ביטערן שמייכל געוויזן פּעק מיט ביכער מיט פיינע אויפשריפטן צו אים, וואָס ער האָט דערהאַלטן פון אַ צאָל יידישע שרייבער, דיזעלבע שרייבער, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו קומען צו בעלאַן און זיך באַגעגענען מיט אים אויף אַ „טיי".

אַ צאָל פון די שרייבער זיינען געווען גרויסע אָנהענגער פון שאַגאַלן. אַ צאָל פון זיי האָבן געקענט פון שאַגאַלס און בעלאַס גאַסט־פריינטלעכקייט אין פאַריז. זיי וואָלטן זיך געפילט דערהויבן, ווען בעלא וואָלט זיי דאָ איינגעלאַדן, נאָר אָן פעפערן.

בעלאַן האָט עס געפּערלעך געקרענקט, און זי האָט ביי מיר ניט איין מאָל געזוכט באַשייד. זי האָט די שרייבער ניט געקאָנט פֿאַר־שטיין, און איך האָב איר אויך ניט געקאָנט דערקלערן. גיי דערקלער איר, אַז דער רעדאַקטאָר פֿון דער גרעסטער יידישער צייטונג, אַב. קאַהאַן, האָט ניט דערלויבט צו דערמאָנען אויף די שפּאַלטן פֿון זיין צייטונג נעמען פֿון שרייבער און קולטור־מענטשן, וואָס זיינען אים ניט געווען צום האַרצן.

בעלאַ שאַגאַל

איינער פון די נאָענטסטע מענטשן, וואָס איז געווען אַן אָנגע־לייגטער גאַסט ביי די שאַגאַלס, איז געווען יוסף אָפּאַטאָשו.

איינמאָל, אַהיימפאָרנדיק מיט אים, האָט מיך אָפּאַטאָשו געפרעגט, צי בעלא האָט מיר געגעבן לייענען אירע זאַכן.

געוויס האָב איך ניט געוואוסט וואָס זי שרייבט. נאָר שאַגאַל האָט איר איינמאָל, אין מיין אַנוועזנהייט, פאָרגעשלאָגן, אַז זי זאָל מיר געבן עפּעס לייענען. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין פאַרלעגנ־הייט און איך האָב פאַרשטאַנען אַז זי וויל וועגן דעם ניט רעדן.

אָפּאַטאָשו האָט מיר דערציילט, אַז זי שרייבט זכרונות פון אירע קינדער־יאָרן און ווי יעדער איינער וואָס האָלט אַ פּען אין האַנט, האָט זי בדעה דאָס אַרויסצוגעבן, איבערהויפּט זייענדיק אין ניו־יאָרק.

איך האָב באַשלאָסן צו וואַרטן ביז זי וועט מיר אַליין פאַר־שלאָגן. אַזאַ געלעגנהייט איז געקומען ווען קיינער אויסער אונדז ביידע, איז ניט געווען אין הויז. זי האָט מיר דערציילט באַשיידן און פאַרזיכטיק, אַז שוין יאָרנלאַנג ווי זי האָט געשריבן קאַפּיטלען פון אירע קינדער־יאָרן. אַלס סטודענטקע אין מאָסקווע האָט זי זיך גע־דרוקט אין רוסישע זשורנאַלן, נאָר אין יידיש האָט זי קיינמאָל גאָרניט אָפּגעדרוקט. זי ווייסט ניט וואָס פאַר אַ ווערט אירע זאַכן קאָנען האָבן פאַר דער ליטעראַטור, נאָר דער נאָר שטופּט איר.

זי האָט מיר דערלאַנגט שמאָלע בלעטלעך פאַרשריבענע מיט אַ דריבנער האַנטשריפט. דער אויסלייג איז געווען אַ געמישטער, די העב־רעאישע עלעמענטן פאַרגרייזט, אַ סוך רוסיציזמען, נאָר אויך היימישע אויסדרוקן, וואָס זיינען שוין לאַנג ניט גענוצט געוואָרן און וואָס זי האָט זיי אָפּגעפרישט.

בעלאַ, די צאַרטע, איידעלע, ראַפינירטע, איז געווען אָפּגעשפּיגלט אין די שורות. די קינדער־יאָרן פון אַ יידיש מיידל, די יום־טובים,

וואָס האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָל אין איר היים, די משפּחה, די יאַוועליר־קראָם פון איר פאָטער, די גאַס, דאָס וועטער, די שכנים — עס איז געווען פריש און צוציענדיק און יום־טוב׳דיק און טאַ־לאַנטפול געשריבן.

איך האָב פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל ביי איר אין הויז צוזאַמענ־רופן אַ צאָל שרייבער און זי זאָל פאָרלייענען אַ פּאָר קאַפּיטלען און מען זאָל דאָס דיסקוטירן. זי האָט מורא געהאַט, אַז די שרייבער פון רעכטן לאַגער וועלן ניט קומען צוליב איר נאָענטקייט צו פּעפּערן און מיכאָעלסן. אויסער דעם האָט זי דערקלערט, אַז איר טרוים איז אַ פאַראייניקטער פראָנט ניט בלויז אויף די מלחמה־פעלדער, נאָר אויך צווישן די יידישע שרייבער. אויב איינלאַדן, וויל זי אויך לינקע שרייבער, ווי רעכטע. אין ביידע לאַגערן זיינען דאָ טאַלאַנט־פולע מענטשן.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם אָוונט אין שאַגאַלס סטודיאָ.

בעלאַ האָט געליטן פון בינע־פיבער. זי האָט געדאַרפט פאָר־לייענען עטלעכע קאַפּיטלען און אויסהערן מיינונגען פון די פאַר־זאַמלטע שרייבער און קולטור־טוער. עס זיינען געקומען אַ דרייסיק מענטשן, אַלץ באַוואוסטע נעמען. מאַרק איז געווען זייער גאַסטפריינט־לעך און זיך געזאָרגט אַז אַלע זאָלן האָבן גענוג געטראַנקען און צו־בייסנס. אידאַ (די טאָכטער) איז געווען די פּערפעקטע באַלעבאָסטע. איר שמייכל האָט באַווירקט און איר קול, אין ענגליש, רוסיש און פראַנצויזיש, איז געווען ווי דער געשמאַקער וויין וואָס איז סערווירט געוואָרן.

אָפּאַטאָשו איז געווען דער פאָרזיצער, און ווען דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט איז פאַר מיר געווען קלאָר, אַז קיין דערנעענטערונג צווישן די רעכטע מיט די לינקע איז ניט פאָרגעקומען. מען איז אפילו געזעסן אין צוויי באַזונדערע זייטן. קיין איין רעכטער איז ניט געזעסן צווישן די לינקע, און פאַרקערט.

דאָס זעלבע האָט זיך אויך געפילט נאָך בעלאַ׳ס פאָרלייענען. זי האָט געלייענט שטיל, געלאַסן, מיט אַ געשולטער דיקציע און אינ־טאָנאַציע. די אַראָפּגעלאָזטע פרק־אויגן זיינען געווען חסיד׳יש באַ־חנ׳ט און ערנסט. די רעכטע שרייבער האָבן אַקצענטירט איר אַרויס־ברענגען דאָס טראַדיציאָנעל־יידישע פון יום־טובים. די לינקע שריי־בער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם סאָציאַלן הינטערגרונט פון

איר שרייבן.ביידע צדדים זיינען געווען גערעכט, נאָר מען האָט ניט געגעבן קרעדיט איינער דעם אַנדערן.

אויף דעם פאָרשלאָג אַז עס זאָל געגרינדעט ווערן אַן ערן־קאָמיטעט פון שרייבער און קולטור־טוער אַרויסצוגעבן אַ באַנד פון בעלאַ׳ס שרייבן, האָבן זיך די לינקע גינסטיק אָפּגערופן און דאָס איז געווען געווען גענוג אַז די רעכטע זאָלן ניט צושטימען, נאָר באַשטאַנען דערויף אַז דער ענין זאָל איבערגעלאָזט ווערן אויף דער צוקונפט.

דורכן גאַנצן אָוונט האָבן די רעכטע זיך געהאַלטן פון וויטן פון די לינקע. איבערהויפּט האָט מיך פאַרדראָסן אויף אַ פּראָמינענטן פּאָעט וואָס איז געווען שטאַרק פאַרביסן און אויסגעמיטן צו ענטפערן אויף די באַגריסונגען פון לינק־געשטימטע שרייבער.

די שאַגאַלס זיינען געווען אַנטוישט פון אָוונט. וויפל איך האָב ניט געפּרואווט טרייסטן בעלאַ׳ן אַז אַלע אָן אויסנאַם האָבן געלויבט און אָנערקענט איר שרייבן, האָט זי אָבער געהאַט דעם געפיל אַז דאָס איז געווען צוליב העפלעכקייט. איבערהויפּט האָט איר פאַרדראָסן די באַציאונג פון די צדדים צווישן זיך. פון דער פעפער־דערפאַרונג האָט זי באַשולדיקט די רעכטע שרייבער אין ניט זיין טאָלעראַנט, אין ניט וועלן שלום מאַכן אין די אינטערעסן פון דער צייט אין וועלכער מען האָט געלעבט. ניין, זי וועט זיי ניט אָנפאַרטרויען איר בוך. אויב אַ קאָמיטעט, זאָל עס זיין פון פאַרשיידענע ריכטונגען, אָן דיסקרימינאַציעס פון אָנערקענטע שרייבער און קולטור־מענטשן.

מאַרק שאַגאַל איז אַרומגעגאַנגען מיט פאַרלייגטע הענט און געזיפצט: „באָזשע מאָי, באָזשע מאָי". אידאַ האָט זיי ביידע געטרייסט, אַז זאָל נאָר דאָס בוך פאַרטיק ווערן צום דרוק, וועט זיך שוין געפינען אַן אַרויסגעבער. זי איז געווען די שטויס־קראַפט, אַז די אַרבעט זאָל אָנגיין. מיט איר גלענצנדיק קול און קלוגן אויסדרוק, האָט זי מיך פאַרבעטן צו קומען אַ טאָג איבער אַ טאָג און לייענען דער מאַמעס מאַנוסקריפּטן און זיי מאַכן דרוק־פיִאיק.

איך בין באמת באַגייסטערט געוואָרן פון אַ צאָל קאַפּיטלען, וואָס זיינען געווען ניי אין אונדזער ליטעראַטור, און כאָטש מאַרק איז דאַן געווען שטאַרק פאַרנומען מיט זיין קונסט, האָט ער פון מיר יעדעס מאָל געפאָדערט אַ באַריכט וועגן דעם וואָס איך האָב געלייענט און וואָס איך שלאָג פאָר.

אַנדערש איז אָבער געווען בעלאַ. זי האָט מיר געקוקט גלייך

אין די אויגן אַריין און זיך באַצויגן מיט צווייפל. און האָב איך אָנגעוויזן אויף חסרונות, האָט זי זיך ניט פאַרטיידיקט, נאָר צוגע־געבן און צוגעזאָגט צו אַרבעטן נאָכאַמאָל אויפן קאַפּיטל.

דערווייל זיינען אָנגעגאַנגען פאַרהאַנדלונגען מיט פאַרשיידענע פאַרלאַג־אָרגאַניזאַציעס וועגן איר בוך. פון בעלאַ׳ס שווייגן און פון מאַרק׳ס פאַרבייסן די ליפּן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז קיין פּראָגרעס ווערט ניט געמאַכט. איך האָב זיך ניט געמישט און בלויז געטאָן מיין טעכנישע אַרבעט.

עס איז אָבער געקומען צו אַ מאָמענט, ווען אידאַ האָט מיך איינגעלאַדן פאַר אַ שפּאַציר „צו קויפן שאָקאָלאַד״, נאָר אין דער אמתן זיך דורכרעדן וועגן דער מאַמעס בוך. די מאַמע האָט געהאַט גרויס עגמת נפש פון איסט בראָדוועי, פון פאַדערונגען וואָס זיינען פון דאָרט געשטעלט געוואָרן, פון ניט־אָנגענעמע רייד, פון דער־מאָנען איר די פּריינטשאַפט מיט פּעפּערן. די מאַמע האָט געזאָגט אַז איידער אויסשטיין די ניט־פריינטלעכקייט, וועט זי בעסער דעם בוך איינגאַנצן ניט אַרויסגעבן.

אידאַ האָט געוואָלט וויסן פון מיר, וואָס זיינען די מעגלעכקייטן אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען אין פאַרלאַג פון יידישן פאָלקס־אָרדן מיט וועלכן איך בין דאַן געווען פאַרבונדן. איך האָב איר צוגעזאָגט צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט ראובן זאַלצמאַנען, דעם גענעראַל סעקרעטאַר, און איר לאָזן וויסן.

די קולטור־קאָמיסיע פון אָרדן, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל ביכער, האָט זיך באַצויגן שטאַרק סימפּאַטיש צום ענין און איך האָב אַזוי באַריכטעט אידאַן. זי האָט גערעדט מיט די עלטערן און זיי האָבן זיך אויסגעפּרעגט און געוואָלט וויסן ווי אומפּאַרטייאיש וועט די אָרגאַניזאַציע זיך באַציען צו דער אויסגאַבע. איך האָב דאַן אַראַנזשירט אַ באַגעגעניש פון אַ קאָמיטעט פון אָרדן מיט מאַרקן און אידאַן.

דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן. איך האָב זיך געדאַרפט איילן מיט צוגרייטן די מאַנוסקריפּטן און שפּעטער העלפן אין דעם אויס־וואַל און אויסשטעל און דאַן איבערגעבן דעם פאַרטיקן מאַטעריאַל אין די הענט פון אָרדן, וואָס האָט דאָס געדאַרפט איבערגעבן צו אַ קאָמיסיע גוטצוהייסן.

ווי אַ קינסטלערין האָט אידאַ פאַרשטאַנען אַז די מאַמע איז

בײַגעריק, אַז מען זאָל זיך טומלען װעגן איר בוך, װי מען טומלט זיך געװײנלעך פֿאַר שאַגאַלס אױסשטעלונג. דאָך איז בעלאַ געװען צו־באַשײדן און זיך אָפּגעזאָגט אױפֿצוטרעטן און לײענען פֿאַר אַ זײַטיקן עולם, װי איך האָב איר דאָס פֿאָרגעשלאָגן. דערהערנדיק אָבער אַז איך לערן ייִדישע ליטעראַטור מיט עלטערע קינדער אין דער מיטלשול, האָט זי אױסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז זי װאָלט געװען פֿאַראינטערעסירט צו הערן װאָס די יוגנט, װאָס פֿאַרשטײט ייִדיש, װאָלט געטראַכט װעגן אירע זאַכן.

און אַזױ האָב איך אַראַנזשירט אַז זי זאָל קומען צו אונדז אין מיטלשול, לעבן מײַן װאױנונג אין בראָנקס, װאו די קינדער האָבן געלערנט אין קעלער פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט.

איך האָב צונױפֿגענומען אַ פּאָר עלטערע קלאַסן. בעלאַ און אידאַ זײַנען געקומען צופֿאָרן מיט דער סאָבװײ, װאָס דאָס אַלײן איז פֿאַר זײ געװען אַ דערפֿאַרונג. זײ האָבן אַ ביסל שפּאַצירט אין בראָנקס פּאַרק, קעגנאיבער מײַן װאױנונג און באַזוכט אונדזער הײם אױפֿן פּערטן שטאָק, װאָס פֿאַר בעלאַן איז דאָס קריכן די פֿיל שטיגן געװען אַן אָפּקומעניש.

װען בעלאַ האָט פֿאַר זיך דערזען איבער צװאַנציק אַמעריקאַנער ייִדישע בחורים און מײדלעך, אין עלטער פֿון 13 ביז 17, װאָס האָבן פֿאַרשטאַנען ייִדיש און זיך שפּעטער גאַנץ פֿײַן אױסגעדריקט אין ייִדיש װעגן דעם װאָס זי האָט געלײענט, האָבן אירע גרױסע שײנע אױגן אױפֿגעבליצט. אידאַ, װאָס האָט קױם פֿאַרשטאַנען װאָס זײ האָבן געזאָגט, האָט אָבער פֿון דער מאַמעס פּנים אַראָפּגעלײענט איר גליקזעליקײט און אידאַס פּנים האָט אױפֿגעלױכטן און די בלױע אױגן האָבן געפֿינקלט.

איך האָב פֿאַר די קינדער דערצײלט װער בעלאַ און אידאַ זײַנען. בעלאַ האָט קײן דערקלערונגען ניט געמאַכט און בלױז געבעטן אין אַ פּאָר װערטער די קינדער, איר זאָגן, אױב זי לײענט ניט גענוג הױך אָדער צו שנעל. געלײענט האָט זי „פּורים־שפּילער” און „דער מלמד”. װען זי איז צוגעקומען צום װאָרט „באַשענקע”, האָט זי אױפֿגעהױבן דעם קאָפּ פֿון מאַנוסקריפּט און געזאָגט צו די קינדער, אָנװײַזנדיק אױף זיך, „באַשענקע, דאָס בין איך”. די קינדער האָבן געלאַכט פֿון בײדע זאַכן און דאָס האָט איר שטאַרק הנאה געטאָן.

זי האָט זיך שפּעטער אױסגעדריקט צו מאַרקן, אַז זי װעט קײנ־מאָל ניט פֿאַרגעסן די דערפֿאַרונג.

אין ניו יאָרק

ניט איין מאָל האָב איך זיך פאַרטראַכט וועגן דער שאַגאַל־משפּחה. כאָטש אידא און איר מאַן מישעל האָבן געוואוינט פאַר זיך אַליין, ניט ווייט פון די שאַגאַלס, דאָך ווען איך בין געקומען צו שאַגאַלן, האָב איך דאָרט געטראָפן אידאַן. און טאָמער איז זי ניט געווען, איז מאַרק אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַרלוירענער. בעלאַ איז געווען די פיין־פילנדיקע, שטיל־רעדנדיקע, זייער פאַרשטענדיקע און ציכטיקע באַלעבאָסטע אין הויז, נאָר מען האָט זי זעלטן געזען אין מאַרקס סטודיאָ. זי איז תמיד געווען פאַרנומען אין אירע חדרים, און ווען מאַרק האָט געוואָלט זיך באַראַטן מיט איר וועגן זיין קאַנווע, האָט ער זי אַרייַנגערופן אָדער געוואַרט ביז זי וועט אַרייַנקומען. ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו איר מיינונג בנוגע זיין אַרבעט. זי איז ניט באַשטאַנען, ניט גערעדט ווי אַן אויטאָריטעט, נאָר גאַנץ באַשיידן אַרויסגעזאָגט איר וואָרט, און מאַרק האָט איר אַרייַנגעקוקט אין די אויגן, אין מויל, ווי ער וואָלט זי שטודירט און כמעט שטענדיק געזאָגט: „בעלאָטשקע, איך גלויב אַז דו האָסט רעכט”.

ס'איז געווען אַ הויז פון פאַרשיידנאַרטיקע אינטערעסן. דער טעלעפאָן האָט אָפט געקלונגען. געענטפערט האָט, געוויינלעך, בעלא, נאָר איר ענגליש איז געווען זייער שוואַך און מאַרק האָט אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנען די שפּראַך, און דאָ האָבן טעלעפאָנירט ענגליש־רעדנדיקע שרייבער, רעפּאָרטערס, קונסט־קריטיקער, אַזוי נייגע־ריקע, אָפט סטודענטן, אַמאָל יידישע כלל־טוער. ביידע זיינען דאַן געווען אומבאַהאָלפן, ניט געוואוסט וואָס מען וויל פון זיי, אָפט גע־פרעגט, צי מען קאָן רעדן יידיש, פראַנצויזיש, אָדער רוסיש. מיר איז אויסגעקומען נישט איין מאָל אַרויסצוהעלפן מיטן טעלעפאָן־געשפּרעך: פרעגן ביי די שאַגאַלס און ענטפערן די אָנפרעגער. מען

האָט געוואָלט קומען צו גאַסט, מאַכן אַ באַשטעלונג. אין די מערסטע פאַלן האָט מאַרק מיר געהייסן זאָגן, אַז מען זאָל זיך ווענדן שריפטלעך צו אים.

אויפגעלעבט האָט דאָס הויז, ווען אידאַ האָט זיך באַוויזן. זי איז געווען דער קאָפּ־מענטש, דער פּראַקטישער אָרגאַניזאַטאָר, די ענגליש־רעדנדיקע, די וואָס האָט געלייזט די פּראָבלעמען, מיט וועלכע די נאַאיווע טאַטע־מאַמע האָבן זיך ניט געקאָנט ספּראַווען. זי האָט געענטפערט אויף בריוו, געמאַכט די באַשטעלונגען. איינגעקויפט, געפּסקנט ווען מען יאָ און ווען מען ניט אויפצונעמען אָדער איינלאַדן.

עס האָט זיך געהאַנדלט אין פּרעזערווירן דעם טאַטנס צייט און ענערגיע. די הויפּט־זאַך — ניט פאַרשאַפן מאַרקן קיין עגמת נפש. און טאָמער האָט בעלאַ געמאַכט אַ קרומע מינע ניט ווילנדיק, איז מאַרק שוין געווען אומרואיק דעם גאַנצן טאָג. שטייענדיק אין דער סטודיאָ, פאַרטיפט אין דער אַרבעט מיט דער פּאַליטרע אין האַנט, האָט ער זיך אָפט אַריינגעכאַפּט אין שטוב.

„בעלאָטשקאַ, פילסט גוט?" געוועדט מיט איר האָט ער רוסיש. זי מיט אים אָפט פראַנצויזיש, אַז איך זאָל ניט פאַרשטיין. און ווען איך האָב געהערט זיין „סלאַווא באָגו", האָב איך געוואוסט, אַז ער גייט צוריק צו דער אַרבעט. נאָר ווען ער האָט איר געענטפערט אויף פראַנצויזיש, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער וועט אַלץ איבערלאָזן און אַריין אין איר צימער און אַרויסקומען פון דאָרט אַ באַטריבטער.

פאַרברענגענדיק אַזוי אָפט אין הויז און טיילמאָל ביי אידאַן אין שטוב, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן זיך זייערע פּערזענלעכע פּראָבלעמען, הויפּטזעכלעך איז מען געווען באַזאָרגט וועגן בעלאַס איידעלן געזונט־צושטאַנד, כאָטש זי האָט פאַר לייטן זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט און ניט געוואָלט, מען זאָל רעדן וועגן איר פּערזענלעך. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מאַרק האָט זיך געדאַקטאָרט, נאָר אויך ער האָט ניט געוואָלט, מען זאָל רעדן וועגן דעם.

מישעל, אידאַס מאַן, איז געווען פאַרנומען אַלס קאָרעספּאָנדענט פאַר פראַנצויזישע צייטונגען און אויף דער פראַנצויזישער ראַדיאָ. ער איז זעלטן געווען אינדערהיים, און ווען ער פלעגט קומען, איז ער תמיד געווען ערנסט און זיך געהאַלטן ניט צוגעלאָזן. די זייער האַרציקע אידאַ פלעגט אים אַריינקוקן אין די אויגן און פאַרשטאַנען, אַז ער איז באַזאָרגט. איך האָב דערפילט, אַז עס איז ניטאָ קיין שלום־

בית צווישן זיי, כאָטש זי איז געווען די נאָכגיביקע און אין דער עפנטלעכקייט האָט זי קיינמאָל ניט געלאָזט פאַלן קיין וואָרט וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען. קיין קינד מיט אים האָט זי ניט געהאַט, נאָר גייענדיק מיט איר אין גאַס האָב איך באַמערקט, אַז זי לאָזט ניט אַראָפּ איר בליק פון יונגע מאַמעס מיט זייערע עופ׳עלעך.

און אַזוי האָב איך פאַר זיך דערזען פיר באַזונדערע וועלטן אין איין הויז.

מאַרק אין זיין סטודיאָ האָט געהאַט די פולע פריוואַטקייט. זיינע פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט צום האַדסאָן. ער פלעגט ניט איין מאָל שטיין אַ לאַנגע צייט און קוקן אויפן הימל און אויף די פאַרביי־שווימנדיקע שיפן. ער האָט געגוי געוואוסט, ווען די עקסקורסיע־שיפן פון דער „האַדסאָן דעילאַין״ וועלן דורכגיין זיין פענצטער. ער האָט געקאָנט אַרבעטן שעה׳ן־לאַנג אָן אויפהער. בלויז בעלאַ אָדער אידאַ האָבן אים געקענט אָפּרייסן פון דער אַרבעט מיט אַ גלאָז טיי אָדער אַ קעלישעק וויין. אין דעם פאַל פלעג איך געניסן פון זיין געזעלשאַפט. דאַן איז זיין ערשטע פראַגע געווען, וואָס האָב איך געלייענט היינט פון בעלאַן, און וואָס איז מיין איינדרוק.

אויף די פיל אָנפראַגעס, וואָס זיינען געקומען פון אינסטיטו־ציעס און יחידים וועגן איינלאַדונגען אָדער וועגן קומען צו אים, האָט מאַרק זיך ווי אָפּגעשאָקלט. זיין פאַרשלאָסנקייט אין סטודיאָ איז געווען זיין הויפּט־ציל. יעדער איבעררייס איז געווען אַ דם־שונא. אין דעם זין איז שאַגאַל געווען פּראַקטיש און דיסציפּלינירט אויפן העכסטן גראַד.

דאָס האָט זיך אויך געפילט אין בעלאַס טאָג. זי איז שטענדיק געווען פאַרנומען, הויפּטזעכלעך ביי זיך אין צימער, ביים שרייב־טישל, אָדער צו דער באַשטימטער צייט אין קיך. נאָר ווען מען האָט געדאַרפט אויפנעמען געסט, איז דאָס ביי איר געווען גאָר אַ גרויסע אויפגאַבע און זי האָט זיך געזאָרגט וועגן יעדן דעטאַל, סיי פון די אויסגעשטעלטע שאַגאַל־בילדער אַרום, סיי פון איר אָנטועכץ, סיי פון מאַרקס העמד, פאַרקאַמונג, שטימונג און הויפּטזעכלעך די הילף, וואָס אידא האָט איר געגעבן.

אידאַ, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט איר אייגענער היים און מיטן מאַן, האָט געדאַרפט איינטיילן איר צייט און ווידמען אַ טייל פון יעדן טאָג די אינטערעסן פון אירע עלטערן. זי האָט זיך געזאָרגט

וועגן טאַטנס אויסשטעלונג, וועגן די געסט וואָס מען האָט געדאַרפט אויפנעמען, וועגן דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס מען האָט געדאַרפט ליי־ענען און ענטפערן, וועגן די קריטיקער און שרייבער, וואָס מען האָט געדאַרפט האַלטן אינפאָרמירט און אין גוטע באַציאונגען, וועגן טאַטנס און מאַמעס געזונט־צושטאַנד. איצט איז צוגעקומען דער מאַמעס פּלאַ־נירטער בוך אין דער יידישער שפּראַך, וואָס מען האָט אויך שוין געדאַרפט צו וויסן טאָן דער פראַנצויזישער און ענגלישער פאַרלאַג־וועלט און געפינען פּאַסיקע איבערזעצער. און, פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט זיך ניט געדאַרפט בעטן ביי שאַגאַלן, אַז ער זאָל אילוסטרירן בעלאַס בוך. ווען איך האָב מיט אים גערעדט וועגן אַ געוויסן קאַפּיטל, האָט ער פאַרגלאָצט די אויגן און מיט די הענט ווי אויסגעמאָלן די אילוסטראַציעס, וואָס ער האָט אין זיין פאַנטאַזיע שוין געהאַט פאָרמירט.

מישעל איז געשטיגן אַלס קאָרעספּאָנדענט און אין דער ראַדיאָ־אַטמאָספערע; מאַרק איז געווען אין זיין גלאָריע, איבערהויפּט ווען די מעטראָפּאָליטען אָפּערע האָט געשטעלט דעם באַלעט „אַלעקאָ״ מיט זיינע דעקאָראַציעס; בעלאַ האָט געהאַלטן ביי דעביוטירן אַלס אַן אויטאָר. בלויז אידאַ איז געווען צופיל פאַרנומען מיט די דריי צו קאָנען טראַכטן וועגן זיך. דערפאַר האָט הינטער איר גראַציעזן שמייכל געהויערט אַן אומעט, וואָס זי האָט ניט געקאָנט פאַרבאַהאַלטן פון די, וואָס זיינען מיט איר געווען אויג־אויף־אויג.

איך האָב געוואוסט, אַז זי מאָלט און אַז זי קלייבט זיך האָבן אַן אויסשטעלונג פון אירע בילדער אונטערן נאָמען אידאַ גאָרדעי. דער טאַטע האָט גערעדט וועגן דעם מיט נייגיר, נאָר איך בין ניט געווען איבערצייגט אין דעם. און אויך אידאַ האָט געפילט, אַז זי איז איינזאַם. זי איז געווען אין שאָטן און ס׳איז איר געווען אומעטיק.

איין מאָל, ווען איך האָב אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט אין שאַגאַלס הויז אויף בעלאַס מאַנוסקריפּטן און ניט געשענקט די נויטיקע אויפ־מערקזאַמקייט, ווען אידאַ האָט שטילערהייט אויף מיין טישל אַוועק־געשטעלט אַ גלעזל ווייַן מיט צובייסנס, איז זי צו מיר צוגעקומען אין אַ צייט אַרום און געזאָגט: „ביסטו אין כעס אויף מיר היינט? אָדער פילסטו ניט גוט היינט? דו האָסט דעם גאַנצן טאָג ניט גערעדט צו מיר, ניט אַ שמייכל געטאָן, ווי דו וואָלסט ניט געפילט, אַז עס דרייט זיך אַרום אין הויז אַ יונגע פרוי. דו ווייסט, אַז איך נויטיק זיך אין דעם״.

אידאַ האָט געליטן אַלס מאָלערין. זי איז געווען צופרידן, וואָס די קריטיק, וואָס האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן אויף איר אויסשטעלונג, האָט ניט דערקלערט, אַז זי איז אונטערן איינפלוס פון איר פאָטער. בלויז איין שרייבער האָט דערמאָנט, אַז איר בלוי איז גע־ירש׳נט פון טאַטן. דאָך האָט זי געווידמעט איר ענערגיע צום טאַטנס אויסשטעלונג, ניט צו אירער. איצט איז געקומען נאָך אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט — דער מאַמעס בוך.

פרילינג־צייט האָבן זיך די שאַגאַלס אַרויסגעלאָזט אויפן לאַנד און פאַרבראַכט דאָרט ביזן שפּעטן האַרבסט. פון צייט־צו־צייט פלעגט מאַרק אַריינקומען אין שטאָט און מיר לאָזן וויסן שריפטלעך וועגן זיין קומען.

די שאַגאַלס האָבן געפונען אַ פּלאַץ אין קרענבערי לייק, אין די אַדיראָנדעק־בערג, אין צפון פון ניו־יאָרק שטאַט. דאָס האָט גע־מיינט, אַז די וויזיטן קיין ניו־יאָרק וועלן זיין זעלטענער צוליבן ווייטן מהלך און דער ניט־באַקוועמער טראַנספּאָרטאַציע.

איך האָב דערהאַלטן אַ קאַרטל און אַ בריוו פון בעלאַן, וואָס פלעגט געוויינלעך ניט זיין די בריוו־שרייבערין. דאָס קאַרטל איז אַ בילד פון קרענבערי לעיק, און עס לייענט זיך אַזוי:

„ליבער ראַנטש:

„אין שטאָט געשוויצט און דאָ — אַ קעלט! אפשר דערפאַר וואָס דאָ ז׳נישטאָ קיין ייד.

האָט איר מיר געקלונגען, ווי איר האָט געוואָלט?

די לעצטע טעג ניט געווען אָפּט אינדערהיים — מיטאַמאָל זיך צעלאָפן איבער דאָקטוירים, דאָ פאַר זיך, דאָ פאַר שאַגאַלן.

„זיך געראַטעוועט אַהער.

„אַז ס׳זיינען געווען זאַלצמאַן מיט סאַנדלערן — ווייסט איר אוודאי.

„איטשע גאָלדבערג איז ניט געקומען. און זיי בײדע זיינען צוגעקומען צו מיר אַזוי נאָענט — איך האָב זיי צוגעזאָגט דעם ביכל ענדע יולי.

„קומט אייך אַ דאַנק פאַר אַלץ, איר ווייסט אַליין פאַרוואָס, און האַרציקע גרוסן פון אונדז ביידן, אייך ביידן. אייער בעלאַ שאַגאַל״.

ווי דאָס קאַרטל, איז אויך דער בריוו ניט געווען דאַטירט, נאָר

געהאַט אויף זיך דעם אַפּדרוק: Cranberry Lake, Adirondacks

„ליבער ראַנטש:

„אַ דאַנק אייך פאַרן בריוו, אַ דאַנק וואָס איר טראַכט אַלץ, ווי מיר קומען צו הילף. ווי איר וואָלט ניט האָבן אייערע אייגענע דאגות.

„ביי אייך גייען דאָך, דאַכט זיך, אַרויס דריי ביכער מיט־אַמאָל, ניין?

„אוודאי וואָלט געווען זייער גוט מיינס איבערשרייבן אויף אַ מאַשינקע. ניט די הוצאות האַלטן מיך אָפּ. וואו געפינט מען אַ מיידל, אַ ווייבל, וואָס זאָל דאָס טאָן?

„ווי לאַנג בלייבט איר נאָך אין שטאָט?

„איר האָט דאָך ביי זיך אויך אַ שטיקל דאַטשע.

„איך וואַרט אויף אַן ענטפער פון אידאַטשקאַן.

„ווען מען און וואוהין דאַרף איך צושיקן, וואָס איך האָב פאַרטיק?

„מיר גריסן אייך ביידע זייער האַרציק און אויך אייער ליבער פרוי.

אייער, בעלאַ שאַגאַל״.

דער פּאָסט־שטעמפּל אויפן קאָנווערט פון איר בריוו האָט דער־ציילט: „קרענבערי לעיק. יולי 17, 1944, פּ.מ.״ (נאָכמיטיק).

מער האָב איך פון ביידן ניט געהערט, ביז עס איז מיר אָנ־געקומען אַ טעלעגראַמע „לעיבאָר דעי״ פּרי, סעפּטעמבער 3, ווען כ׳האָב זיך געקליבן פּאַרלאָזן פאַרן יום־טובדיקן טאָג. די טעלעגראַמע איז געווען פון שאַגאַלס איידעם און זי האָט זיך געלייענט:

„בעלאַ שאַגאַל איז געשטאָרבן שבת נאָך אַ קורצער קראַנק־הייט אין ,טאַפּער לעיק׳. מאַרק און אידאַ וועלן אָנקומען מיט איר קערפּער זונטיק, אַכט אָוונט, גרענד סענטראַל, לוויה דינסטיק. אין טיפן טרויער, מישעל ראַפּאָפּאָרט״.

מאָנטיק איבדערפרי האָט מען געדאַרפט אָנטאָן בעלאַן אין איר לעצטן קלייד. מאַרק האָט מער ניט געוואָלט אַרויפגיין אין זיין היים, און ער האָט קיינמאָל מער די שוועל ניט באַטראָטן. אידאַ און איך האָבן געעפנט דער מוטערס שאַפע און אידא האָט אויסגעקליבן דאָס קלייד. און פאַרן טאָטן — אַ שוואַרצן אָנצוג. אידאַ האָט מיר געוויזן, ווי די מאַמע האָט איבערגעלאָזט דאָס הויז אין דער שענסטער אָרדענונג,

ווי זי האָט געהאַלטן אירע זאַכן אין אַ מוסטער־האַפּטיקער באַלע־באַטישקייט.

אידאַ האָט מיר דערציילט, אַז גראָד די לעצטע צייט האָט בעלאַ אָנגעהויבן באַשטעלן פאַר זיך נייע קליידער און זאַכן, זיך אויס־דריקנדיק, אַז זי טוט דאָס מיט דער האָפענונג, אַז ווען איר בוך וועט דערשיינען, וועט זי דאַרפן אויפטרעטן צווישן מענטשן און אפשר אַרומפאָרן איבערן לאַנד און פאַרברענגען אין פאַרשיידענע קלימאַטן.

שאַגאַל איז איינגעשטאַנען ביי אידאַן אין הויז.

דר. סטיפען ווייז איז אַרויפגעקומען מיט זיין פרוי, וואָס איז געווען אַ מאָלערין. די לוויה איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ סך חשיבות, און דר. ווייז האָט געזאָגט אַ פּאָר רירנדיקע ווערטער. בעלאַ איז באַערדיקט געוואָרן אויפן בית־עולם פון דער „פּרי סינאַגאָג" אויסערן שטאָט.

(ערשט היי־יאָר האָט מאַרק מיטגעבראַכט פון פראַנקרייך קיין ניו־יאָרק אַ דענקמאָל וואָס ער האָט געמאַכט אויף איר קבר).

מאַרק שאַגאַל איז געווען הילפלאָז, פאַרלוירן, געזוכט אַן אָנ־האַלט ביי יעדן און זיך איינגעהערט בלויז ווען מען האָט גערעדט וועגן בעלאַן. ער האָט ניט געקאָנט באַגרייפן וואָס עס איז געשען. געווען איבערגעשראָקן ווי אַ קינד און כמעט גאָרניט גערעדט.

ער האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל זיין מיט אים וואָס לענגער דערפאַר, וואָס בעלאַטשקאַס לעצטע ווערטער זיינען געווען: „היט־אָפּ מיינע מאַנוסקריפּטן" און יעדן טאָג האָט ער איבערגע'חזר'ט אירע לעצטע ווערטער. ער האָט דערקלערט, אַז אין מאָמענט ווען זי איז ערנסט פאַרשלאָפט געוואָרן, איז גראָד אָנגעקומען אַ בריוו פון דער קולטור־קאָמיסיע פון אָרדן, וואָס האָט אָפיציעל געהאַט אָנגענומען איר בוך און באַשלאָסן דאָס גלייך אַרויסצוגעבן.

מאַרק האָט געזאָגט, אַז דעם בריוו האָט מען אַריינגעלייגט אין אָרון.

3.

דער מייסטער־מוח פון דער טאָכטער אידאַ האָט געדינט געטריי אין דער שווערער צייט. עס זענען געווען אַזויפיל פּראָבלעמען צו לייזן מיט בעלאַס טויט. דאָס הויז, דאָס מעבל, די זאַכן, דאָס אויפ־

פּאַסן אויף מאַרקן, וועלכער איז געווען אויסגעטאָן פון אַלע פּראַקטישע ענינים. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן געזעץ, ירושה, סערטיפיקאַטן, שטייערן, חובות, געפינען אַ נייע דירה מיט אַ סטודיאָ, אַלץ האָט די סענסיטיווע קינסטלעריין אידאַ באַזאָרגט אָן רעש, אָן נערוועזיטעט, אָן צו באַאומרואיקן אָדער באַלעסטיקן דעם פּאָטער.

בעלאַ האָט מאַרקן אויסגעפּעלט אויף טריט און שריט. זי האָט דאָך געלעבט נאָר פאַר אים, צוליב זיין קונסט. אין יעדער זאַך, וואָס ער האָט געמאָלט אָדער געצייכנט, איז געווען בעלאַס בליק, בעלאַס וואָרט, בעלאַס ליבע. איצט איז זי נישט געווען מער און די טעג זענען אַריבער פּוסט און וויסט.

דער פאַרלאַג פון יידישן פאָלקס־אָרדן האָט געוואַרט אויפן מאַנוסקריפּט, נאָר דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות. מאַרק האָט מיר טאַקע איבערגעגעבן און אָנגעטרויט די גאַנצע אַרבעט — אַלץ ביי אים אין שטוב — נאָר ער האָט געדאַרפט איבערקוקן און גוט־הייסן יעדן פּאַראַגראַף, יעדע שורה, יעדן אות.

יעדן איינדערפרי, פּינקטלעך צען אַזייגער — האָבן מיר זיךביידע אַוועקגעזעצט אויף שעהן־לאַנג אין זיין סטודיאָ, וואָס מיט די פענצטער צום שיינעם האַדסאָן טייך, און פאַרזיכטיק געלייענט בעלאַס ווערטער. פאַר מיר איז דאָס געווען איינע פון די שווערסטע אויפגאַבן. ערשטנס, האָב איך זיך געדאַרפט אָפּרייסן פון מיין אייגענער אַרבעט אַלס רעדאַקטאָר פון חודש־זשורנאַל פון אָרדן; צווייטנס, איז ממש ניט מעגלעך געווען אויסצוקומען מיט מאַרקן, וועלכער האָט נישט געלאָזט זיך צורירן צו בעלאַס מאַנוסקריפּט. מען האָט געדאַרפט אויסבעסערן איר אָרטאָגראַפיע, באַזייטיקן צו־פערזענלעכע שטעלן, אויסמיידן איבער'חזרונגען, שלייפן און פּאָלירן. שאַגאַל האָט נישט דערלאָזט אָנרירן קיין אות. ער האָט זיך פאַרטיידיקט ווי קעגן אַן אָנגרייפער. אויב בעלאָטשקאַ האָט אַזוי געשריבן, מסתמא האָט זי געוואוסט, וואָס זי האָט געטאָן. ס'איז הייליק. מען טאָר נישט טשעפּען קיין וואָרט. איז אויסגעקומען צו אַרגומענטירן און אויספּועלן קאָנצעסיעס. „דער־ווייל טוט גאָרנישט. איך וועל זיך דורכטראַכטן און אייך מאָרגן לאָזן וויסן" — ווי ער וואָלט זיך געדאַרפט מיישב זיין מיט בעלאַן. ער דאַרף טראַכטן ווי בעלא וואָלט אַזוי און אַזוי געהאַנדלט.

נישט איינמאָל האָב איך אָנגעוואוירן דאָס געדולד, זיך אויפ־געשטעלט, דערקלערט, אַז איך מוז זיין צוריק אין מיין ביוראָ און

כ׳וועל מאַרגן צוריקקומען. אידאַ האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק. און נאָכדעם ווי איך האָב איר געזאָגט דעם אמת, אַז עס ווערט פּשוט ניט מעגלעך ווייטער אָנצוגיין מיט דער אַרבעט אונטער די אומשטענדן, האָט זי זיך שפּעטער דורכגערעדט מיטן פאָטער. איר האָט ער געפאָלגט ווי אַ געהאָרכזאַם קינד.

ענדלעך האָט מען אויסגעקליבן פון אַלע העפטן דעם מאַטעריאַל, וואָס איז געווען געווידמעט די יידישע יום־טובים אין בעלאַס קינדער־יאָרן, אין דער היים פון אירע עלטערן און קרובים אין וויטעבסק. שאַגאַל האָט צוגעשטימט צום טיטל „ברענענדיקע ליכט״. דאַן האָט ער זיך גענומען צו די אילוסטראַציעס פאַרן בוך. דער פאַרלאַג האָט באַשטימט, אַז דאָס ווערק זאָל באַשטיין פון 256 זייטן. מאַטעריאַל איז געווען טאָפּלט. שאַגאַל האָט אָנגעהויבן פאַרצייכענען ביי זיך אין געדאַנק, וואָס צו אילוסטרירן, בשעת־מעשה אילוסטרירט מיט די הענט אין דער לופטן, געשוויגן און געבראַכט אַלץ פאַרטיקערהייט — געאַרבעט אויף זיי אַ וואָך צייט, דורך די נעכט.

4.

דאָס בוך „ברענענדיקע ליכט״ איז דערשינען אָנהויב 1945. צו די 25 קאַפּיטלען האָט שאַגאַל געמאַכט 25 אילוסטראַציעס, וואָס זענען וואונדערלעך צוגעפּאַסט צום טעקסט און גלייכצייטיק זעלב־שטענדיק, שאַפן פאַר זיך אַליין אַ וועלט. יעדעס בילד איז אַ ליב־טיקער שטראַל פון אונדזערע קינדער־יאָרן אין דער אַלטער היים, פון פוילן, רוסלאַנד, רומעניע. דער ייד מיטן לולב, דער שלח מנות־טרעגער, שמחת־תורה, דער בעל־מגילה, דער סדר, דאָס חנוכה־דריידל, די שול, דער רבי, ליכט־בענטשן, די מקווה. אַזוי איינפאַך און בולט סקיצירט און דאָך אַזוי קינסטלעריש אַפּעלירט צו דער פאַנטאַזיע פון לייענער.

די קריטיק האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן אויפן בוך. גערעכט איז געווען דער ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענער כיל אַראָן, וועלכער האָט אין זיין אָפּהאַנדלונג צו בעלאַס צענטער יאָרצייט געשריבן אין דער פאַריזער „נייע פּרעסע״, אַז „איר סטיל איז דער סטיל פון אַ יידישער כלה אין אונדזער ליטעראַטור, אירע ווערטער און שורות ווי גע־אָטעמטע פּאַרב אויף לייוונט . . . אַלץ איז קאָנדענסירט, דאָס וואָרט איז אָנגעלאָדן מיט בילדערישקייט און געפיל״.

און וועגן שאַגאַלס אילוסטראַציעס שרייבט ער: „בלויז שאַגאַל האָט מיט זיין צויבער־שטריך, מיט דעם גאַנצן פייער פון זיין נשמה און טיפער בענקשאַפט געקאָנט אַרויסברענגען דאָס דערהויבענע, דיכטערישע נשמה־יתירהדיקע, וואָס איז געווען אין אַלטן יידישן לעבן, פונקט ווי בעלא האָט באַוויזן צו שילדערן דאָס־דאָזיקע לעבן, וואָס איז פאַרניכטעט געוואָרן דורך די היטלערישע מענטשן־חיות".

דאָס בוך עפנט זיך מיט ביאָגראַפישע נאָטיצן וועגן בעלאַן, אָן אַן אונטערשריפט. געשריבן האָט זיי שאַגאַל אַליין. בעלאַ האָט אָן אַריינפיר א. ג. „ירושה", וואָס הייבט זיך אָן אַזוי:

„אַ מאָדנע זאַך, מיר האָט זיך פאַרוואָלט שרייבן און שרייבן נאָר אויף מיין שטאַמלדיקן מאַמע־לשון, וואָס אויף אים, זינט איך האָב פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע־היים, איז מיר כמעט נישט אויסגעקומען צו רעדן.

„אַזוי וויט ווי מיינע קינדער־יאָרן האָבן זיך אָפּגערוקט פון מיר, אַזוי נעענטער און נעענטער האָבן זיי זיך מיט אַמאָל צו מיר צוגערוקט, ווי זיי אַליין וואָלטן מיר אָטעמען אין מויל אַריין".

זי ענדיקט איר אַריינפיר מיט אַ ווענדונג צום מאַן, וועמען זי דערמאָנט נישט ביים נאָמען. זי שרייבט:

„דערמאָן איך זיך, אַז דו, מיין געטרייער פריינט, האָסט מיך אָפט גוטמוטיק געבעטן דערציילן דיר מיין לעבן פון דער צייט, ווען דו האָסט מיך נאָך נישט געקענט.

„שרייב איך עס טאַקע פאַר דיר.

„אונדזער שטאָט איז דיר נאָך טייערער ווי מיר. און דו, מיט דיין פולן האַרץ, וועסט שוין פאַרשטיין אפילו דאָס, וואָס מיר וועט נישט געלינגען צו דערציילן.

„אָבער איין זאַך פייניקט מיך — מיין זיס טעכטערל — מיין זיס טעכטערל, וואָס האָט פאַרבראַכט (אמת, אַלס איין־יאָריק קינד) נאָר איין איינצל יאָר פון איר לעבן אין מיין טאַטע־מאַמע־היים. וועט זי מיך פאַרשטיין? לאָמיר האָפן, אַז יאָ".

די שטאָט, וועגן וועלכער זי רעדט, איז, נאַטירלעך, וויטעבסק. זיכער האָט די טאָכטער אידאַ פאַרשטאַנען און אַריינגעזאַפּט אין זיך בעלאַס זכרונות, וואָס זענען איבערזעצט געוואָרן אויף פראַנצויזיש

מאַרק שאַגאַל רעדט ביים באַנקעט צום דערשיינען פון איציק פעפערס בוך „היימלאַנד“

אין פּרעזידיום: פּסח נאָוויק, בעלאַ שאַגאַל, אַש׳ס טאָכטער, י. א. ראָנטש, אידאַ שאַגאַל

און ענגליש. איןביידע שפּראַכן האָט אידאַ אינסטינקטיוו דערפילט ניט־פינקטלעכקייטן און שטאַרק אייגעקנעלט מיט די איבערזעצער.

מיר האָבן איינגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון די אילוסטראַציעס צו „ברענענדיקע ליכט״ אין דעם אָפּצווייג פון דער שטאָט־ביבליאָטעק אין יידישן טייל פון ניו־יאָרק, אין בראָנקס, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ באַדייטנדיקן יידישן אָפּטייל. צוויי וואָכן האָט די אויסשטעלונג אָנ־געהאַלטן און צוגעצויגן מאַסן. דאָס האָט באַוואויגן דער ביבליאָטעק איינצואָרדנען אַן אָוונט געווידמעט „ברענענדיקע ליכט״, וואָס איז אַנאָנסירט געוואָרן אין דער ענגלישער און יידישער פּרעסע און אויך דורך דער ראַדיאָ. אין אים האָבן זיך באַטייליקט: יוסף אָפּאַטאָשו, וועלכער האָט גערעדט יידיש; דר. מאַקס שטראַוס — אויף ענגליש, דר. אייזיק קלומאַק, דער קונסט־קריטיקער. איך בין געווען דער פאָרזיצער און זעענדיק פאַר זיך אַ מאַיאָריטעט פון יינגערע מענטשן, האָב איך אָנגעפירט אין ענגליש. שאַגאַל איז געזעסן צווישן עולם און זיך פאַרנייגט, נאָר נישט גענומען קיין וואָרט.

אָנהויב 1946 איז דאָס בוך דערשינען אין אַן ענגלישער איבער־זעצונג אין שאָקען פאַרלאַג, ניו־יאָרק. דאָס בוך האָט פאַרמאָגט צו־געגעבן נאָך 11 אילוסטראַציעס און אַ רעפּראָדוקציע פון אַ קאָלירטן פּאָרטרעט פון בעלאַן געמאָלט דורך שאַגאַלן.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז נאָך די שווערקייטן, וואָס שאַגאַל האָט באַגעגנט ביים צונויפשטעלן און אַרויסגעבן „ברענענדיקע ליכט״, וועט ביי אים אָפּגעשוואַכט ווערן דער דראַנג גלייך צו אַרבעטן אויף נאָך אַ בוך. איך האָב אַ טעות געהאַט. גלייך האָט ער מיך ווידער אַוועקגעזעצט ביי דער אַרבעט און גערעדט וועגן אַ דריטן בוך, וואָס זאָל באַשטיין פון בעלאַס געזאַמלטע בריוו.

נאָכן פאַרזיכטיקן איבערלייענען די געבליבענע בלעטלעך האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דאָס זענען אָנגעוואָרפענע נאָטיצן, וואָס וואָלטן אין די הענט פון זייער באַשאַפער געוואָרן פערל אין אונדזער פרויען־מעמואַרן־ליטעראַטור. נאָר שאַגאַל וואָלט מיט רעכט קיינעם ניט דערלויבט צוצושרייבן אָדער ענדערן זייער איינהאַלט.

האָב איך דערפאַר געצילט, אַז דאָס צווייטע בוך זאָל, ווי דאָס ערשטע, טראָגן אַ באַשטימטן כאַראַקטער און אַזוי איז אויפגעקומען „מיין ערשטע באַגעגעניש״ — בעלאַס זכרונות וועגן איר ערשטער טרעפונג מיט מאַרקן. אַ שאָד, וואָס זי האָט ניט פאַרגעזעצט מער

אין דעם סטיל. בלויז פון דעם געבליבענעם מאַטעריאַל האָט מען קיין בוך נישט געקאָנט אַרויסגעבן. האָט מען געדאַרפט זיך קאָנ־צענטרירן אויף נאָך זכרונות וועגן די עלטערן און וועגן דער היים פון אירע קינדער־יאָרן.

אַזוי איז טאַקע אַריין אירס „אַ שנירל פּערל״, וואָס בעלא האָט געהאַלטן פאַר דער געלונגענסטער זאַך, און דער „זייגערמאַכער״, וואָס איז אַ פּערל פאַר זיך אַליין.

דאָס בוך פאַרענדיקט זיך מיט דעם קאַפּיטל „דער געבורטס־טאָג״, וואָס איז געווען די לעצטע זאַך, וואָס זי האָט געשריבן און איז דאַטירט: קרענבערי לעיק, יולי, 1944. דאָס קאַפּיטל איז געווידמעט: „פאַר דיר״.

איז דאָך בעלא געווען די אינספּיראַציע פאַר שאַגאַלס באַרימטע בילדער „דער געבורטסטאָג״ און ״חתן־כלה מיט די בלומען״. אין איר לעצטן קאַפּיטל באַשרייבט זי, ווי זי איז אַוועק אין פעלד אַנרייסן בלומען פאַר מאַרקס געבורטסטאָג און —

> „כ׳בין אַנטלאָפן אָנרייסן נאָך בלומען. גלייך אין פעלד אַריין, געריסן זיי מיט גראָז און וואָרצלען, ס׳זאָל דיר מער שמעקן מיט דער ערד און ביי זיך אין שטוב האָב איך צונויפ־געקליבן אַלע מיינע קאָלירטע טיכער, שטיקלעך צייג, אפילו אַראָפּגעשלעפּט פון בעט מיין פריילעכע בונטע קאָלדרע. פאַר־כאַפּט פון קיך אַ פּלעצל, אַ פּאָר שטיקלעך געפּרעגלטע פיש, וואָס דו האָסט אַזוי האָלט געהאַט, אָנגעטאָן מיין יום־טובדיק קלייד און אָנגעלאָדן ווי אַן אייזל, זיך אַוועקגעטראָגן צו דיר אַהיים.

און —

מיטאַמאָל כאַפּסטו אַרויס אַ לייוונט, גיסט אַ שטעל אַוועק דעם מאָלברעט.

— ריר זיך נישט . . . בלייב שטיין וואו דו שטייסט!״

„אוןביידע אינאיינעם הייבן מיר זיך גרינג אויף איבער דעם אויסגעפּוצטן צימער און פליען אַוועק זאַלבענאַנד״.

צו דעם בוך האָט מאַרק געשריבן אַ פאָררעדע, אונטערגע־צייכנט, מ. ש.

„די ערשטע באַגעגעניש״ איז דערשינען אין פאַרלאַג פון יידישן



פראַטערנאַלן אָרדן אין ניו־יאָרק, 1947. עס פאַרמאָגט 21 קאַפּיטלעך מיט 28 שאַגאַל־צייכענונגען. קיינער האָט ניט געקאָנט אַזוי טרעפלעך אַנאַליזירן בעלאַן ווי שאַגאַל גופא, ווען ער האָט אין דער פאָררעדע געשריבן:

„איך האָב געקלערט, אַז ביי בעלאַן אין האַרץ ליגן אוצרות,
ווי איר „שבירל פּערל״, פייכטע פון ליבע. ס׳טראָגט זיך פון
אירע ליפּן אַן אָטעם אַזאַ, ווי דער ערשטער קוש; אַ קוש אַזאַ,
ווי דער דורשט נאָך גערעכטיקייט . . .״

ביידע ביכער בעלאַס זענען אַן אוצר אין אונדזער ליטעראַטור, אַן אוצר וואָס איז נאָך נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן.

קאָרעספּאָנדענץ

דאָס צוגרייטן און אַרויסגעבן פון ביידע בעלאָס ביכער האָט דערמעגלעכט מיין דערנעענטערן זיך צו מאַרק'ן און אידאַ'ן. ווען זיי זיינען ניט געווען אין שטאָט, האָבן זיי ניט פאַרגעסן צו שרייבן צו מיר, אַ צאָל פון די בריוו זיינען, גלויב איך, ווערט איבערצוגעבן דאָ.

אידאַס בריוו און בילדער־קאַרטלעך פון ווען האָבן מערסטנס גערעדט וועגן דער האָפענונג, אַז די שרעקלעכע מלחמה וועט זיך אין גיכן ענדיקן און אַז עס וועט ווערן שלום אויף דער וועלט. נאָר שטענדיק האָט זי אײַנזינען געהאַט דעם פאָטער און זיין וואוילזיין. זעלטן ווען געשריבן וועגן זיך, נאָר אויסגעדריקט דעם פאַרלאַנג, אַז מיר זאָלן זיך אין גיכן טרעפן.

אין די זומער־היימען וואו זי האָט זיך געפונען, האָט זי אונדז מערסטנס איינגעלאַדן צו פאַרברענגען דעם סוף־וואָך. זי האָט אײַנ־פאָרמירט וועגן דעם באַקוועמען צימער וואָס זי גרייט צו, וועגן דער בעט, וועגן דער שפּייז, וועגן דער שיינקייט פון אַרום און שטענדיק איז די הויפּט־זאָרג אירע געווען וועגן פאָטער. ווען „ברענענדיקע ליכט" איז אַרויס, האָט זי אין יעדן בריוו דערמאָנט דעטאַלן וועגן דעם. אין איין בריוו רעדט זי וועגן „סעג האַרבאָר", לאָנג איילענד און באַשרייבט די שיינקייטן דאָרט און וועגן די פיש וואָס בעטן זיך אַז מען זאָל זיי כאַפּן און וועגן בורזשואַזנעם פּיער און וועגן דער פּריוואַטער לבנה. זי שרייבט אַז עס איז אַזוי שיין, אַז עס גלויבט זיך ניט, מוזסטו קומען און זיך איבערצייגן.

און אָט זיינען אַ פּאָר אויסצוגן פון מאַרקס בריוו.

„ליבער ראָנטש. מיינט ניט אַז איך דערמאָן אייך ניט.
אפילו דאָ וואו איך סטאַרע זיך צו אַרבעטן, ווערט זיין איר נאָמען.
און ווי וויל איך נאָך און נאָך אַמאָל דאַנקען אייך פאַר אייער גרויסער מיטהילף און איבערגעבנקייט.

ווען וועל איך ענדלעך איבערגעבן אייך דעם געצייכנטן אונטערגעשריבענעם בוך פאַר אייך? (און אויך עטלעכע אַנדערע — מיט אייער הילף).

וואָס מאַכט איר?

קיין „נאַכעס" צו לייענען דערוויל וועגן איר „ברענענדיקע ליכט" אַ חוץ אייערס און אָפּאַטאַשוס האָב איך ניט געהאַט. מען פאַרשטייט זי ניט — איר ראַפינירטקייט — עס איז קלאָר.

איך האָף, אַז אייער ליבע איידע וועט מיר אָפּהיטן דאָס וואָס זי וועט געפינען וועגן איר בוך אין דער פרעסע. און זייט ביידע געגריסט.

איך טראָג זיך מיט דער אומקלאָרער נאָך אידייע (וועגן איר נאָמען) וואָס, ווי צו טאָן מיט די געלט, אַן אַוואַנס דערווייל אַרום 1,000 דאָלער פון איר בוך פאַר דער ענגלישער איבערזעצונג, וואָס גרייט זיך. זייט געזונט. מיט גרוס אייך ביידן. ערגעבנער, מאַרק שאַגאַל.

און אָט זייַנען אַ פּאָר בריוו וואָס גיבן אַ בילד פון שאַגאַלס פּאַרנומענקייט און אינטערעסן. זיי זייַנען אַלע פון 1946, ווען איך בין געווען באַשעפטיקט מיטן צוגרייטן צום דרוק „די ערשטע באַגעגעניש". איך גיב זיי איבער אינגאַנצן, דערפאַר וואָס זיי זייַנען דורכאויס שאַגאַליש.

טייערער ראַנטש

וואָס מאַכט איר? צי האָט איר מיך פאַרגעסן? ניין? ווינטש איך אייך און אייער פאַמיליע אַ גוטן יאָר. און די בעסטע וואונטשן. איך קום אין שטאָט מיטוואָך אָוונט ביז דאָנערשטיק. אפשר וועלן מיר זיך זעען און ריידן וועגן בעלאָטשקאַס בוך. ווי גייט ער?

אפשר וועט איר מיר אָנקלינגען? מיט בעסטע גרוסן אייך און איידאַן, מאַרק שאַגאַל.

נאָוו. 21, 1946

טייערער ראַנטש —

מען קען ניט אַלץ טרעפן זיך. געקומען פון שיקאַגאָ.

וואָס מאַכט איר? איך וואָלט אַזוי וועלן וויסן ווי גייט עס מיטן בוך. איך שיק אייך צו "די באָבע איז געשטאָרבן", וואָס איר האָט מיר געגעבן פריער. עס איז גוט אַזוי אין דעם „פאַר־צייכנונג בלאַט" (שיקט מיר עס צוריק צו). ווי איז מיט די אַנדערע אפשר קאָן איך לייענען וואָס. איך קלער אַז מיר קאָנען כאָטש דורך פּאָסט שמועסן און אַרבעטען. איז עס צופיל אַרבעט. איך בין דאָך אין שטאָט אַזוי ניט־רעגולער.

אין שיקאגא איז די אויסשטעלונג פיל, פיל גרעסער און שענער אַראַנזשירט. אפשר לוינט אַ פּאָר טאָג. וואָס מאַכט איר און די פאַמיליע? שרייבט מיר. אייער ערגעבענער, מיט גרוס איידאַן, מאַרק שאַגאַל.

פּ.ס. שיקט מיר צו וואָס איך בין שולדיק פאַר דער אַרבעט.

טייערער ראַנטש

שוין לאַנג געוואָלט אייך אָנשרייבן. אָבער אַלץ פּ־רדרייט. איך זיץ אין דאָרף — דאַרף מאַכן צייכנונגען צו „1001 נאַכט". זיץ איך.

איך האָב געוואָלט אייך אָפּדאַנקען פאַר אייער זייער גוטן אַרטיקל וועגן „איך און אוניאַן". עס זיינען געווען „פּראָטעסטן", אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן . . .

איצט קום איך באַלד אין שטאָט און איך וואָלט וועלן אייך זען. כדי איבערגעבן אייך די מאַנוסקריפּטן ווי מיר האָבן גערעדט.

איך האָב געבעטן דעם מוזיי אייך צושיקן אַן איינלאַדונג צום ווערניסאַזש, 9 אַפּריל, אָפיציעל, אָבער ווער ווייס צי וועלן אָנקומען פון יוראָפּ די בילדער צו דער צייט פון ווער־ניסאַזש.

די קאָנפערענס אין אוניווערסיטעט אין שיקאגא איז דורכ־געגאַנגען גוט. אָבער דער שנעלער אוויאָן איז צו שנעל פאַר מיר — געמאַכט מיד. וואָס מאַכט אייער זון? אַ גרוס אייער ווייבל. אייער ערגעבענער, מאַרק שאַגאַל.

פּאַריז, 15/6 ,1946

טייערער ראַנטש. אָט בין איך שוין דאָ עטלעכע טעג. נאָר ביז וואַנען מען קומט „צו זיך" איז מען ניט ביי זיך. כאָטש איך בין ביי זיך — אין די צימערן פון אידאַ. אָבער וואָס

מאַכט איר? איך אינטערעסירט וואָס עס טוט זיך דאָ, אָבער מיך אינטערעסירט וואָס איז ביי אייך. מיט איין וואָרט: פּאַריז איז, פאַרשטייט זיך, שוין ווי שטענדיק און דאָס וואָס גייט אַרום איבער אים — אויף אים איז אַנדערש. מען דאַרף שרייבן און שרייבן וועגן דערויף, אָבער נאָך בעסער — מאָלן.

נאָר איך האָב נאָך ניט אָנגעהויבן, נאָר מען עסט וואַרמעסן און וועטשערעס מיט רויטע ווייַן. וואָס אַ קלונג — אַ פּריינט, איז אַ וועטשערע, וואַרמעס . . .

שרייבט מיר וועגן אַלץ. וואָס מאַכט אייער פאַמיליע? צי זייט איר צודרייט? און ווי גייט בעלאָטשקאָס שריפטן ביי אייך און וואָס מאַכט זאַלצמאַן און אַנדערע און וואָס מאַכט אידאַ? און טאָמער איז פאַראַן וואָס אינטערעסאַנטס אין דער יידישער פרעסע פאַר מיר אפשר, שיקט צו.

און גלויבט מיר אַז איך טראַכט וועגן אייך אַלעמען — און נאָך מער ווען מען איז דאָ.

געווען אָפּט (און געפּאָרן) דאָ מיט נאָוויקן (איצט אָפּגעפאָרן), איך וועל דאָ, האָף איך, זיין נאָך אַ פּאָר חדשים און, פאַרשטייט זיך, אַליין איז טרויעריק און אָן אידען זע איך אויס שאַגאַל מיט אַ קליינעם ש. נו, דערווייל, זייט געזונט, גרוס אייערע, ערגעבענער מאַרק שאַגאַל.

שאַגאַל האָט אינזינען געהאַט דאָס פאַרשפּרייטן פון בעלאַס ביידע ביכער. ער האָט אויסגעאַרבעט אַ צעטל פון שרייבער און טוער און זיי געשיקט פרייע עקזעמפּלאַרן. מיר האָבן געדאַרפט געפינען זייערע אַדרעסן אין אַלע פיר עקן וועלט. טייל האָט ער אַליין אַוועקגעשיקט מיט אונטערשריפטן. אַנדערע האָבן מיר געדאַרפט שיקן און ער האָט דאָס קאָנטראָלירט.

איך האָב באַטראַכט מיין אַרבעט פאַר אַ פּריוויליקער, נאָר שאַגאַל האָט מיר ניט איינמאָל געגעבן אָנצוהערן אַז ער וועט מיר געבן אַ בילד זיינס. ביי אים אין סטודיאָ איז געהאנגען אַ טשאַרלי טשאַפּלין צייכנונג וואָס ער האָט געמאַכט. איך האָב אים „געסטראַשעט" אַז איך וועל עס צולאַטכענען. ער האָט דאָס קיינעם ניט געוואָלט פאַרקויפן, ווי ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרקויפן אַ צאָל בילדער וואָס זיינען אים געווען שטאַרק צום האַרצן.

ער איז צוריקגעקומען פון פּאַריז אין 1947 אין האַי פאַלס, ניו־

High-Falls N.Y. 27/7 1948

ליבער חבר אָפּאַטאָשו און [illegible].

[illegible] [illegible] ניט פֿאַרגעסן. און [illegible] ניט

דורך [illegible] - און [illegible] זיך אַלײן ניט.

איך וויל אײַך זאָגן אַ גוטן טאָג

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible].

ווער ווײס [illegible] [illegible]. [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] ניט.

און [illegible] [illegible] [illegible]. [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible]. [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible]. און [illegible].

מיט מײַנע בעסטע גרוסן

מאַרק שאַגאַל

יאָרק, און פון דאָרט פאַרגעזעצט די קאָרעספּאָנדענץ מיט מיר. גיב איך דאָ איבער אַ צאָל פון די בריוו.

האַי פאָלס, נ.י. 21/8

טייערער ראָנטש. מיך האָט פאַרדראָסן וואָס איך האָב געמוזט אָפּפאָרן און ניט פאַרבראַכט מיט אייך אַ שעה. נאָר באַלד, 1 סענטיאַבער, קום איך צוריק. קאָן איך אייך דער־ווייל בעטן אַז מען זאָל מיר צושיקן, ווי איר האָט געזאָגט, אַ 20, 25 ביכער. אין שטוב איז כמעט שטענדיק דאָ ווער (אַ פּאַקעט פאַר מיר). מען קען זיי אָנקלינגען.

איך וואָלט אייך דאַנקבאַר זיין ווען דער וויטעבסקער (אַ בייזער) איינבינדער וואָלט געענדיקט די 50 ביכער — ניש־קאָשעדיק אין בלוי, אומגעפער. אויב עס איז דאָ סאַמפּלס איז וואָלט געווען גוט צו זען זיי. איך וואָלט וועלן צו איר יאָרצייט דאָס האָבן דערליידיקט. און אין אַלגעמיין וואָלט איך וועלן אַז מען זאָל שוין אָפּשיקן ווען מען דאַרף די ביכער, און גאָר.

איך שיק צו יוקלסאָנען דעם צעטל און שרייב זאַלצמאַנען אויך (איר זעט וואָס פאַר אַ גאַנצער שרייבער איך בין געוואָרן!)

עס איז קלאָר, אַז איר פאָרט מיט מיר אין דעם וואָגן צו בעלאַן, דעם 2טן, מירן זיך צונויפריידן. אַלץ בעסטע אייך. און נאָך וואָס. איך וויל אייך ענדלעך עפּעס געבן אַ צייכנונג פון מיר פאַר אייער וואַנט. זאָל דער זון אייערער מיך קענען. ערגעבענער, מיט גרוס — שאַגאַל.

1947, האַי פאָלס, יוני 24
טייערער ראָנטש

איך ווייס ניט צי איר זייט אין שטאָט. יעדן פאַל שרייב איך אייך, און איך קום אין שטאָט, יוני 30.

איך וואָלט וועלן אונטערשרייבן די איבעריקע ביכער, וועלכע מען דאַרף אָפּשיקן. איך האָב פון מיין זייט אָפּגעשיקט ניגערן, ביקלען, גלאַטשטיינען, מוקדוניק. (פון די ביכער וועלכע איר האָט מיר געגעבן). וואָס מאַכט איר און פאַמיליע? איך וועל אָנקלינגען דינסטיק פרי, אָדער איר. מיט גרוס, אייער שאַגאַל.

איך בין איצט היפּש צודרייט מיט דער טעלעגראַמע פון פּאַריז וועגן דער רעטראָספּעקטיווער אויסשטעלונג וואָס דער

מוזיי פון נייע קונסט אין פּאַריז גרייט צו אין אָקטאָבער — און אידאַ איז ניטאָ דאָ. וואָלט איך געדאַרפט האָבן ראָנטש׳ען פאַר זיך צו „מוטשען" אים . . .

האַי פּאָלס, 20/9 1947

טייערער ראָנטש

אַוואַדע: אויב אייך געפעלט בעסער „דער ייד מיטן פידל" — נעמט עס. איך קלער אַז נאָך אייער באַשלוס איז יענע (אָן דער פידל) נישט אַזוי געאַרבעט און נאָך ענלעך צו דער אַלטער אייערער — איז ווילט איר מיר זיי ברענגען איין טאָג, איך זאָל עס אַ ביסל צואַרבעטן און צוזאַמען מיט אַנדערע געבן זאַלצמאַנען — צום אויסקלייבן.

מיט בעסטע גרוסן און גוטן פאַר אייך ביידן, מאַרק שאַגאַל.

פּ.ס. איך קום אין שטאָט, דינסטיק־מיטוואָך. אָבער די ביכער וועלכע זאַלצמאַן האָט געזאָגט ער וועט אָפּשיקן צו אידאַן (פאַר פראַנקרייך, פּוילן, רומעניע און מאָסקווע) דאָס, קלער איך, וועט מען אָפּשיקן — ניט אָפּלייגן אויף לאַנג.

ס׳איז גוט אפשר אַז מען זאָל מיר זיי געבן פון אָרדנ׳ס נאָמען מיט זיך אין פּאַריז, ווען איך פאַר אָפּ דעם אַכטן אָקטאָבער.

טייערער ראָנטש: ניט אויסגעקומען מיר אַ פּאָר טאָן אין „קינדערלאַנד", כאָטש דאָס וואָלט מיר פאַרשאַפט פאַר־געניגן. איר ווייסט דאָך ווי איך בין שלעכט אָרגאַניזירט און מיין קאָפּ ליגט נאָר אין בילדער, בילדער, צענדליקע יאָרן איבערגעאַרבעטע. אָבער דאָס הייסט ניט אַז איך וויל אייך ניט זעען און „מוטשען" אַ ביסל — טאַקע וועגן בעלאָטשקאַס בוך. איז שוין פּאַרטיק (און אַזוי שיין). איז גיט מיר צו וויסן ווי וועל איך אייך זעען. קלינגט . איך קום ווידער אין שטאָט אויף אַ פּאָר טעג.

איך וואָלט וועלן האָבן אַ ביסל ביכער. איך וואָלט וועלן וויסן ווען מען האָט אָפּגעשיקט און ווען מען עס בלייבט נאָך צו שיקן, וועמען אונטערשרייבן. וואָס מאַכט איר? און אידא און אייער זון? אייער ערגעבענער, מאַרק שאַגאַל.

האַי פּאָלס 10/3 1947

ערלויבט מיר צו שיקן אייך נאָך אַ טשעק פאַר דעם „שאַ־קאָלאַדנעם פאָנד" פון אייער זון.

מיט גרוס פאַר אייך ביידן
מאַרק שאַגאַל

דאָנערשטיק 1947

טייערער ראַנטש

אַ דאַנק פאַר דער לירישער פּאָעמע אייערער — „בעלא". ס'איז ריכטיק. מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז צו די צוויי דער־מאָנטע טיפן פרויען איז זי ביז גאָר „מאָדערן" פון סאָציאַלן, קינסטלערישן און יידישן שטאַנדפונקט. זי איז דער טיפּ פון אַ יידישער „1001־נאַכט" אין מיניאַטור. איך בין צופרידן אַז איר זייט פון די זעלטענע, וועלכע פילן זי און וואָס איר האָט אַזוי פיל מי און ליבע אָפּגעגעבן צום דרוק פון אירע צוויי ביכער. זי ווייס דאָס געוויס און זי וועט, בין איך זיכער, אויף איר שטייגער וועגן אייך טראַכטן.

איך קום אין שטאָט זונטיק. איך וועל אייך אָנקלינגען. אַ גרוס אייער פרוי.

ערגעבענער מאַרק שאַגאַל

שיף מארעטאניאַ אָקט. 4, 1947

טייערער ראַנטש. אַ דאַנק אייך און די פריינט פון אָרדן פאַר דער טעלעגראַמע. איך פאָר נאָך אַלץ און וועל נאָך פאָרן ביז 9 אָקט. נישט צו מאַכן. דערווײַלע האָב איך אויפן שיף דורכגעלייענט כאַנוקאָווס אַרטיקל וועגן בעלאַן און ער איז מיר זייער געפעלן. שיק איך טאַקע אים אַ פאַר ווערטער און איר וועט אַזוי גוט זיין אים איבערשיקן (איך ווייס ניט זיין אַדרעס). וואָס מאַכט איר? אפילו אויף דער בעסטער שיף איז נודנע צו פאָרן. אַ מחיה איז צו גיין איבער דער ערד. אַ גרוס אייער פרוי.

איבערמאָרגן קום איך צופאָרן. פאַרגעסט ניט, ליבער ראַנטש, בעטן די פריינט פון אָרדן מען זאָל איבערשיקן בעלאַס ביכער אין אַמעריקע און אין אויסלאַנד. איר האָט מיר פאַר־שפּראָכן. — און שרייבט מיר אָן אַמאָל אויף אידאָטשקעס אַדרעס.

„בעט גאָט" פאַר מיר . . . ערגעבענער, מאַרק שאַגאַל.

האַי פּאַלס, 1948

ליבער ראַנטש, וואָס מאַכט איר? לאַנג אייך ניט געזען. מען זעט ניט דעם אַנדערן — מען זעט זיך אַליין ניט. איך וויל אייך זאָגן אַ גוטן טאָג. איך קלייב זיך באַלד אין וועג. ווער ווייס אויף וויפל. אפשר וועלן אָנקומען דערווײַלע אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע צרות. נו — מיר זײַנען דאָך אַלע ביי גאָט אין די הענט. זייט אַלע געזונט — איר, אייער וואוילע פרוי און זון.

מיט מײַנע בעסטע גרוסן
מאַרק שאַגאַל

1948, אַפּריל
ליבער ראַנטש

איך האָב שוין לאַנג פון אייך קיין נייעס ניט געהאַט. איך קום אין שטאָט דעם 13טן אַפּריל און וועל זיין עטלעכע טעג. דערנאָך דעם 23 אויף אַ 2 טעג. איך ליקווידיר 42 ריווערסייד. גיט מיר אַ קלונג, מיט גרוס אייער פאַמיליע, שאגאל
און אַ כשרן פּסח.

י. א. ראנטש

בעלאַ שאַגאַל

(צו איר יאָרצייט)

איך זע זי יום־טובֿ׳דיק געקליידט
אין אַ גרויען אינדערוואָכן.
עס מיניען זיך אין איר געזיכט
שרה בת טובֿים און גליקל פון האַמעלן.

פאַרשלייערט איז דער בליק פון אירע גרויסע אויגן,
נאָר וואַרעם איז זייער גלי.
איר וואָרט באַפינקלט איז מיט חכמה פון דורות,
עס לויטערט איר קול מיט קילקייט פון וואַלד.

איך זע זי יום־טובֿ׳דיק געשטימט
אין טעג פאַרוואָלקט און פאַר׳צער׳ט.
„געאייניקט וועלן ווערן מיר דערהויבן און געשטאַרקט",
זאָגט זי הויך און קלאָר צו אַלע צווייפלער.

זי שרייבט אַריין מיט יום־טובֿ ציטער,
געטאָקטע אותיות אין אירע העפטן.
עס לעבן אויף די קינדער־יאָרן
פון אַ יידישער בת־יחידה.

און ווען זי האָט דערזען דעם מלאך המות
שטיין צוקאָפּנס גרייט און גיריק,
האָבן אירע גוטע אויגן זיך געבעטן:
„לאָז די העפטן מיינע, מיינע העפטן".

זי איז אַוועק באַשיידן, שטיל.
גאַנץ געבליבן זיינען אירע העפטן.
געבליבן איז דער שיינער יום־טובֿ,
די ברענענדיקע ליכט פון אירע קינדער־יאָרן.

נאָטיצן

.1

גלייך נאָך בעלאָס טויט, ווען ער האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך, פלעגט מיך מאַרק שאַגאַל בעטן גיין שפּאַצירן מיט אים אין די פּרי־מאָרגנס. ער האָט אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג צו זיצן אין דער קאַפע־טעריע, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון זיין וואוינונג. דאָרט פלעגט ער זיצן מיט בעלאַן ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע. ער האָט אויסגערעכנט, אַז צווישן 10 און 11 פרי, איז דאָרט ליידיקלעך און מיר וועלן קאָנען זיצן ביים זעלבן טיש, וואו ער פלעגט זיצן מיט בעלאַן די ערשטע צייט פון זייער באַזעצן זיך דאָ.

פון יענעם טיש, האָרט ביים ריזיקן פענצטער, האָט ער געקאָנט באַאָבאַכטן די אַריינקומער און די אַרויסגייער, ווי אויך די פאַרביי־גייער אין גאַס. אים האָבן אינטערעסירט די פּנימער. פון זיי, האָט ער געזאָגט, האָט ער געלערנט מער ווי פון ביכער וועגן אַמעריקע.

נאָר אַציגד האָט ער ווינציק־וואָס געהאַט באַמערקט די מענטשן אַרום. גערעדט האָט ער כסדר וועגן זיין בעלאַטשקאַן. מיט אַ פינגער איבערן טיש אילוסטרירט אירע גרויסע אויגן, איר מאָלעריש גע־זיכט. גערעדט וועגן זייער ליבע, וועגן איר איבערגעגעבנקייט צו אים, וועגן איר בעלעטריסטישן טאַלאַנט. זי האָט קיינמאָל נישט אינזינען געהאַט זיך אַליין, קיינמאָל נישט געוואָלט קיין לוקסוס. בלויז אַ פאָר חדשים פאַרן טויט, ווען איר בוך האָט געהאַלטן ביים געפינען אַ פאַרלעגער, און זי האָט מיטאַמאָל דערפילט אַז זי וועט דאַרפן אויפטרעטן פאַר לייענער, האָט זי גענומען איינקויפן זאַכן פאַר איר אייגענעם געברויך — שיך, קליידער, הענטשקעס א. אַ.

די קאַפעטעריע האָט באַלד פאַר מאַרקן פאַרלוירן דעם אינטערעס

און מיר האָבן גענומען שפּאַצירן אויף ריווערסייד דרייוו, קעגנאיבער דעם האָדסאָן טייך, וואו ער האָט געקאָנט רעדן פרייער און געניסן פון דער שייִנקייט פון דער נאַטור אַרום.

אָט אויף די שפּאַצירן האָט מאַרק אַרויסגעוויזן זיין שטאַרקן אינטערעס צום געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד און פון דער וועלט. אָנגעהויבן האָט ער מיט שטעלן פראַגעס וועגן יידישן לעבן פון לאַנד. ער האָט זיך געוואָלט דערגרונטעווען צו די סיבות פון דער צעטיילונג אויף רעכטע און לינקע אויף דער יידישער גאַס. אויך די צעטיילונג צווישן די רעליגיעזע עלעמענטן, ווי די אָרטאָדאָקסן און רעפאָרמיסטן. ער האָט פּרובירט געפינען אַ לייזונג און דערבריינגען צו אַ שלום־בית.

ער איז געוואָרן שאָקירט פון דער לאַגע פון אַמעריקאַנער נעגער. ווען ס׳איז פאַרבייגעגאַנגען אַ נעגער־אַרבעטער, האָט ער אים נאָכגעקוקט און גלייך פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס וועגן דעם ביטערן לעבן, וואָס עס קומט אויס צו לעבן מיליאָנען שוואַרץ־הויטיקע בירגער אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

— ווען איך וואָלט געווען אַ נעגער, וואָלט איך דאָ נישט געקאָנט לעבן . . . אָדער גלייכהייט, אָדער טויט — האָט ער געזאָגט מיט באַדויער.

מיך האָט געצויגן צו הערן פון אים רייד וועגן זיין אייגענער קונסט. נאָר פּונקט ווי ער האָט ניט געוואָלט, מען זאָל אַריינקומען צו אים אין סטודיאָ, בעת ער אַרבעט, אַזוי האָט ער אויסגעמיטן צו רעדן וועגן זיין קונסט. און אויב ער האָט יאָ אַמאָל, פאַרבייגייענדיק, אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיין אַרבעט, האָט ער זיך גלייך פאַרמאַכט און גענומען רעדן וועגן עפּעס אַנדערש.

דאָך האָב איך געפילט, אַז עס האָט אים ווי געטאָן, וואָס ער רעדט נישט וועגן זיינע לייוונטן. ס׳האָט אויסגעפעלט בעלאַ, און זי איז געווען די אינספּיראַציע, דער מבין און דער קריטיקער. און דערפאַר איז אים שווער געווען צו נעמען זיך צוריק צום מאָל־ברעט. זיין הויפּט־אינטערעס איז געווען דאָס העלפן מיר צוזאַמענשטעלן די מאַנוסקריפּטן פון בעלאַן און דאָס צוגרייטן זיך אַרויסצוגעבן איר ערשט און שפּעטער איר צווייט בוך.

.2

גלייך נאָך בעלאַס טויט, ווען כ׳האָב זיך אָנגעהויבן באַשעפטיקן מיט אירע מאַנוסקריפּטן — און דאָס האָט מיך דערנענטערט סיי צו

מאַרקן און סײַ צו אידאַן, זייער איינציקע טאָכטער — האָב איך גע־נומען פאַרצייכענען נאָטיצן, וואָס האָבן געקאָנט העלפן בולטער אָפּשפּיגלען די פּערזענלעכקייט פונעם קינסטלער.

איך וויל דאָ איבערגעבן עטלעכע, אַזוי ווי זיי זײַנען פאַרצייכנט געוואָרן פרישערהייט.

דאָנערשטיק, 14טער סעפּטעמבער, 1944.

געקומען צו מאַרקן אין אידאַס קוואַרטיר, געדאַרפט איבערגעבן בעלאַס מאַנוסקריפּטן. מאַרק איז געווען אַליין אין הויז, וואָס פלעגט זעלטן טרעפן. זײַן שטימונג איז געווען אַ טרויעריקע. ער האָט זיך דערמאָנט אין בעלאַן און געזאָגט:

— נישט איינמאָל האָט זי מורא געהאַט, אַז איך וועל זי אויפ־הערן ליב האָבן, ווען זי וועט ווערן אַלט. איך, דער קינסטלער, וועל ניט קאָנען פאַרטראָגן אירע קנײטשן אויפן פּנים . . . איך האָב אַ סך געטראַכט דערפון און זיך פאַרגעשטעלט ווי זי וועט אויסזען; דאַן וועגן אירע איינגעצויגענע באַקן, וועגן די ליניעס אויף איר גע־זיכט . . . איך האָב שלום געמאַכט מיט זיך און איר באַוויזן, אַז ווען זי וועט ווערן אַלט, וועט זי אויך זײַן שיין. אירע ליניעס וועלן דאַן פאַרמאָגן אין זיך אַ באַזונדערע שיינקייט . . .

„איר ווייסט פאַרוואָס זי איז אַוועק פון מיר אַזוי פרי? ווייל זי האָט געוואָלט, אַז איך זאָל זי געדענקען ווי זי איז געווען שיין”.

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען. מאַרק האָט מורא געהאַט פאַרן טעלעפאָן און עמעץ אַנדערש האָט תמיד געדאַרפט ענטפערן פאַר אים. ס'איז געווען לעאָן קאָברין, וואָס האָט אויסגעדריקט זײַנע מיט־געפילן צו אים. מאַרק האָט אויסגעשפּרייט די הענט און געזאָגט: „אָט איז קאָברין, אַ וויטעבסקער, אים איז באַשערט צו לעבן אויף דער עלטער מיט זײַן פרוי”.

עס איז אַרײַנגעקומען הרב שויכעטמאַן. מאַרק האָט אים וואַרעם אויפגענומען, אויסגעדריקט זײַן באַדויער, וואָס ער קאָן נישט קיין העברעאיש. ס'איז אים פרעמד דאָס אַמאָליק געדרוקט יידיש וואָרט. ער וויל וויסן פונעם רב וועגן די פאַרשידענע עקיבאס, וואָס האָבן אַמאָל געלעבט.

שפּעטער האָט מיר מאַרק דערציילט, אַז ווען ער האָט געדאַרפט מאַכן אַ צייכענונג פאַר דער ביבל האָט ער אַ סך שטודירט. עס האָט אים געהאָלפן דאָס, וואָס ער איז געווען אין ארץ־ישראל.

אין ארץ־ישראל איז ער געווען איבער צוויי חדשים, אין יאָר 1930. ער האָט זיך דערמאָנט פאַרשידענע עפּיזאָדן אין שייכות מיט

יענער רייזע און דערציילט דאָס פֿאָלגנדיקע:

„געווען איז דאָס אַזוי. עס קומט צו מיר, אין פּאַריז, דיזענהאָף, אַ הויכער אַזאַ, ווי אַ שטורעם וואָלט אים אַנגעטראָגן. מיר האָבן זיך נישט געהאַט געקענט.

„ער: מען זאָגט אַז איר זענט דער גרעסטער קינסטלער ביי יידן . . . (איר הערט: „מען זאָגט").

— און אַז מען זאָגט, מסתם איז דאָס אַזוי. איר זייט דער מענטש וואָס וועט אויפֿבויען דעם ערשטן קונסט־מוזיי אין ארץ־ישראל.

זיין פּרוי איז אים נאָר וואָס געהאַט געשטאָרבן און ער האָט געוואָלט פֿאַראייביקן איר אָנדענק דורך גרינדן אַ מוזיי.

— פֿון וואַנען ווייסט איר עס, אַז איך וועל זיין פּאַסיק פֿאַר אַזאַ זאַך?

— „מען זאָגט" . . . (ווידער „מען זאָגט").

האָט ער אונדז איינגעפּאַקט און מיטגענומען מיט זיך. ביאַליק איז אויך געפֿאָרן מיט אונדז. געוואוינט האָבן מיר ביי דיזענהאָפֿן. געמוזט וואוינען ביי אים, דעם מעיאָר. מען האָט דאַן געהאַט גע־פֿייערט זיין יובילייִ, האָבן מיר אומעטום געדאַרפֿט מיטגיין, אומעטום האָט ער גערעדט וועגן אונדז . . .

„געטראַכט וועגן בלייבן. וואָס דאַרף איך דען? מענטשן זאָגן, אַז איך בין רייך, אַ קאַפּיטאַליסט. ניט אמת. אַנדערע זיינען רייך געוואָרן דורך מיינע בילדער. איך נישט.

„געזאָגט בעלאַטשקאַן: לאָמיר זיך באַזעצן אין אַ קבוצה, אַרבעטן אָן זאָרג. נאָר זי האָט איינגעזען, אַז איך וועל דאָרט נישט קאָנען אַרבעטן פֿריי, אַז קהל וועט מיך אויסהאַלטן, וועט מען וועלן האָבן די דעה. מאָל אַזוי און אַזוי. דאָס נישט . . . פֿאַרלאָזן".

איינמאָל האָט ער מיך געבעטן ענטפֿערן דעם טעלעפֿאָן. גערופֿן האָט אַן עלטערע פּרוי, גערעדט פֿראַנצויזיש, איז מאַרק צוגעקומען און איבערגענומען. זיין פּנים האָט אויפֿגעשיינט. ער האָט מיט איר גערעדט אַ מינוט פֿופֿצן. ווען אידאַ איז אָנגעקומען האָט ער איר דערציילט, אַז דאָס איז געווען מאַדאַם ג. זי וויל קומען אַרויסהעלפֿן אין הויז, זיך נוצלעך מאַכן. אידאַ האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז ווען יענע איז געקומען האָט מען איר געדאַרפֿט אונטערטראָגן חלשות־טראָפּנס. נאָר מאַרק האָט זיך געבעטן ביי דער טאָכטער: „געפֿין פֿאַר איר, דאָטשקאַ, עפּעס צו טאָן אין הויז. אַ גוטער מענטש, שיין פֿון איר, סלאָוואַ באָגו".

שאַגאַלס אילוסטראַציע צו פּרצ׳ס „קונצנמאַכער״

3.

31טן אָקטאָבער, 1944.

דערעפענונג פון שאַגאַלס אויסשטעלונג. כ׳בין געקומען צעז פרי. מאַרק זיצט אין דער סטודיאָ איבער אַ גלאָז טיי. ער קוקט אויס אויסגערוט.

— אַזוי פּינקטלעך? טשודנאָ!

מיר פאָרן אין „פּראָמפּט־פּרעס״ אין די אינטערעסן פון בעלאַס בוך. אין דער טעקסי רעדט ער כסדר וועגן בעלאַן. ער וועט יעדן טאָג קומען אין דער טיפּאָגראַפיע. קיין זאַך וועט אים נישט זיין צו שווער, ברוך השם, צו טאָן פאַר בעלאָטשקאַס בוך.

מיטאַמאָל ווענדעט ער זיך צו מיר און זאָגט: „געליינט אייער אַרבעט וועגן ראַבאַי. פיין. איר ווייסט, איר דאַרפט שרייבן קריטיק איבער ליטעראַטור״.

איך האָב אַריינגעשטעקט מיין האַנט אין קעשענע. ער האָט געמיינט, אַז איך גרייט זיך צו באַצאָלן פאַר דער טעקסי. האָט ער אַרויס־געכאַפּט זיין טייסטער. דערקלער איך אים, אַז מיר וועלן באַצאָלן ביים אַרויסשטייגן, נאָר ער האַלט זיך ביי זיינס: דאָס וועט ניט גיין. ער וועט צאָלן. ער וועט מיט מיר קיינמאָל מער נישט רעדן.

אין דרוקעריי. ער רעדט מיטן פאַרוואַלטער וועגן פּאַפּיר פאַרן בוך. יענער דערקלערט אים, אַז ס'איז מלחמה־צייט און דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס מען קאָן קריגן. מאַרק מאַכט אַ קרומע מינע. מיר גייען אַריין צום זעצער בוראַקאָוו, וואָס רויטלט זיך פון אומגעריכטן גרויסן גאַסט. ער פּרוּווט באַווייזן מאַרקן ווי אַזוי די ליִנאָטיפּ־מאַשין אַר־בעט, נאָר מאַרק קוועטשט מיט די אַקסל און זאָגט, אַז ס'איז צו קאָמ־פּליצירט פאַר אים. „כ'פאַרשטיי גאָרנישט" . . .

4טער נאָוועמבער, 1944.

מיר שפּאַצירן אויף ריווערסייד דרייוו. ער דערזעט אַ שיינע טויב, זאַפּט איין אין זיך אירע קאָלירן. זאָגט בלויז: „זעט ווי שיין!"

ער דערציילט וועגן עמעצן, אַ פאַרשטייער פון אַן ענגליש־יידישן געזעלשאַפטלעכן פאַרלאַג, וואָס גיט אַרויס רעליגיעזע ביכער און פאָרשונג־אַרבעט איבער יידישער געשיכטע.

„איז ער געקומען צו מיר, דער ייד. דאָס פּנים אויסגעפּאַשעט, ראָזעווע, מען זעט, אַז ער אַרבעט זיך נישט איבער. געקומען, אַז איך זאָל אים געבן „סעמפּלס" פון מיין אַרבעט פאַר זיין קאָמיטעט. דער קאָמיטעט דאַרף זאָגן מבינות צי איך קאָן אילוסטרירן פאַר זיי אַ בוך. ער וואָלט זיך פאַרלאָזט אויף מיר, נאָר נישט דער קאָמיטעט. דער ייד האָט גערעדט און לחלוטין נישט געהאַט קיין באַגריף וועגן קונסט. און אַז איך וועל זיי נישט געפעלן ווערן, וועל איך דען מאָלן ווי דער קאָמיטעט וועט מיך הייסן?"

באַלד איז דער שמועס אַריבער אויף דער פּאָליטישער לאַגע פון לאַנד. ס'איז געוועזן ערב פּרעזידענט וואַלן. ער ציטערט פאַר דעם קאַנדידאַט דיואי. און וואָס איז מכח די יידישע אַרבעטער־פירער דובינסקי און הילמאַן? און וואָס איז דער דורכשניטלעכער קולטור־רעלער מצב פון די מיטגלידער פון די דריי פּראָטערנאַלע יידישע אָרדנס . . .

ער גייט אַריבער צו דער לאַגע פון אַ יידישן שרייבער דאָ אין לאַנד, וואָס דאַרף אַרויסגעבן אַ בוך. ער איז אַנטוישט אין לייוויקס שטעלונג צו פּאָליטישע פראַגן. אויך אָפּאַטאָשו, וואָס איז אים אַזוי

נאָענט, איז נישט אויסגעהאַלטן אין זיין פּאָליטישן צוגאַנג. בעלאַטשקא איז געווען אַ לינקע. וואָלט זי געלעבט, וואָלט זי זיך אַנגעשלאָסן אין אַרבעטער־אָרדן.

מיר קומען צוריק אַריין אין הויז. אידא האָט צוגעגרייט עסן. זי וויל ער זאָל זיך צולייגן אויף אַ צוויי שעה. אידאַ איז עפּעס אויפגעבראַכט. זי רעדט מיט אים אויף פראַנצויזיש און זי חזר'ט איבער אַ פּאָר מאָל דעם נאָמען פרץ הירשביין. איך ווייס ניט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, נאָר שפּעטער דערקלערט מיר מאַרק, אַז הירשביין האָט טעלעפאָנירט און געוואָלט גלייך אַריבערקומען, נאָר מאַרק איז געווען צו שטייף פאַר אים, געהייסן אים מאַכן אַ באַשטעלונג מיט אידאַן אויף אַן אַנדערן טאָג. ער האָט דאָס געטאָן בכיון, האָט ער מיר דערקלערט, דערפאַר וואָס הירשביין האָט אים די גאַנצע צייט קיין וואָרט נישט געשריבן, נאָכן טויט פון בעלאַן. יאָרנלאַנג געווען פריינט, אין פּאַריז געקומען צו אים כסדר אין שטוב אַריין.

מאַרק לייגט זיך צו אין צווייטן צימער. ער בעט אַז איך זאָל פאַרבלייבן. אידא איז מיד, נאָר זי בעט, אַז איך זאָל זיצן מיט איר. זי וויל רעדן צו עמעצן. זי דאַרף זיך דאָס האַרץ אויסרעדן. זי רעדט וועגן פּאָטער, וועגן דער מוטער. זי איז צעווייטיקט און רעדט אינטים — און אַזוי וועט דאָס בלייבן. איין זאַך קאָן מען איבערגעבן: מאַרק האָט זיך תמיד געשראָקן, אַז די קונסט וועט אים נישט אויס־האַלטן און ער האָט זיך געוואָלט אָנגרייטן מיט פּאָנדן אויף דער עלטער, ער זאָל קאָנען מאָלן פריי.

מען האָט תמיד געלעבט איינפאַך. דער פּאָטער האָט נישט געוואָלט טראָגן קיין טייערע זאַכן.

ס'איז געקומען דער גרויסער פינאַנציעלער קראַך אין אַמעריקע און מאַרק האָט דערהאַלטן אַ דעפּעשע פון זיין אַגענט, אַז ער זאָל מער קיין בילדער ניט שיקן. דער קריזיס האָט זיך געפילט אין שאַ־גאַלס היים. נאָר צום גליק איז געקומען דער מיליאָנער גוגענהיים פון ניו־יאָרק קיין פּאַריז און האָט געקויפט 12 שאַגאַלס בילדער מיטאַמאָל.

וועגן בעלאַן. זי איז געווען שטאַרק קראַנק, נאָר זיך תמיד גע־שטאַרקט און ניט אַרויסגעוויזן קיין זעלבסט־באַדויער. געווען אַ מענטש מיט אַ זעלטענער אינערלעכער דיסציפּלין און זי, אידאַ, האָט אַזויפיל געלערנט פון איר און זי געשעצט און טיף ליב געהאַט.

די נאָענטע זיינען געווען איבערראַשט צו זען ווי בעלא האָט אַ

פאַר חדשים פאַר איר טויט זיך גענומען אויסקליידן און באַשטעלן קאָסטבאַרע זאַכן פאַר זיך. זי האָט דערפילט, אַז ס׳איז געקומען איר צייט און אויך זי וועט דעביוטירן פאַר דער וועלט און געניסן פון פּראָמינענץ ווי דער מאַן און די טאָכטער (אידא איז אַ פיינע מאָלערין). איר בוך וועט דערשיינען און זי וועט דאַן אויפטרעטן פאַר מאַסן און שטיין אויף דער פּלאַטפאָרמע . . . ווי טראַגיש־פּאַטעטיש! און אידא האָט פאַרגאָסן טרערן.

4.

דער מאָדערנער מוזיי פון קונסט האָט דורכגעפירט אַן אויס־שטעלונג פון שאַגאַלס בילדער. דאָס איז געווען אַ נייעס, וואָס האָט פאַרדינט די ערשטע זייט פון דער צייטונג. לאַנגע רייען האָבן געוואַרט אין דרויסן. שאַגאַל איז אָנגעקומען, אַרומגערינגלט פון פאַרשטייער פון דער פּרעסע און פאָטאָגראַפן. זיינע אויגן האָבן געגליט. זיין פּנים איז געווען רויט־פאַרשוויצט. דאָך האָב איך גע־קאָנט פון דער ווייט באַמערקן, אַז ער האָט נישט קיין הנאה פון דער אויפמערקזאַמקייט, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן. אויף מיר האָט ער געשאַפן דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געזוכט אַ מעג־לעכקייט צו אַנטלויפן פון מוזיי.

ער האָט מיך ענדלעך באַמערקט, איז צוגעגאַנגען מיט גיכע טריט און האָט אַריינגעשושקעט מיר אין אויער אויף יידיש: „גייט ניט אַוועק. איך האָב דאָ היינט נישט געדאַרפט זיין, זיך געדאַרפט ערגעץ באַהאַלטן".

11טער נאָוועמבער, 1944.

כ׳בין געקומען צו אים אין סטודיאָ אַריין. אידא האָט געהאַט צוגעגרייט ווייַן און קיכלעך אויפן טיש. איך האָב געזען ווי צום ערשטן מאָל זינט בעלאַס טויט האָט מאַרק צוריק געהאַט אויסגע־האַנגען זיינע בילדער פון בעלאַן. ער האָט געקוקט אויף זיי און געזאָגט פאַר׳חלומט: „אָט אַזוי איז זי געווען. אַ ליבלעך פּנים".

●

באַלד האָבן אומשטענדן גורם געווען, איך זאָל ניט קאָנען מאַכן מער נאָטיצן פון מיינע קאָנטאַקטן מיט מאַרק שאַגאַל. עס איז ביי מיר געבליבן דער גלויבן, אַז אין שאַגאַלס פּשטות איז געלעגן פאָלקס־

חכמה. ער האָט פאַרמאָגט עפּעס פויערישעס פון ערלעכן רוסישן מוזשיק. ער האָט מיך נישט איינמאָל דערמאָנט אין די חסידים פון גער און אַלעקסאַנדער פון מיינע קינדער־יאָרן.

מאַרק האָט געקאָנט אַרומגיין פאַרגלאָצט, פאַרחושט און פאַר־גלויבט אין זיין אינערלעכן איך. ער האָט געקאָנט אַרויסווייזן באַ־גייסטערונג פון אַ קינד און דער דרויסן זאָל אים אינגאַנצן נישט אָנגיין. ער האָט אָבער געקאָנט מיטאַמאָל טראָגן דעם וועלט־שמערץ אויף זיין מאַרטירער־פּנים און זיין קול איז געוואָרן טראַגיש־דער־שראָקן פאַר דער לאַגע פון דער וועלט און פון דער מענטשהייט. ער האָט געקאָנט ווערן בונטאַריש און זיין גרייט צו גיין אויף די באַריקאַדן.

נאָר איבער אַלץ און איבער זיין פּערזענלעכן וואוילזיין האָט ער זיך געקאָנט אַריינטאָן אין אַן איבערלעכער וועלט, וואָס איז אונדז נישט געווען באַקאַנט און צו וועלכער מיר האָבן קיין צוטריט נישט געקאָנט האָבן. דאַן איז ער געווען פאַרשטעלט אין זיך און געקוקט אויף דעם אַרום מיט גאָר נייע, אפילו פרעמדע אויגן, ווי זיי וואָלטן דיך דערזען צום ערשטן מאָל.

אָפט האָט ער אין זיינע רייד אַרויסגעוויזן אַ באַהאַוונטקייט מיט צייטיקע פּראָבלעמען און אַן אָריגינעלן צוגאַנג צום אַרום. ווען מען האָט זיך גוט צוגעהערט צו זיינע רייד, האָט מען אין זיי דערפילט דעם גלויבן און די איבערצייגונג פון אַ טיפער נשמה.

ווי אין זיינע בילדער איז שאַגאַל פאַרשטענדלעך און נישט־פאַרשטענדלעך, פשוט אוניווערסאַל־טיף. דער בלוי אין זיינע לייוונטן קומט זיך צונויף מיטן בלוי פון זיינע אויגן, וואָס זיינען אַנדעריש, אָריגינעלער און דורכדרינגענדיקער פון דעם טאָג־טעגלעכן בלויען האָריזאָנט.

וואַנדער



שאַגאַל איז צוריקגעפאָרן קיין פראַנקרייך. געוויינט פאַרן אַוועק־פאָרן. ער לאָזט דאָ בעלאַטשקאַן אַליין. ווייזט אויס, אַז אָט דער געדאַנק האָט אים פאַרפאָלגט עטלעכע יאָר. אין אַ ליד וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין „טאָג" צו איר פערטן יאָרצייט, האָט ער געשריבן:

„היינט ווי נעכטן פרעג איך דיך:
צי בלייבסטו דאָ, צי גייסטו נאָך מיר נאָך?"

ווי פאַרנומען ער איז ניט געווען ביים איינאָרדענען זיך, האָט

ער אָבער אײנזינען געהאַט צו שרייבן און זיך אינטערעסירן מיט אונדז אין אַמעריקע. ווי אַ מוסטער דרוק איך דאָ אָפּ איינעם פֿון זיינע בריוו, וואָס כאַראַקטעריזירן, גלויב איך, זיין קוק.

וואַנס, פראַנקרייך, 10 אָקט., 1949

טייערער פריינט ראַנטש: געווען צופרידן פון אייך באַקומען נייעס. און די פאָטאָ פון אייער זון. וואָס מאַכט איר? איך טראַכט וועגן אייך און אייער פאַמיליע אָפט און מיר פאַרדריסט וואָס אַזאַ מענטש ווי איר האָט ניט דעם כבוד־פּלאַץ וועלכן איר פאַרדינט. אָבער איר זייט צופיל איידל און מענטשן נוצן דאָס אויס. שרייבט מיר ווי לעבט זיך אייך און אייער פרוי. ס׳איז אַ חרפּה וואָס מען האָט אייך אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע. ניין, דאָס איז ניט מענטשלעכקייט, ווען, פאַרקערט, מענטשן האָבן געדאַרפט ווייזן אַ ביישפּיל. פאַרזוכט צו פאַרדינען אייער שטיקל ברויט, אַליין, פאַר זיך. שרייבט און שיקט מיר צו צו לייענען.

העלפט אויך דעם וואוילן דר. קלומאַק. איך בין גרייט אים העלפן, אויב מען דאַרף, ווי איך קען. ער איז אויך אַליין צווישן מענטשן, וועלכע שעצן נישט אָפּ איידלקייט און ווערדע. נאָר ער, קלומאַק, גלויבט אַזוי ווייניק אין זיך, ווען ער איז פון די זעלטענע יידן וועלכע ליבן, פילן קונסט מיט זיין פּען.

ס׳איז איצט, דאַכט זיך, אויסגעשטעלט עטלעכע בילדער אין „מוזיי מאָדערן אַרט״, וועלכע זיי האָבן אָפּגעקויפט פון די „דייטשן״, אויך „די טויטע זעלען״. גייט זען און אַפילו מיט די שילער.

און שרייבט מיר וועגן אַלץ און אייער לעבן און אַרום.

איך בין דאָ דערווייליע, און ווינטש אייך אַלעס בעסטן

אייער ערגעבענער, אַ גרוס אייער

פרוי, מאַרק שאַגאַל.

מיר האָבן זיך אויפגעהערט איבערשרייבן. אידאַ און מישעל האָבן זיך צעשיידט. ביידע האָבן נאָכאַמאָל חתונה געהאַט. אידאַ פאַר דר. פראַנץ מייער, דעם קונסט קריטיקער און קאָלעקטאָר אין דער שווייץ. אויך שאַגאַל האָט געהייראַט פאַר וואַלענטינאַ בראָדסקי, וועלכע ער רופט וואַוואַ.

פון צייט צו צייט האָט מען אין דער פרעסע געהערט וועגן שאַ־גאַלס אויסשטעלונגען, וועגן זיין אינטערעס אין סעראַמיקס, אין קאַ־

לירטע שויבן. דער מאָרד פון פעפערן און מיכאָעלסן האָט אים אָפּגעפּרעמדט פון סאָוועטן פאַרבאַנד און דאָ און דאָרט האָט ער זיין צער און צאָרן עפנטלעך אַרויסגעוויזן.

אין פעברואַר 1958 האָב איך דערהאַלטן אַ בילד־קאַרטל פון שאַגאַלן, אַז ער קומט קיין שיקאַגאָ, אָנפירן אַ סעמינאַר אין אוני־ווערסיטעט. איך זאָל קומען זיך זען מיט אים. עס איז מיר נישט אויסגעקומען.

אין דער „מאָרגן פרייהייט" פון מערץ 26 איז דערשינען אַ שמועס מיט אים פון משה באַקאַל, וואָס האָט איבערגעגעבן, אַז אין די דריי וואָכן וואָס שאַגאַל איז געווען אין שיקאַגאָ, איז דאָרט געווען אַן אויסשטעלונג פון זיינע אַרבעטן. טויזנטער מענטשן האָבן באַזוכט די אויסשטעלונג. ס'איז אויך דערשינען אַ קאַטאַלאָג פון די בילדער, מיט אַ ביאָגראַפיע פון מאַרקן.

עס איז אַראַנזשירט געוואָרן אַן אויפנאַמע פאַר אים אין אוני־ווערסיטעט, פאַר פּראָפעסאָרן און סטודענטן. באַקאַל שרייבט, אַז דער קינסטלער איז אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ סך ליבע און פאַרערונג.

באַקאַל האָט געהאַט אַ שמועס מיט שאַגאַלן און אין משך פון דעם אינטערוויו האָט באַקאַל ציטירט פאָלגנדיקע רייד פון שאַגאַלן: „איך ווייס אַז געוויסע עלעמענטן צווישן די יידן ביי אייך אין אַמע־ריקע פאַרשפּרייטן רכילות וועגן מיר. מיך אַרט עס ניט. איך טו מיין אַרבעט און איך זע, אַז אומעטום שאַצט מען אָפּ מיינע שאַפונגען".

רעדנדיק וועגן ענינים פון יידישן לעבן האָט שאַגאַל דערקלערט: „ס'טוט מיר שטאַרק וויי די צעריסנקייט וואָס הערשט איצט צווישן יידן. כל זמן דאָס איז אַזוי, קאָן איך זיך ניט מישן אין קיין שום צד. פאַרוואָס זאָל ניט זיין מער איינינקייט?"

עס איז ניט קלאָר וואָס שאַגאַל האָט געוואָלט אַרויסברענגען, נאָר אַ ביסל שפּעטער האָט ער געזאָגט דאָס פאָלגנדיקע: „איך בין געבאָרן געוואָרן אין אַ זייער אָרימער פאַמיליע. מיין טאַטע איז געווען אַן אַרבעטער. מיין טאַטע־מאַמע האָבן אָרים געלעבט. זיי האָבן געהאַט 9 קינדער. פאַרבליבן זיינען נאָר צוויי שוועסטער און איך. נו, ווייס איך ניט ווי די אָרימע יידישע מאַסן ליבן, דענקען, מוטשען זיך?"

באַקאַל שרייבט ווייטער: „שפּעטער האָט שאַגאַל נאָכגעפרעגט זיך אויפן דיכטער י. א. ראַנטש. ער האָט געזאָגט: „ראַנטש האָט דאָך געאַרבעט איבער בעלאַס צוויי ביכער. איך האָב זיך מיט אים שטאַרק באַפריינדעט".

ער האָט ווייטער געצויגן דעם פאָדעם פון שמועס און געזאָגט: „איך וויים אַז קלמן מרמר, דער טיף דענקענדיקער ייִד, לעבט שוין ניט מער. אָ, ווי איך וואָלט אים נאָך געוואָלט זען, ווען ער וואָלט געלעבט״.

מיטאַמאָל האָט שאַגאַל גערעדט וועגן זיין איצטיקער פרוי: „מיין איצטיקע פרוי איז מיט מיר לעצטן יאָר געווען אין ישראל. כ׳האָב געהאַט אַן אויסשטעלונג פון מיינע בילדער אין ירושלים און אין תל אביב. דער רעגירונג האָב איך געגעבן אַ מתנה מיינע אילוסטראַציעס פון תנך, אויף וועלכע כ׳האָב געאַרבעט זינט 1930״. וועגן דער פרוי האָט ער דערציילט אַז זי רעדט רוסיש, ענגליש, פראַנצויזיש און לערנט זיך העברייאיש.

מיטאַמאָל האָט ער אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „בעלאַ!״ און צוגעגעבן: „איך וועל באַלד פאָרן קיין ניו־יאָרק. מיין בעלא ליגט דאָרט אויפן סטיפן וויז בית עולם״. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אין 1951 האָב איך דערהאַלטן פון אים דאָס פאָלגנדיקע בריוול:

וואַנס, 1951

טייערער ראַנטש. וואָס מאַכט איר? מיינט ניט אַז איך בין אַ מענטש וואָס פאַרגעסט. איך קאָן אפשר ניט שרייבן, אָבער איך געדענק. אָט ווידער ווילט זיך מיר וויסן וואָס מאַכט איר און אייער פאַמיליע? און טאָקע אין דעם חודש פון בעלאס 7טן יאָרצייט, אייך און אונדז אַלעמען צו לאַנגע יאָר. איך וויל וויסן וואָס און ווי איר מאַכט.

איך געדענק אַזוי גוט אייער האַרציקע טירכע און איבערגעבנקייט. אַז איך וועל באַקומען פון אייך אַ וואָרט — וועל איך אָנשרייבן מער און פולער.

אין גרוס, אייער מאַרק שאַגאַל

און אָט איז אַ בריוול פון אידאָן פון ניו־יאָרק, ניט דאַטירט.

שבת.

מיינע טייערע פריינט ראנטש

איך בין דאָ אין לאַנד זינט אַ פּאָר וואָכן, נאָר אין ניו־יאָרק זינט דאָנערשטיק. וואָס מאַכט איר ביידע און דאָס קינד? איך האָב ניט געוואוסט ווי אייך צו דערגרייכן, נאָר כ׳האָב איך

אַזוי שטאַרק געוואָלט זען און איבערגעבן גרוסן פון פאָטער און אייך זאָגן אַז עס וועט זיין גוט אייך נאָכאַמאָל צו זען און זיך דערמאָנען פון די אַלטע טעג. עס איז געווען גוט צו אַרבעטן צוזאַמען דאַן — און איך בענק נאָך ריווערסייד דרייוו.

איך בעט אייך, נעמט ניט פאַר אומגוט מיין ניט שרייבן צו אייך אַזוי לאַנג. דאָס מיינט ניט אַז איך האָב זיך געביטן אין מיין פריינטשאַפט צו אייך אין מיינע געפילן און גלויבן. טע־לעפאָנירט מיר אַזוי שנעל ווי איר דערהאַלט דעם בריוו.

מיט ליבע, אידאַ".

איך האָב זיך מיט איר באַגעגנט אין איר האָטעל. אין צימער ביי איר האָב איך געטראָפן אימיצן מיט וועמען איך בין געווען פּאָ־ליטיש שטאַרק צעקריגט. איך האָב געוואָלט וואָס גיכער פאַרלאָזן. זי האָט ניט געוואוסט די סיבה פון מיין קאַלטער באַציאונג צו איר. איך האָב זיך געאיילט אַוועקצוגיין און זי האָט מיך באַטראַכט מיט טרויעריקע אויגן און געבעטן אַז איך זאָל אַרויפקומען שפּעטער. נאָר איך האָב זי מער ניט געזען.

אין אָנהויב יוני 1960 האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון שאַגאַלן, אַז ער קומט מיט דער שיף קיין ניו־יאָרק און ער פאָרט אין בראַנדעיס אוניווערסיטעט. איך זאָל אים אָפּוואַרטן ביי דער שיף. איך האָב דאָס געטאָן. ער איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון רעפּאָרטערס און קונסט־מענטשן. ער האָט זיך אַנטשולדיקט וואָס ער קאָן מיט מיר ניט פאַרברענגען, נאָר געבעטן זיך ביי מיר אַז איך זאָל קומען אין בראַנדעיס, וואו ער וועט וועלן רעדן מיט מיר.

אין בראַנדייס אוניווערסיטעט

יענעם זונטיק, יוני 12, האָט דער בראנדעיס אוניווערסיטעט אין וואַלטהעם, מאַס., דורכגעפירט די גראַדואיר־פייערונגען און ביי דער געלעגנהייט געערט מיט דאָקטאָר־טיטולן אַכט וועלט־באַרימטע פיגורן. זיי זיינען געווען: די צוויי געווינער פון נאָבעל־פרייז פאַר שלום — ראַלף באַנטש פון די יונייטעד ניישאַנס און פיליפ נאָעל בייקער פון ענגלאַנד; די באַרימטע זינגערין מעריאַן אַנדערסאָן; פרענק גרעהעם, באַרימטער פּאָליטיקער און געלערנטער; דר. בראָק טשיז־האָלם, גענעראַל־דירעקטאָר פון דער וועלט־געזונט אָרגאַניזאַציע; דר. יודזשין ראַבינאָוויטש, אַן אַנאַטאָמישער וויסנשאַפטלער, וואָס איז דער אָנפירער פון דער באַוועגונג „אַטאָמען פאַר שלום"; דר. יוסף שוואַרץ, פירער פון „דזשאָינט", און דער וועלט־באַרימטער מאָלער, מאַרק שאַגאַל.

לכבוד די חשובע געסט האָט דער אוניווערסיטעט אַראַנזשירט אַ „בראָנטש" (פרישטיק און אָנבייסן צוזאַמען) אין אַ ריזיקער פּאַלאַטע (טענט). די דערמאָנטע פערזענלעכקייטן האָבן גערעדט אויף אַן איינ־טימען אופן. דער טאָסטמייסטער איז געווען דער פרעזידענט פון בראַנדעיס, דער באַרימטער געלערנטער דר. אברהם סאַכער.

ווען איך האָב זיך באַגריסט מיט שאַגאַלן און גערעדט צו אים אין יידיש (פאַרשטייט זיך), איז דר. סאַכער געזעסן לעבן אים און צוגע־שמייכלט. איך האָב געמיינט, אַז ער האָט ניט פאַרשטאַנען אונדזער שמועס, נאָר שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אַליין פאַר די עטלעכע הונדערט פאַרזאַמלטע מיט גרויס הנאה אַריינגעוואָרפן יידישע ווערטלעך אין זיין רעדן.

דער „בראַנטש" האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער הויפּט־טעמע — שלום, ריכטיקער געזאָגט — די געפאַר וואָס דראָט דעם שלום פון דער וועלט. יעדער רעדנער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם. אָנ־הויבנדיק מיט ראַלף באַנטש, וואָס האָט אויף זיין דיפּלאָמאַטישן שטייגער געגעבן אָנצוהערענישן אויף דער אייזנהאַוער אַדמיניסטראַציע און זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם ענין פון יאָ אָדער ניט זאָגן דעם אמת . . .

גאָר אַ שטאַרקן איינדרוק האָט געלאָזט די לעצטע רעדנערין, די באַרימטע זינגערין מעריאַן אַנדערסאָן, ווען זי האָט מיט אַן אָנגעווייטיקטן טאָן אויסגערופן, אַז שלום דאַרף זיין יעדן איינציקנס ענין. זי האָט געענדיקט פּאַטעטיש: „זאָל זיך דער ענין שלום אָנהויבן מיט מיין איבערלעכן איך".

דר. פיליפּ נאָעל בעיקער, דער געווינער פון נאָבעל פּרייז פאַר שלום, האָט געזאָגט, אַז מיר שטייען איצט פאַר אַ גרעסערער געפאַר פון מלחמה, ווי אין אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דער באַרימטער אַטאָם־וויסנשאַפטלער, דר. יודזשין ראַבינאָוויטש פון אילינאָי אוניווערסיטעט, האָט אָנגעוויזן ווי שטאַרק די וועלט קאָן געהאָלפן ווערן, ווען די אַטאָמישע וויסנשאַפט וועט גע־ווידמעט ווערן צו פאַרלייכטערן אונדזער לעבן, אַנשטאָט ווי זי ווערט מערסטנס באַנוצט אָפּצואווישן דעם מענטשלעכן מין פון דער ערד.

אגב, איז דער הויפּט־רעדנער ביי דער גראַדויִר־צערעמאָניע, שפּעטער אין אַמפיטעאַטער פון אוניווערסיטעט, געווען דער גראַדואַנט לאַימאַן ענדריוס, וואָס האָט גלענצנדיק אַרויסגעבראַכט אין זיין געשריבענער רעדע די לעבנס־פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַר די גראַ־דואירטע, ווען זיי וועלן מיט די דיפּלאָמעס דאַרפן פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס.

— ווי אַזוי — האָט ער געפרעגט — זיינען מיר צוגעגרייט געוואָרן צו פאַרשטיין דאָס לעבן? ווי אַזוי קוקט אויס דער היינט? וואָס דער־וואַרט אונדז דער מאָרגן? וואָס מיינט זיכערקייט? וואָס מיינט רע־גירונג? וואָס מיינט פעלקער־פריינטשאַפט?

נאָר נאָך פריער, ביים „בראַנטש", האָט אַ רעדנער געפרעגט אַן ענלעכע פראַגע וועגן דעם וואָס מיר לאָזן זיך פאַרנאַרן פון דער ראַדיאָ און טעלעוויזיע, וועלכע צעבלאָזן אַ נישטיקן נאָמען, וואָס קאָן ווערן אַ קאַנדידאַט פאַר דעם וויכטיקסטן אַמט פון לאַנד.

ניט געקוקט אויף די באַרימטע פערזענלעכקייטן וואָס זיינען גע־זעסן ביים הויפּט־טיש, האָט אָבער דער נאָמען מאַרק שאַגאַל געצויגן

די מערסטע אויפמערקזאַמקייט פון די קאַמעראַס און פון די געסט און סטודענטן. ביט געקוקט אויף זיינע 72 יאָר, קוקט שאַגאַל אויס גוט און לעבעדיק — איינגער פון זיינע יאָרן. ווען מען האָט אים פאָרגעשטעלט צו רעדן, האָט דר. סאַכער דערקלערט, אַז שאַגאַל וואָס רעדט רוסיש, פראַנצויזיש און יידיש, וועט אַדרעסירן דעם עולם אין פראַנצויזיש און דער גענעראַל־קאָנסול פון פראַנקרייך, וואָס האָט זיך געפונען ביים טיש, וועט איבערזעצן די רעדע. שאַגאַל האָט גערעדט פליסיק און מיט הומאָר. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט פיינט צו רעדן און אַז עס איז מער וויכטיק צו קוקן אויף פנים׳ער און אַריינקוקן אין די אויגן פון מענטשן — ווי רעדן צו אים.

ווינציק אַנוועזנדיקע האָבן פאַרשטאַנען שאַגאַלס פראַנצויזיש. דער גענעראַל־קאָנסול האָט פריער באַגריסט שאַגאַלן און דערקלערט ווי שטאַרק באַליבט ער איז איבער דער וועלט און איבערהויפּט אין פראַנקרייך און דאַן האָט ער איבערזעצט שאַגאַלס רייד.

דאָס האָט געגעבן אַ געלעגנהייט דעם טאָסטמייסטער, דר. סאַכער, צו זאָגן אַ פּאָר יידישע ווערטער פאַרן עולם. ער האָט אָנגעהויבן: „איך וועל אייך זאָגן וואָס ער האָט געזאָגט". דער עולם, וואָס האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען זיין ליטווישן יידיש, האָט זיך צעלאַכט און שטאַרק אַפּלאָדירט. דר. סאַכער האָט דאַן דערציילט, אויף יידיש, ווי מיט יאָרן צוריק, ווען דער יידישער טעאַטער האָט געבליט אויף סעקאָנד עוועניו און ער איז נאָך געווען זייער יונג, האָט ער געזען פאָלגנדיקע מעלדונג איבער דעם יידישן טעאַטער:

„האַמלעט, אינטערעסאַנטע פיעסע פון וו. שעקספּיר,
איבערזעצט און אויסגעבעסערט פון באָריס טאָמאַשעווסקי".

דער עולם האָט עס אויפגענומען מיט אַ קראַכנדיקן געלעכטער און גוט פאַרשטאַנען זיין וואונק. עס איז ניט געווען קיין אורזאַך פאַרוואָס שאַגאַל האָט ניט געקאָנט האַלטן זיין רעדע אין יידיש. אפילו די צען פּראָצענט ניט־יידן, וואָלטן דאָס אויך פאַרשטאַנען. דערביי האָט דר. סאַכער דערציילט, ווי ווען שאַגאַל איז אָנגעקומען אויפן קעמפּוס, איז צו אים געקומען דזשאַן קולידזש פון דער באַרימטער קולידזש־משפּחה. דזשאן האָט אָנגעהויבן רעדן מיט שאַגאַלן אין אַ שוואַכן פראַנצויזיש און ביידע האָבן פאַרענדיקט אין יידיש . . .

פּראָפעסאָר מיטשעל ציפּאָרין, דער הויפּט פון קונסט־דעפּאַרטמענט, איז געווען דער באַגלייטער פון שאַגאַלן. ער האָט צו אים

גערעדט אַ געזונטן יידיש. כאָטש ער (ציפּאָרין) איז אַן אַמעריקאַנער געבוירענער. דערזעענדיק מיך, האָט ער דערקלערט שאַגאַלן, אַז ער, דער פּראָפעסאָר, איז געווען מיין שילער אין די ערשט־געגרינ־דעטע אַרבעטער־רינג שולן אין שיקאגא. זייענדיק מיר אין דרייען גע־גאַנגען איבערן קעמפּוס און געשמועסט אויף מאַמע־לשון, צו דער דערשטוינונג מסתם פון אַ צאָל רייכע יידן, וואָס האָבן געבראָקט אַ שלעכטן ענגליש.

מיר האָבן ניט געהאַט קיין צייט צו רעדן. ער האָט מיר בלויז געזאָגט ווען זיין שיף גייט אָפּ, אין צווי טעג אַרום, און מיך געבעטן קומען אין זיין קאַיוטע און קומען פרי, אַזוי אַז מיר זאָלן קאָנען אַ שמועס טאָן. ער האָט זיך באַקלאָגט אויף זיין געזונט־צושטאַנד, מיך פאָרגעשטעלט פאַר זיין פרוי אין רוסיש און זי האָט מיך אויך געבעטן קומען צו דער שיף.

צו דער שיף בין איך געקומען מיט מיין סעקרעטאַרשע פון מוזיק פאַרבאַנד, לילי וואָלפסאָן. ער האָט איר גלייך געגעבן אַ קאָמפּלימענט, זאָגנדיק אַז זי איז זייער אַ וואוילער מענטש דערפאַר וואָס ער דערקענט אַ פּנים און זי, האָט ער געזאָגט, האָט אַ פּנים וואָס איז זייער אינטערעסאַנט.

די קאַבינע זיינע איז געווען פול מיט מענטשן און ער איז אַרויס־געגאַנגען מיט מיר אין קאָרידאָר און געזאָגט: „מיט אייך ווילט זיך מיר מער זיין ווי מיט זיי. דערציילט מיר עפּעס. זיי וועלן וואַרטן". נאָר באַלד איז אַרויסגעקומען זיין פרוי און זיך געבעטן אַז ער זאָל צוריק אַריין. מיר האָבן זיך צעקושט און ער האָט צוגעזאָגט צו שרייבן, נאָר מער האָב איך פון אים ניט געהערט ביז יולי 1963, ווען איך האָב זיך שוין געפונען אין סאַנטא באַרבאַראַ, קאַליפאָרניע.

אַ גרויס קאַרטל, וואָס איז געלעגן אין אַ קאָנווערט, האָט זיך געלייענט ווי פאָלגט:

ואַנס, 1963, 25/7

ליבער טייערער ראנטש

איך בין געווען זייער צופרידן באַקומען אייער וואָרט. דאָס האָט מיר דערמאָנט ווי יונג איך בין געווען, כאָטש זייער, זייער אומגליקלעך. און איר מיט אייער געבאָרענער סימפּאַטיע (און צו מיר באַזונדער) האָט מיר געהאָלפן פאַר בעלאַטשקאַן אירע ביכער אַרויסגעבן. איך בין צופרידן אַז אייער זון איז

גרויס געוואָרן. איך האָף אַז ער וועט זיין אַ שיינער מענטש און ייד. און וועט ליב האָבן קולטור און קונסט. (איך מיין ניט . . . שאַגאַל) . . . איך שיק אייך נאָר מיין מאָראַלישע סימ־פּאַטיע וואָס לייגט זיך לייכט אַריין אין אַ קאָנווערט, איר וועט מיך פאַרשטיין.

וואָס מאַכט אייער ליבע פרוי. און וואָס שרייבט איר, וואָס טוט זיך (איך ווייס אַ ביסל) אין דער „משוגענער" יידישער וועלט. מיט האַרציקע גרוסן

ערגעבענער מאַרק שאַגאַל

פון צייט צו צייט וואָס ער איז געווען אין פראַנקרייך פלעג איך פון אים דערהאַלטן בילדער־קאַרטלעך. איינס פון „אַרק דע טריאומף". אַ צווייטס, זיין „אַקראָבאַט". פון אידאָן האָב איך אויך באַקומען קאַרטלעך. איינס איז געווען פון דערפל גאַרדעי, ווע־מענס נאָמען זי האָט אָנגענומען אַלס קינסטלערין. אין דעם קאַרטל שרייבט זי צווישן אַנדערן: „איך געפין זיך דאָ אין דעם אַלטן דערפל וואו יעדער האָט געדענקט דער מאַמעס לעצטע ווערטער, ווען זי האָט זיך געזעגנט מיט זיי און איר באַזאָרגטקייט צי וועט זי נאָכאַמאָל זען גאַרדעי".

און אַט איז אָנגעקומען אין אַ היגן ביכער־געשעפט אַן איינציקער עקזעמפּלאַר פון דר. פראַנץ מייערס „מאַרק שאַגאַל", וואָס דאַרף זיין דאָס בוך וועגן מייסטער. עס פאַרקויפט זיך פאַר 35 דאָלער און די היגע ביבליאָטעק קאָן זיך אויך ניט דערלויבן דאָס צו פאַרשאַפן זיך.

דורך די יאָרן האָבן ביי מיר זיך אָנגעקליבן אויסשניטן פון צייטונגען און זשורנאַלן וועגן שאַגאַלן. אויך שאַגאַלס אייגענע אַר־טיקלען אָדער רעדעס און אַ פּאָר לידער וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט. איבערגעבנדיק זיי דאָ, אינגאַנצן און טיילווייז. וועט זיך באַקומען אַ קלאָרער בילד וועגן מאַרק שאַגאַל און וועגן זיין שאַפן.

איך האָב זיך אויך צוגעהערט צו אַ פּאָר לעקציעס מיט „סלאַידס" וועגן שאַגאַלן, נאָר זיי זיינען געהאַלטן געוואָרן פון ניט־יידן און איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז פאַר אַ ניט־יידן איז שווערער צו פאַרשטיין שאַגאַלס ווערק.

מען דאַרף זיין גוט באַהאַוונט מיט יידישן פאָלקלאָר, מיט דער יידישער ליטעראַטור, איבערהויפּט מיט פּרצן, שלום עליכמען און מענדעלען, צו קאָנען אָפּשאַצן שאַגאַלן, מחמת אין זייערע ווערק האָט שאַגאַל געפונען זיין תיקון. אומבאַוואוסטזיניק איז ער די אָפּ־שפּיגלונג פון אונדזערע קלאַסיקער און פאָלקלאָריסטיק.

רעמבראַנדט האָט מיך ליב

1.

אַ סך מענטשן באַקלאָגן זיך, אַז ס'איז זיי שווער צו פאַרשטיין די קונסט פון מאַרק שאַגאַל. און גראָד האָט דער קינסטלער אַליין געפּרוּווט דורך זיין שרייבן און רעדן, קלאָר צו מאַכן זיין שאַפן.

געטאָן האָט ער דאָס הויפּטזעכלעך דורך זיין אויטאָביאָגראַפיש ווערק „מיין לעבן", וואָס האָט זיך לכתחילה געדרוקט אין ניו־יאָרקער זשורנאַל, „די צוקונפט", אין די צוואַנציקער יאָרן. שפּעטער איז דאָס ווערק דערשינען אין פראַנצויזיש און ערשט אין יאָר 1960 איז דאָס אַרויס אין אַן ענגלישער איבערזעצונג (פאַרלאַג „אָריאָן", ניו־יאָרק, 174 זייטן, 20 אילוסטראַציעס).

דער ניט־יידישער עולם האָט אָבער נאָך ניט געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט שאַגאַלס אויטאָביאָגראַפישער פּאָעמע, „מיין ווייטע היים", וואָס איז דערשינען אין די „ליטעראַרישע בלעטער", אין וואַרשע, אין די דרייסיקער יאָרן. ביידע ווערק העלפן אונדז בעסער צו פאַרשטיין זיינע בילדער. אין ביידע געפינען מיר דעם הינטערגרונט פאַר זיין ווייטערדיקן וועג.

די פּאָעמע, „מיין ווייטע היים", איז אָבער אינגאַנצן אַנדערש פון זיין „מיין לעבן". אין לעצטן איז פאַראַן דער הומאָר, די גוטמוטיקייט און יוגנטלעכקייט פון קינסטלער. פון דער פּאָעמע ווייעט מיט פּעסימיזם און הילפלאָזיקייט. קוקן מיר זיך איין אין זיינע בילדער פון פאַרשיידענע פעריאָדן, זעען מיר, אַז אין זיי זיינען פאַראַן די טרויעריקע שטימונגען פון „מיין ווייטע היים" און די נאַאיוויטעט און פשוטקייט פון „מיין לעבן".

„אין פאַרב, אין פלעקן,
אין ליכט, אין שאָטן,
שטייט מיין בילד פון ווייטן,
איך וויל מיט דעם מיין האַרץ פאַרדעקן.

איך גיי צעפלאָקערט און צעריסן,
עס בליצן יאָרן,
מיין וועלט אין חלום קומט מיר —
איך גיי פאַרלאָרן.

ניט זוך מיך היינט, ניט זוך מיך מאָרגן,
איך בין אַנטלאָפן פון זיך אַליין.
איך וועל פאַר זיך אַ גרוב פאַרזאָרגן,
איך וועל צעגיין פון גרויס געוויין".

אין דער פּאָעמע רעדט ער אַ סך וועגן טויט — געשטאָרבן דער פאָטער, די מאַמע, זיין ברודער דוד, זיין לערער מיטן פּענזל . . . ער לעבט איבער די רוסישע רעוואָלוציע, ער ווערט צעטומלט, פאַרלאָרן. אין דעם לעצטן טייל גיסט ער אויס זיינע מיטגעפילן פאַר דיליידן פון יידישן פאָלק. די וואָס זיינען נענטער באַקאַנט מיט זיין שפּעטערדיקן בליק אויף געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, וועלן בעסער קאָנען באַגרייפן זיין „ביבלישע בשורה", וואָס איז אים געוואָרן אַזוי נאָענט צום האַרצן.

שאַגאַלס „מיין לעבן" קאָן דינען ווי אַ פאַרטייטשער פון זיינע בילדער, מחמת צו וואָס זיין פּענזל זאָל זיך ניט צורירן, דערפילט מען דעם שפּיגל פון זיינע קינדער־יאָרן. אין „מיין לעבן" רעדט ער אַזוי אָפנהאַרציק און בילדעריש און גיט ממש אַ שליסל צו זיין בילדער־שאַץ.

לאָמיר, למשל, נעמען אַ פּאָר עלעמענטן, וואָס זיינען אַזוי קענטלעך אין זיינע מאָלערישע ווערק. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף: פייער, די שטערן, קלעזמער, בהמות.

דערציילט שאַגאַל, אַז ווען ער איז געבוירן געוואָרן, האָט אויסגעבראָכן אַ שריפה אויף זייער גאַס און מען האָט געדאַרפט אַרויסטראָגן זיין מאַמען אויפן מאַטראַץ צוזאַמען מיטן עופ'עלע ביי אירע פיס צו אַ זיכערן פּלאַץ אין אַן אַנדער עק שטאָט.

וועגן די שטערן שרייבט ער:

„די שטערן פון מיין קינדהייט. זיי זיינען מיינע שטערן, מיינע האַרציקע שטערן. זיי באַגלייטן מיך אין חדר און זיי וואַרטן אויף מיר אין גאַס, ביז איך וועל אַרויסקומען. טייערינקע, פאַרגיט מיר. איך האָב אייך געלאָזט אַליין אין אַזאַ שווינדלערישער הויך".

דער נאָמען פון דער שלום־עליכם אָפּערעטע „פידלער אויפן

דאַך" נעמט זיך דאָך פון שאַגאַלס פעטער נח׳ס קריכן אויפן דאַך מיטן פידעלע. ער דערציילט:

„איך בין אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך. פאַרוואָס ניט? מיין זיידע פלעגט אויך אַרויפקריכן אַהין".

און זיין פעטער נח פלעגט שפילן זיין פידל דאָרט ווי אַ שוסטער.

זיינע טאַטע־מאַמע ווערן אָפט געמאָלן אין זיינע בילדער. ביי אים איז פאַרבליבן אַ שטאַרקע ליבע און אַ רחמנות־געפיל צו זיי, צוליב זייער אָרימקייט און נויט.

דער טאַטע האָט אויסגעזען ווי איינער פון די פיגורן פון דער הגדה אָדער פון אַ פלאָרענסער קונסט־ווערק . . . אין משך פון 32 יאָר איז ער געווען אַ שווערער אַרבעטער ביי פעסער הערינג. ער פלעגט אויפהויבן די פעסער די שווערע און מיין האַרץ האָט זיך צעדרייט ווי אַ טערקישער בייגל ווען איך האָב אים געזען דאָס טאָן און טרייסלען די הערינג מיט זיינע פאַר־פראָרענע הענט. זיין מגושמדיקער באַלעבאָס פלעגט שטיין ביי דער זייט ווי אַ מומיע. ווען ער פלעגט זיין אַליין, פלעגט זיין פנים, דאָ געל, דאָ ווייס, קוים שמייכלען פון צייט צו צייט".

„אַן אָוונט אָן פלעצלעך און באַרן, וואָס דער טאַטע פלעגט אַרויסשלעפּן פון זיינע קעשענעס, איז פאַר אונדז געווען אַן אָוונט פון אומעט".

מיט גרויס פיעטעט דערמאָנט ער זיין מאַמען. אין אַ פּאָר ווער־טער באַקומען מיר אַ בולט בילד פון איר. זי האָט געזאָגט צו אים: „מיין זון, רעד צו מיר".

צווישן די ניט־פאַרשטענדלעכע אָביעקטן אויף שאַגאַלס בילדער זיינען די קי, קעלבלעך, ציגן, א. אַ. ער דערציילט:

„מיין זיידע איז געווען אַ קצב, אַ הענדלער און אַ חזן. מיטן פעטער נח בין איך געגאַנגען נאָך די בהמות, די קי געפירט אין שטאַל אַריין. דאַן האָט ער געשפּילט אויפן פידל ווי אַ שוסטער. זיינע טעכטער האָבן אַרומשפּאַצירט ווי רויטע קי".

„דאָס לעצטע שטיקל פלייש פלעגט פליען פון טאַטנס טעלער צו דער מאַמעס טעלער און פון איר צוריק צו אים . . . ,עס אַליין׳ . . . ,ניין, דו עס׳ . . . "

וועגן דער משפחה זאָגן ער ווייטער:

„אויב מיין קונסט האָט ניט געשפּילט קיין ראָל אין דעם לעבן פון מיין היים, האָבן אָבער די לעבנס פון מיין משפחה

שטאַרק באַאײַנפֿלוסט מײַן קונסט . . . די טאַנטעס מוסיא, גוטשיא, כײַע. אויף מלאָכישע פֿליגל פֿלעגן זיי פֿליִען איבערן מאַרק, איבער קוישן יאַגעדעס, באַרן, ווײַנפּערלעך".

„דערהערנדיק די ווערטער ,פּאַרקנסט! פּאַרקנסט!' גיב אַ טראַכט — נאָר וואָס דערוואַרט דיך!" פֿלעגט מײַן קאָפּ זיך פֿאַרדרייען און זיך אָפּטיילן פֿון מײַן גוף און זיך צעכליפּען ערגעץ לעבן דער קיך, וואו מען האָט צוגעגרייט די פֿיש".

און ווידער וועגן דער מאַמען:

„ניט דער הענג־לאָמפּ, ניט דער האַנטעך וועלן מיך אָפּשרעקן, כל זמן איך געפֿין זיך אין דער מאַמעס בעט".

געצויגן האָט אים צו ווערן אַ משורר אָדער אַ פֿידל־שפּילער, נאָר זײַן אויג האָט געזען צופֿיל און אויף זײַן אײגענעם שטײגער.

„איך האָב געוואָלט ווערן אַ משורר, אָדער אַ פֿידל־שפּילער אָדער אַ טענצער. טאָג און נאַכט האָב איך געשריבן פֿערזן . . . ווען מען איז געגאַנגען צום תשליך אַרײַנוואַרפֿן די עבירות אין טײַך, זײַנען די קעפּ פֿון די יידן געווען פּאַרקערט אין וואַסער. מײַן טאַטנס קאָפּ האָט זיך קוים גערירט".

דאָס טראַדיציאָנעל־יידישע פֿון זײַנע קינדער־יאָרן איז געוואָרן וועלטלעך אין זײַנע בילדער און מען דערקאָנט זיי כהרף עין דורכדעם.

„ווײַסע ליכט — פֿאַר די פֿאַרשטאָרבענע, פֿאַר מײַן מאַמען, טאַטן, ברודער, זיידע — אין קעסטלעך שוואַרצע ערד, ווי פֿלאַמענדיקע היאַצינטן".

אויב זײַנע יידן זײַנען אָפּט ענלעך צו די יידן פֿון דער הגדה, גיט ער דאָס צו, דערפֿאַר וואָס ער פֿלעגט ווערן שטאַרק באַגײַסטערט פֿון דער הגדה מיט אירע בילדער, פֿון רויטן פּסח־ווײַן אין די פֿולע כוסות. ווען ער איז געקומען צום זיידן, האָט ער דאָרט, אויסער דער יידישקייט, באַמערקט די מאַסיווע ווײַסע צערקווע אין דרויסן.

ער האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ שלעכטן תלמיד און ער האָט ניט געקאָנט הויזן מיט זײַנע לערער. ער איז געקומען צום אויספֿיר, אַז —

איך בין ניט פֿיִיִק צום לערנען. איך קריג גאָרניט אַרויס. איך לערן דורכן אינסטינקט . . . אַזוי גיך ווי איך האָב זיך אויסגעלערנט זיך אויסדריקן אין רוסיש, האָב איך אָנגעהויבן שרײַבן לידער. אַזוי נאַטירלעך ווי אָטעמען".

כאָטש ער האָט — אין בוך — אויסגערופֿן: „וויטעבסק, איך פֿאַרלאָז דיך. בלײַב מיט דײַנע הערינג", האָט ער אָבער אויפֿן גאַנצן לעבן געפֿילט אַ בענקעניש נאָך איר.

ער לויבט דעם אַדוואָקאַט און דעפּוטאַט ווינאַווער, וואָס האָט אים געהאָלפן שפּעטער מאַטעריעל זיך איינשטעלן: „ווינאַווער, כּמעט ווי אַ טאַטע, האָט מיך געמאַכט פאַר אַ מאָלער". נאָר וויטעבסק האָט אים געצויגן צו זיך, וואו ער האָט זיך ניט געפונען — אין פּעטער־בורג, אין בערלין, אין פּאַריז.

„איך האָב אפילו געוואָלט צוטראַכטן עפּעס אַ יום־טוב פאַר אַן אויסרייד אַהיימצופאָרן (קיין וויטעבסק). נאָר דער לוּאַוור האָט געמאַכט אַ סוף דערצו. ווען איך האָב געמאַכט דעם שפּאַציר איבער דעם וועראָניז־צימער, איבער די חדרים, וואו עס זיינען געהאנגען די בילדער פון מאנע, דעלאַקרואַ, קורביי, דאַן האָב איך שוין גאָרנישט מער געוואָלט".

„ניט ווייט פון לאַ־רוטש, וואו איך האָב געוואוינט, האָט מען געשאָכטן בהמות. די קי האָבן געמוקעט און איך האָב זיי געמאָלן (דריי פאַרטאָג). מיין לעמפּל האָט געברענט און איך מיט דעם".

„מיין לעבן" האָט שאַגאַל געשריבן אין רוסיש. בעלא, זיין ערשטע פרוי, האָט דאָס איבערזעצט אויף פראַנצויזיש. אין יידיש זאָלן עס האָבן איבערזעצט מאַרקיש און וואַרשאַווסקי. די ענגלישע איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן פון עליזאַבעט עבאָט, וואָס האָט גענוצט דעם פראַנצויזישן טעקסט.

2.

זאָל זיך אָבער ניט שאַפן דער איינדרוק, אַז דערפאַר, וואָס „מיין לעבן" איז פאַרענדיקט געוואָרן אין 1922 און „מיין ווייטע היים" אין די דרייסיקער יאָרן, האָט שאַגאַל ניט דערציילט וועגן זיין ווייטערדיקן לעבן. מען קאָן געפינען אַן אַ צאָל אינטערוויוס מיט אים אין פאַרשיידענע צייטן, אין פיל לענדער, אויף כל־ערליי לשונות. אויך האָט ער אין זיינע אַרטיקלען און רעדעס ניט איינמאָל גערעדט אויף אַן אינטימען שטייגער. דאָס אַלץ איז אַ ממשותדיקער צוגאָב צו זיין ביאָגראַפיע און זיין לעבנס־קוק. און וואָס מער מען באַקענט זיך מיט זיינע אויסדרוקן, מיינונגען און אינפאָרמאַטיווע באַמער־קונגען, אַלץ בעסער קאָן מען אַריינדרינגען אין זיינע בילדער און באַנעמען זיינע לייוונטן און סקיצן.

אין 1951 האָט דער יידישער בעלעטריסט און קונסט־קריטיקער אייזיק קלומאַק, מיט וועמען שאַגאַל האָט זיך באַקענט, בעת זיין וואוינען אין ניו־יאָרק, אַרויסגעגעבן אין ענגליש דאָס ווערק „מאַרק שאַגאַל, זיין לעבן און שאַפן". דר. קלומאַק האָט געהאַט אָפטע באַגעגענישן מיט שאַגאַלן און אַ סך מאַטעריאַלן אין בוך זיינען געקומען פון שאַגאַלס מויל.

קלומאַק שטעלט זיך אָפּ אויף אַ צאָל בילדער און פאַרטייטשט זיי. ער נוצט אָפט פּאַראַגראַפן, וואָס זיינען בויטיק פאַרן שאַגאַל־ביאָגראַף. עס וועט ווערט זיין לאָזן קלומאַקן רעדן:

„,אַ חתונה' באַווייזט שאַגאַלס חוש פאַר פאָלקלאָר און זיין גוטמוטיקן הומאָר. דער וואַסערטרעגער קומט אַנטקעגן חתן־כלה מיט צוויי עמערס וואַסער, ווי אַ סימן פון מזל־ברכה, דערוואַרטנדיק אַ פּאָר גראָשן פון די געסט, וואָס וואַרפן דאָס אַריין אין די עמערס".

„וועגן בעלאַן דערציילט שאַגאַל, אַז ער האָט זיך פאַרליבט אין איר נאָך איידער ער האָט זי געהאַט געזען, בלויז דערהערנדיק איר קול צום ערשטן מאָל".

„וועגן יעזוסן האָט שאַגאַל געזאָגט: ,פאַר מיר איז יעזוס געווען אַ גרויסער פּאָעט, וועמעס פּאָעטישע לערע איז פאַרגעסן געוואָרן פון דער מאָדערנער וועלט'."

„שאַגאַל האָט דערקלערט, אַז ער האָט גענוצט זיין אייגענע טאַטע־מאַמע ווי מאָדעלן פאַר דער אייביקער טאַטע־מאַמע־אידייע (דאָס בילד ,קאַלגאַרי')".

„וועגן בעלאַן: אירע עלטערן האָבן פאַרמאָגט דריי יואוועליר־געשעפטן אין וויטעבסק. איר פאָטער האָט זיך געשפּייזט מיט וויינטרויבן, מיינער — אויף ציבעלעס".

„וועגן לעגינען האָט ער זיך אויסגעדריקט: ,לעגין האָט איבערגעקערט די אָרדענונג מיטן קאָפּ אַראָפּ, ווי איך האָב איבערגעקערט מיינע בילדער'."

„ווען ער האָט געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט לונאַטשאַרסקין, האָט ער אים געזאָגט: ,ווען מאַרקס וואָלט געלעבט, וואָלט ער דערקלערט פאַרוואָס איך מאָל בלוי אָדער גרין און פאַרוואָס אַ קעלבל איז אַנזעבאַר אין דער קו'ס בויך'."

„שאַגאַלס וועלטלעכקייט, זיין באַהעפטן זיך מיט דער גרויס־

ציוויליזאַציע, האָט אים אָבער ניט אָפּגעזונדערט פון זיינע פּרימיטיווע פויערישע שטרעמונגען.

„איך האָב ליב צו ליגן אויף דער נאַקעטער ערד און איר איינרוימען מיינע צערן און מיינע תפילות".

אייזיק קלומאַק שרייבט וועגן שאַגאַלס אילוסטראַציעס צום תנך („גאָלדענע קייט", 6, 1950), „ער איז באַשאָנקען מיט אַ טיף אויג און אַן אייזערנעם זכרון. ער שטיצט זיך טאַקע דער עיקר אויפן זכרון. און גיט צו צום בילד אַן אייגענעם כאַראַקטער, אַ שאַגאַלישן ריטם, אַ שאַגאַליש געמיט. ער טראָגט ריין זיין הומאָר, זיין קלוגשאַפט, זיין קענטעניש; און דאָס בילד באַקומט אַ לעבעדיקן אָטעם און אַ שאַגאַלישן חן — אַ ייִדישן חן. עס ווערט ייִדישע קונסט.

„אַזוי זעען מיר ביי אים ניט איין משה־טיפּ, נאָר עטלעכע, איינער ניט ענלעך צום צווייטן. ער שרייבט ניט קיין געשיכטע. ער גיט יעדעס מאָל אַ דיכטונג. משה ווערט אַ ליכטיקע געשטאַלט, אַ פּאָעט, אַ זינגער. דריי „משה" פיגורן אין ליעסינס ערשטן און דריטן באַנד.

אויך „אברהם אבינו" האָט ביי שאַגאַלן עטלעכע געשטאַלטן. ביאַליק געפינט אַ גריַיז אין שאַגאַלס בילד: דער מאַנטל וואָס זיין „אברהם" טראָגט האָט אַרבל און די אבאַיעס פון די עיברים זיינען געוועזן אָן אַרבל. רעמבראַנדט האָט אויך „געזינדיקט" אין דעם פּרט.

„אין אַלטן ייִדישן לעבן איז די פּרוי געשטאַנען אין שאָטן", האָט שאַגאַל געזאָגט.

„פאַראַן ביי אונדז לייט וואָס קענען ניט שאַגאַלס פּילזייטיקשאַפט און זיי נעמען אים אָן פאַר אַ פאָלקס־קינסטלער . . . זיי נעמען אָן זיין דערהויבענע פּשטות פאַר אַן אומשולד פון אַ גרויס קינד . . . געוויס איז שאַגאַל אין אַ סך פון זיינע בילדער פאָלקסטימלעך. אָבער דאָס מיינט ניט אַז שאַגאַלס קונסט איז פאָלקסקונסט. ער איז צופיל וועלט־קינסטלער, וועלט־מענטש, צופיל ווייזאָנער און צו ראַפינירט פאַר אַ נאַאיוון פאָלקס־קינסטלער . . . שאַגאַל האָט ניט בלויז איבערגענומען אונדזער פאָלקס־ירושה און זי פאַרצייכנט אין בילד — ער האָט פון די פאָלקסטימלעכע עלעמענטן געשאַפן אַ הויכע קונסט און געגעבן איר גייסטיקע קוואַליטעטן ווערדליק דער טראַדיציע פון אונדזערע בעסטע קולטור־שאַפערס . . .

„גראָד דערפאַר וואָס ער האָט אויפגענומען די תנכישע גע־

שטאַלטן לויט דער מאָס פון אונדזערע זיידעס און טאַטעס, וויזט ער אַרויס זיין טיפן יידישן חוש פאַרן גייסט פון אונדזער פאָלק. קיין איינער פון די גרויסע קינסטלער פון די אומות העולם האָט ניט געקענט צוקומען אַזוי נאָענט צום גייסט פון תנך ווי שאַגאַל".

פאַראַן אַ צאָל קאָלומניסטן וואָס האָבן באַזונדערן מזל צו שאַגאַלן. ער פאַרטרויט זיך זיי. פון זייערע טעגלעכע זיגזאַגישע זאָגעכצן און ציטאַטעס באַקומט זיך אינפאָרמאַציע וועגן שאַגאַלן.

איינער פון זיי איז לענארד לאַיאָנס, דער קאָלומניסט פון דער ניו־יאָרק „פּאָוסט". אין משך פון יאָרן דרוקט ער נאָטיצן וועגן שאַגאַלן. זאָלן די פאָלגנדיקע פּאַראַגראַפן זיין אַ מוסטער:

„ווען איך בין אַלט געווען 15 יאָר, אין וויטעבסק", האָט געזאָגט דער רוסיש־געבאָרענער מאַרק שאַגאַל, „פלעג איך זיך באַהאַלטן אין בעט און קוקן אויף דער לבנה". איצט, צוליב זיין באַרימטקייט, איז נישטאָ קיין פּלאַץ וואו ער קאָן זיך באַהאַלטן. צו זיין דאָרף אין וואַנס, הויך אין די בערג הינטער ניאיס, שטראָמען די באַזוכער — כאָטש וואַוואַ שאַגאַל באַנוצט זיך מיט אַ פּריוואַטער סיסטעם צו באַשיצן איר מאַן פון זיי".

„מיר זיינען אַריין אין הויז און ער האָט אונדז געוויזן איינע פון זיינע ערשטע בילדער. ,דאָס פאַרהייראַטע פּאָרל אויפן אייפל־טורעם', וואָס וועט באַנוצט ווערן אין דער נייער אַכט פראַנק פּאָסט־מאַרקע. אַן אַנדער בילד פון זיינע ערשטע, — די גרעסטע אין זיין היים — וועט פון אים פּרעזענטירט ווערן צו אַ נייעם מוזיי אין פראַנק־רייך. ער האָט די גרויסע, רויטע מאָלעריי אַלס טיפּיש פון זיין לעבן און שאַפן".

„ער האָט געהערט ווי איך האָב געמאַכט אַ פּאָזיטיווע באַהויפּ־טונג וועגן עפּעס. ,איר גלויבט?', האָט ער געפרעגט, ,מיין ספּעציאַליטעט איז צווייפל. צו זיין איינגאַנצן זיכער איז ניט ריכטיק, ניט ריכטיק. נאָר מיינט ניט, אַז איך בין אַ פּעסימיסט, קיינמאָל ניט'."

בעת שאַגאַל איז געווען אין ניו־יאָרק קורצווייליק האָט לאַיאָנס אים געווידמעט אַ פולן קאָלום אין דער ניו־יאָרק „פּאָוסט" (דאָנער־שטיק, מאַי 16, 1963), מיט אַ בילד פון שאַגאַלן, וואָס קוקט־אויס ווי אַ לעצט בילד פון טשאַרלי טשאַפּלין. לאָמיר ציטירן אַ פּאָר שטעלן:

„מאַרק שאַגאַל און וואַוואַ, זיין פרוי, פאָרן צוריק אַהיים קיין פראַנקרייך נאָך אַ קורצן באַזוך דאָ. דער קינסטלער האָט געהאַט

קאָנפערענצן אין דער יו־עַן און מיט דעיוויד ראַקעפעלער וועגן גע־וויסע פּראָיעקטן. זיי האָבן באַזוכט אַ גאַלעריי, וואו מען האָט געוויזן אַ שאַגאַל גואַש, געפּרייזט 55,000 דאָלער. דער מאָלער האָט באַ־טראַכט זיין אייגענע אַרבעט און אויסגערופן: ,פינף־און־פופציק טויזנט? איך וואָלט דאָס קיינמאָל ניט באַצאָלט׳.

„דיסקוטירנדיק מיט פריינט וועגן קונסט, האָט ער געזאָגט: ,איך גלויב אין דער נאַטור. און די נאַטור און דער אוניווערס זיינען פול מיט אוממעגלעכקייטן. דאָס לעבן איז פול מיט אוממעגלעכקייטן און פאַנטאַזיע״.

ווייטער דערציילט לאַיאָנס וועגן שאַגאַלס באַגעגענישן מיט די טעאַטער־לייט סיביל בוירמאַן, אָליוויא דע האַווילאַנד, נאָרמאַן קעין און די שרייבער דזשאָן סטיינבעק און וויליאַם סאַראָיען. שאַגאַל דערציילט זיי וועגן זיינע יונגע יאָרן. ער האָט געזאָגט, אַז דער פאָטער האָט אים געהייסן אויפגעבן דעם חלום וועגן ווערן אַ מאָלער, נאָר די מוטער האָט געהערט וועגן פּאַריז און זי האָט אָפּגעשפּאָרט געלט פאַר זיין רייזע.

צו פאַרענדיקן מיט אַ לאַיאָנס־קאָלום וועגן שאַגאַלן, אין דער נ. י. „פּאָוסט״, אַפּריל 20, 1964:

„מיר האָבן געבראַכט העגרי שערעק מיט זיין פרוי, ער איז דער געוועזענער לאָנדאָנער פּראָדוצירער, צו דעם פּאַריזער אַפּאַרט־מענט פון די שאַגאַלס. שערעק האָט דערציילט, ווי אין לאָנדאָן, אין קאַפּריס קאַפע, האָט אַ מאַן זיך פאַרגעשטעלט און געזאָגט: ,אַלע קינסטלער דאַרפן קענען איינער דעם אַנדערן. מיין נאָמען איז דזשעיקאָב עפּשטיין׳.״

„,איך וואָלט דאָס ניט געקאָנט טאָן׳, האָט געזאָגט שאַגאַל, ,דערפאַר וואָס איך בין ניט זיכער, צי איך בין אין דער אמתן אַ קינסטלער׳.״

ער אַרבעט איצט אויף די שויבן פון דעם קאַטעדראַל אין מעץ, וואָס וועט אויסגעשטעלט ווערן אין מוזיי אין רוען, אין יוני, יולי און אויגוסט. ער צייכנט די יו־עַן מעמאָריאַל־שויב פאַר דאַג האַ־מערשילד און צוויי מעמאָריאַל־שויבן פאַר די ראַקעפעלערס. די אַלע שויבן־אַרבעטן צוזאַמען מיט די ירושלים־שויבן וועלן רעפּראָדוצירט ווערן אין אַ נייעם בוך.

„אַ פילם־דאָקומענטאַל וועגן שאַגאַלן האָט נאָר־וואָס געוואונען

אַן אַקאַדעמיע־פּריז. ,מיינט דאָס, אַז איך וועל באַקומען אַן אָסקאַר?', האָט ער געלאַכט . . . אויפן קאַמין־געזימס איז געלעגן דער גאָל־דענער מעדאַל, מיט וועלכן די שטאָט פּאַריז האָט אים באַערט. לעבן דעם איז געשטאַנען אַ סעראַמיק־סקולפּטור, וואָס מירא האָט אים פּרעזענטירט. שאַגאַל האָט גערעדט וועגן די פאַנטאַזיעס אין זיינע מאָלערייען: „דאָס לעבן איז אומעטום אַרום אונדז. נאָר מיר קאָנען ניט זען אַלץ אין לעבן. אפילו איינשטיין האָט געזאָגט אַז ער האָט ניט געקאָנט זען אַלץ".

רעדנדיק וועגן „פּאָפּ"־קונסט האָט ער געזאָגט: „ ,פּאָפּ'־קונסט — דאָס איז עפּעס וואָס ווערט אויסגעשפּיגן. עס דאַרף זיין לעבן אין קונסט און אַ נשמה — אַזוי אַז מען זאָל דאָס זען ניט בלויז מיטן אויג, נאָר אויך פילן מיטן האַרץ. אַזוי גלויב איך ווינציקסטנס. מעגלעך, אַז איך בין ניט גערעכט. אפשר בין איך אפילו ניט קיין אַרטיסט. איך ווייס אָבער, אַז ווען כ'וואָלט ניט געווען קיין מאָלער, וואָלט איך קיין אַנדער זאַך ניט געטאָן. גאָרניט".

דעם 2טן יוני, 1960, האָט בענעט שיף געהאַט אַ ספּעציעלן קאָלום וועגן שאַגאַלן אין דער נ. י. „פּאָוסט". ער האָט באַשריבן ווי שאַגאַל איז באַערט געוואָרן מיטן דאָקטאָר־טיטול אין בראַנדעיס אוניווער־סיטעט. ביי יענער פייערלעכער טרעפעניש זיינען אויך באַערט גע־וואָרן מיטן זעלבן טיטול נאָך באַרימטע פּערזענלעכקייטן, אַריינ־גערעכנט נאָבעל־פּריז געווינער. שיף דערציילט, אַז שאַגאַל איז געווען באַגייסטערט און נשמהדיק, ווי איינע פון זיינע בילדער. ער האָט גערעדט פראַנצויזיש און געטראָגן אין לאַץ דעם ראָזעט פון לעגיאָן פון האָנאָר. ער האָט אויך גערעדט רוסיש און יידיש, די שפּראַך פון זיינע אורעלטערן . . .

איך האָב שוין דערציילט אין אַן אַנדער פּלאַץ וועגן יענער באַגעגעניש. שאַגאַל איז אַרומגעגאַנגען מיט ציפּאָרינען, דעם קונסט־דירעקטאָר פון בראַנדעיס, וועלכער איז געווען מיין תלמיד אין דער אַרבעטער־רינג שול אין שיקאַגאָ, און מיט מיר, און ער האָט גערעדט יידיש הויך אויפן קול און שטאַרק הנאה געהאַט דערפון און באַמערקט, אַז דער אַרומיקער עולם איז געשטאַנען און געגאַפט, ווי פריי ער האָט זיך געפילט דערביי.

ווען דער רעפּאָרטער האָט אים געפרעגט, וואָס ער וועט טאָן די צוויי וואָכן פון זיין פאַרווילן אין בראַנדעיס, האָט ער געענטפערט:

„שטודירן . . . איך פיל שטענדיק, אַז איך דאַרף זיך לערנען פון יונגע מענטשן; איבערהויפּט אין קונסט. איך פיל, אַז איך קאָן שטודירן מער מיט יונגע ווי זיי לערנען. ווען איך בין געווען יונג, האָב איך געוואָלט לערנען ביי עלטערע לערער, נאָר איצט איז די פּאָזיציע אַ פאַרקערטע און איך וויל זיך לערנען מיט די יונגע. דער געדאַנק פון לערנען די יונגע שרעקט מיך אָפּ".

„דער פּרינציפּ פון מיין אַרבעט איז, איך האָב ליב מענטשן. איך האָב ליב יעדן איינעם. דו דאַרפסט געבן ליבע דער קונסט, ניט די קונסט פון ליבהאָבער, נאָר ליבע. דיין לעבן איז אַריינגעוועבט אין דיין אַרבעט און דו שטרעבסט ניט צו צופיל מאַכט, צו צופיל רום, צופיל געלט . . . איך באַהאַלט פשוט ניט דעם אמת. איך מאָל וואָס איך בין. איך ווייז וואָס איך בין. מען קאָן גאָרניט באַהאַלטן. דאָס גרויסע אומגליק איז אין מיר באַהאַלטן. נאָר, פאַרענדיקט ער, אין דער ליטעראַטור און אין דער קונסט זיינען פאַראַן די ביבל און רעמבראַנדט".

דער קאָלומניסט פאַרענדיקט זיין פולן קאָלום וועגן שאַגאַלן אַזוי:

„אַ בריליאַנטענע פּאָעזיע שטראַלט פון אים. ער איז דער מענטש וואָס, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרבראַכט שעה'ן־לאַנג אין לואוור באַוואונדערנדיק מיט יראת הכבוד די בילדער פון רעמבראַנדט, האָט ער זיך געווענדט צו אַ באַגלייטער און געזאָגט: ‚רעמבראַנדס האָט מיך ליב'."

3.

ס'איז ניט געווען קיין צופעליקער אויסדרוק פון שאַגאַלן וועגן רעמבראַנדטן. סיי אין זיינע פּריוואַטע שמועסן, סיי אין עפנטלעכע אַרויסטריטן האָט שאַגאַל אויסגעדריקט זיין טיפע פאַרערונג פאַר זיין מייסטער, ווי אַ פאַרברענטער חסיד פאַר זיין רבין.

ווען מען פּרוווט געפינען אַ פאַרגלייך צווישן רעמבראַנדטס לעבן און שאַגאַלס, לאָזט זיך דאָס גרינג דערקלערן.

רעמבראַנדטס איבערלעך לעבן איז געווען אַ וועלט פאַר זיך אַליין. צו דעם שטרעבט אויך שאַגאַל. רעמבראַנדטס באַנטקייט צו דער יידישער געטאָ פון אַמסטערדאַם און זיינע ביבל־בילדער האָבן

זיבער אינספּירירט שאַגאַלס שאַפן. רעמבראַנדטס ראַדירונגען און זיין גרויסע פּשטות האָבן באַווירקט שאַגאַלס צוגאַנג צו קונסט.

רעמבראַנדטס מאָלן דאָס אָרומיקע לעבן, די טאָג־טעגלעכקייט האָט שאַגאַלן דערנענטערט צו אים.

ווי רעמבראַנדטס פרוי האָט אויך בעלאַ שאַגאַל מערסטנס פּאָזירט פאַר אים. און די טראַגעדיע וואָס איז באַפאַלן רעמבראַנדטן מיטן פאַרלוסט פון זיין באַליבטער פרוי סאַסקיא, אין עלטער פון דרייסיק יאָר, האָט אויך ניט אויסגעמידן שאַגאַלס לעבן, ווען ער האָט פאַרלאָרן בעלאַן אין עלטער פון 49 יאָר.

ווי רעמבראַנדט, צייכנט שאַגאַל אָפט זיין אויטאָ־פּאָרטרעט.

גליקלעכערוויז איז דאָס פּערזענלעכע לעבן פון שאַגאַלן אויף זיינע עלטערע יאָרן אַ סך רייכער, שענער און צופרידענער, ווי ס'איז געווען רעמבראַנדטס, וואָס זיינע צרות האָבן זיך פאַרמערט מיט די יאָרן.

נאַטירלעך, מיינט דאָס ניט, אַז שאַגאַל האָט אויף וועלכן ס'איז אופן געפּרואווט אימיטירן די אַרבעט פון איבער דריי הונדערט יאָר צוריק. ער האָט פאַרגעטערט די מייסטערשאַפט פון רעמבראַנדטן, געלערנט ביי אים די סודות פון פורעם, פאַרב און פרישקייט. ער איז באַגייסטערט געוואָרן פון די גרויסע אמתן וואָס שיינען אַרויס פון רעמבראַנדטס „וועטשערע אין עמאוס", דאָס מייסטערווערק פון זיינע יונגע יאָרן; פון זיין „מוטער"; פון זיין „סאַסקיא אַלס פלאָראַ" און סאַסקיא פון 1633; פון זיין אינאָוואַטאָרישע ליכט־עפעקטן; פאַר זיין שטענדיקער באַוועגלעכקייט, מאַלנדיק די אומבאַוועגלעכסטע בילדער, וואָס האָבן געדינט אין דער גרעסטער מאָס, אַזוי אַז אַפילו זיינע שטיל־לעבנס זיינען רירעוודיק און אַ טאַנץ־פילם פילט־אָן שאַגאַלס קאַנווע בכלל.

ווי רעמבראַנדט האָט געלערנט באַוועגלעכקייט פון די גרויסע מייסטערס, ווי טיציאַן און טינטאָרעטאָ, אַזוי האָט שאַגאַל דאָס געלערנט ביי רעמבראַנדטן און שפּעטער ביי וואַן גאָג און מאַנע און סעזאַן.

מען קאָן זיך משער זיין, ווי אַזאַ טיף־פילנדיקער יידישער ייד ווי שאַגאַל האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון רעמבראַנדטס „פּאָרטרעט פון אַן אַלטן יידן", וואָס דריקט־אויס אַזויפיל דורות חכמה, ליידן און אומשטערבלעכקייט — אין די אויגן, אין די פאַלדן פון

פנים, אין די אייביקע טונקעלע קאָלירן, וואָס לייכטן אָבער מיט אַן אינערלעכן פלאַם.

ווען מען שטודירט שאַגאַלס ביבל־בילדער און לעצטנס זיינע שויבן אין ירושלים, דאַרף מען בענטשן רעמבראַנדטן פאַר באַלויכטן שאַגאַלס וועג.

און שאַגאַלס „חתן־כלה", אין פאַרשיידענע פאַזן, האָבן זייער אור־שפּרונג, אינסטינקטיוו, אין רעמבראַנדטס „די יידישע כלה". רעמ־בראַנדטס הענט אין דעם דאָזיקן בילד האָבן שאַגאַלן אַ סך געגעבן, און רעמבראַנדטס נאַקעטע „בת שבע" פּילט־אַן מיט ליידנשאַפט שאַ־גאַלס „נאַקעט איבער וויטעבסק".

שאַגאַלס אויסדרוק, אַז רעמבראַנדט האָט אים ליב, איז נישט געווען קיין צופעליקע פראַזע. דאָ האָט ער אַרויסגעזאָגט אַ גרויסן אמת וועגן זיך. דער יראת הכבוד און די טיפע ליבשאַפט, וואָס שאַגאַל האָט אַרויסגעוויזן שטייענדיק פאַר אַ רעמבראַנדט פאָרטרעט אָדער אַ ראַדירונג, זיינען געווען אַ מין עקזאַמען פאַר שאַגאַלן. ער האָט געזאָגט צו זיך, אַז די אמתן וואָס רעמבראַנדט האָט אַרויסגע־בראַכט, וויל ער, שאַגאַל, אויך אַרויסברענגען. די אמתן אין דער קונסט זיינען אייביקע און כאָטש די מיטלען זיינען אָפט פאַרשיידנ־אַרטיקע און קעגנגעזעצטע, דאַרף קומען זיי זיך צונויף אין זייערע צילן.

שאַגאַלס בילדער פון אַלטע יידן, זיינע העבער, זיינע יעזוסן, זיינע ראַדירונגען, זיינע ביבל־אילוסטראַציעס, זיינע שויבן, זיינע אילוסטראַציעס צו בעלאַס ביכער — וואָלט דען רעמבראַנדט ניט גוט־געהייסן די אמתן וואָס שאַגאַל האָט אין זיי אַרויסגעבראַכט?

און גייט דען ניט רעמבראַנדטס אויטאָביאָגראַפיע דורך די פאָר־טרעטן און ראַדירונגען וואָס ער האָט געשאַפן?

און איז דען שאַגאַלס שאַפן, אין אַלע צייטן, אין אַלע פאָרמען, ניט קיין אילוסטרירטע אויטאָביאָגראַפיע ?

אמסטערדאַם, 1620.

וויטעבסק, 1920.

רעמבראַנדטס יידן און שאַגאַלס יעזוס.

אין מאָמענטן פון יאוש און צווייפל וואָס באַפאַלן יעדן עכטן קינסטלער, האָט שאַגאַל זיך געווענדט צום מייסטער רעמבראַנדט און דערפילט, אַז רעמבראַנדט האָט אים ליב.

און עס איז אים לייכטער געוואָרן דערפון.

מאַרק שאגאל צייכנט שלום־עליכמען

דער דיכטער

פראַנקרייך באַערט שאַגאַלן מיט אַ פּאָסט־מאַרקע

שאַגאַל האָט געשריבן לידער וואָס זיינען אַן אָפּשפּיגל פון זיינע מאָלונגען און פאַרבן. אמת, עס פעלט אים די שפּראַך, עס פעלט אים די טעכניק און מערסטנס זיינען זיי אַ מוסטער פון ניט פערפעקטקייט, אין קעגנזאַץ צו דער מייסטערשאַפט פון זיינס אַ בילד.

וואָס האָט אים באַוואויגן צו פאַרנעמען זיך מיט פּאָעזיע?

צום באַדויערן איז שווער צו געפינען און צונויפזאַמלען זיינע פּאָעמעס. אויף מיין אָנפראַגע, צי ער האָט עקזעמפלאַרן פון זיי און צי האָט ער נאָך ניט־געדרוקטע לידער, האָב איך קיין ענטפער ניט באַקומען. מעגלעך, אַז מיין בריוו האָט אים נאָך ניט דערגרייכט (איך האָב לעצטנס געלייענט, אַז מען קלייבט זיך אַרויסגעבן אַ באַנד לידער זיינע אין אַ פראַנצויזישער איבערזעצונג).

איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן אויף זיינער אַ פּאָעמע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַנדערע וואָס איך האָב אַמאָל געלייענט, נאָר געפינען זיך ניט אין מיין באַזיץ.

ער שרייבט אַ ליד דאַן, ווען ער איז אַנגעוויייטיקט אָדער שטאַרק אַנגעצירט און באַווירקט. דאָס ליד איז ביי אים אַן אַנזאַמל פון געפילן וואָס ער דאַרף אַרויסגעבן, ניט קיין צופעליקע שטימונג אָדער אַ פאַר־

זוך זיך זען געדרוקט. ער האָט עס געמוזט אָנשרייבן. איז דערפאַר דאַרף מען פאַרקוקן די גראַמען, די מעטריק, אפילו די מעטאַפאָרן. זיין ציל איז געווען אַרויסזאָגן וואָס אים האָט גענקוועטשט און עס האָט אים ניט געאַרט צי דאָס איז פּאָעזיע אָדער ניט. אין דעם זין איז שאַגאַל אין וואָרט דאָס וואָס ער איז אויפן לייוונט — דער קליינ־שטעטלדיקער ייד פון וויטעבסק, וואָס קאָנצענטרירט זיך אויף זיין באַלדיקן אַרום און אין דער דאָזיקער ענגער סביבה נעמט ער אַריין זיינע וועלטלעכע טעאַריעס. ער סטאַרעט זיך ניט אויספּיינען זיין לשון. ער וויל רעדן אַזוי פּשוט, ווי צו אַ שכן פון זיין אַמאָליק געסל, אַזוי אַז זיין סטראָף ווערט נענטער צום פאָלקס־ליד.

זיין גרויסע פּאָעמע „מיין ווייטע היים", איז געווען געדרוקט אין נומער 720 „ליטעראַרישע בלעטער". דאָס האָט געדאַרפט זיין אין יאָר 1938. ער האָט עס געשיקט פון פּאַריז און עס טראָגט אַן אונ־טערקעפּל, „אויטאָביאָגראַפישע פּאָעמע". פאַר דעם וואָס איז גוט באַקאַנט מיט שאַגאַלס בילדער וועט יעדע סטראָף פאַקטיש אים דער־מאָנען אין אַ פּאָפּולער געוואָרן בילד זיינס, ווי ער וואָלט געבויט זיינע בילדער אויף דעם פּלאַן פון דער פּאָעמע.

עס איז מערקווירדיק. די ערשטע צוויי סטראָפן גיבן אונדז שוין דעם שליסל צו כמעט אַלץ, וואָס שאַגאַל שאַפט מיטן פּינזל:

עס קלינגט אין מיר
די שטאָט, די ווייטע,
די קלויסטערס ווייסע
אין די שולן. די טיר
איז אָפן. דער הימל בליט.
דאָס לעבן פליט אַלץ ווייטער.

עס בענקט אין מיר
די גאָסן קרומע,
מצבות גראָע אויף אַ באַרג,
עס ליגן טיף די יידן פרומע.

צו וויפל בילדער איר זאָלט זיך ניט צורירן, וועט איר דען ניט געפינען די אָנדייטונגען פון די נאָר־וואָס ציטירטע פאַר סטראָפן?

זיינען זיי דען ניט דער לייט־מאָטיוו אין זיינע פּיל בילדער?

קונסט־מבינים שטעלן זיך אָפּ אויף שאַגאַלס אָפּטימיזם, אויף זיין אָריגינעלן הומאָר, אויף דער אויסערגעוויינלעכער רחבות פון זיינע פאַרבן, נאָר לייענען מיר די ווייטערדיקע סטראָפן, באַקומט זיך גאָר אַן אַנדער שאַגאַל, אַ שאַגאַל פון טרויער, פּעסימיזם, פאַרלאָרנ־קייט. לאָמיר לייענען:

אין פאַרב, אין פלעקן
אין ליכט, אין שאָטן
שטייט מיין בילד פון ווייטן,
איך וויל מיט דעם מיין האַרץ פאַרדעקן.

איך גיי צעפלאַקערט און צעריסן,
עס בליצן יאָרן,
מיין וועלט אין חלום קומט מיר —
איך גיי פאַרלאָרן.

ניט זוך מיך היינט, ניט זוך מיך מאָרגן,
איך בין אַנטלאָפן פון זיך אַליין.
איך וועל פאַר זיך אַ גרוב פאַרזאָרגן,
איך וועל צעגיין אין גרויס געוויין.

ס׳איז ניט דערזעלבער שאַגאַל פון זיין אויטאָביאָגראַפיש בוך „מיין לעבן“; ס׳איז ניט שאַגאַל וואָס שפּרייזט געוואַגט קעגן אַלע געזעצן פון לאָגיק און קאָנוועַנציעס. פאַרוואָס איז ער אַנטלאָפן „פון זיך אַליין“? פאַרוואָס האָט ער אַ „גרוב פאַרזאָרגן“ און „צעגיין אין גרויס געוויין“? וואָס זיינען די אורזאַכן דערפון? ווען האָט ער די פּאָעמע אָנגעשריבן? פאַר אונדז איז וויכטיק ווען ער האָט זי אָפּגעדרוקט. אין יאָר 1938, ערב דער גרויסער וועלט־מלחמה, איז ער שוין געווען איינער פון די באַרימטסטע קינסטלער אויף דער וועלט, וואָס האָט דערגרייכט די העכסטע שטאַפּל, וואָס אַן אַרטיסט קאָן זיך ווינטשן און טרוימען. ער האָט זי געשריבן אין דער גרוי־ליקער היטלער־צייט.

לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז די סטראָפן זיינען די ערשטע טיילן

פון דער פּאָעמע. אין דער צווייטער טייל רעדט ער וועגן דעם טויט פון זיין פאָטער און דעם טויט פון זיין מוטער, דעם טויט פון זיין לערער מיטן פּענזל, דעם טויט פון זיין ברודער דוד, אָבער אויך וועגן זיינע פיל שוועסטער, וואָס „לאַכן און וויינען און אין טירן שטייען זיי ביינאַנד. זיי קוקן־אויס עפּעס אין פענצטער און זוכן גליקן נאָכ־אַנאַנד". און אין דער זעלבער טייל האָבן מיר שוין די זייער באַקאַנטע „וואו זיינען מיינע ווייסע בלומען פון אונדזער חופּה אויף די וועגן?" און ער פאַרענדיקט גאַנץ פּשוט:

דו ביסט מיין ווייב פאַר מיר געוואָרן
ווי מאַנדל זיס אויף לאַנגע יאָרן.
עס שענקט דיין בויך מיר אַ מתנה —
אַ טאָכטער שיין, ווי ראש השנה.
אַ דאַנק דיר, גאָט פון אָרון קודש
פאַר יענעם טאָג, פון יענעם חודש.

אין דעם טייל האָבן מיר אַלע עלעמענטן פון שאַגאַלס בילדער: דעם בית־עולם, טאַטע־מאַמע, דעם טאַטנס באָרד, די אָרימע פיר ווענט, די טויטע מוטער שוועבט אין דער לופט, בעלאַס שוואַנגער־שאַפט, אַ שטערנדיקע נאַכט, שטיינער, וואַלד און גראָז, דער קאָפּ פון אַלטן רבין פליט, אַ שוואַרץ פערדעלע, וואָס האָט אָוועקגעפירט אים (דעם לערער) אויף יענער וועלט דורכן טויער; עס האָט פאַרלאָשן זיך זיין לאָמפּ; די לאַנגע האָר פון דער געליבטער, די פאָר אויגן אירע; פאַרלאָשן די לבנה און אָנגעצונדן ווייסע ליכט.

דער ערשטער טייל איז דער רעזולטאַט פון צווייטן טייל — דער טרויער נאָך די פאַרלאָרענע עלטערן און ברודער און לערער. האָט ער זיך געפונען דורך זיין ליבע פאַר דער כלה? איז דאָך שוין פאַראַן אַ גרויסער ווידערשפּרוך צווישן דעם וואָס ער האָט געוואָלט טאָן אין דער ערשטער טייל (פאַרזאָרגן זיך אַ גרוב) צו דער צווייטער, ווען ער „ליגט ביי דער כלה אַ גאַנצע נאַכט". דאָ האָט זיך שוין פרויד אַריינגעמישט, משמעות.

אין דער דריטער טייל אַנטפּלעקט ער זיך אַלס קינסטלער, איז ער שוין ניט דער באַווייגער און באַזינגער פון זיין היים, וואָס איז געוואָרן ווייט פון אים, נאָר וואָס ער קאָן בשום אופן ניט פאַרגעסן.

ער שווערט, אַז זיין נשמה וועט זיין מיט די הייזלעך פון זיין אַלטער היים.

אָ, גיי אַראָפּ, מיין ווייסער וואָלקן
און נעם אַרויף מיך אין דער הויך!
איך הער, ווי אונטן קלינגען גלאָקן
און פון די הייזער גייט אַ רויך.

עס וויל אַ וואָרט מיין מויל זיי זאָגן
צו זיי, פאַרשאָטענע מיט שניי.
ביז וואַנען מיין אָטעם וועט מיך טראָגן,
וועט מיין נשמה זיין מיט זיי.

און ווידעראַמאָל אין דער טייל געפינען מיר שאַגאַלס אויסדרוקן, וואָס האָבן אים געדינט פאַר טעמעס אין גאַר אַ סך מאָלונגען: וואָלקן, רויך, שניי, אויסגעקרימטע הייזער, וועגן צום בית עולם, אַ מלאך, פאַרבליצט די דעכער, די קלעזמער, טענצער אויף דער בינע, פאַרבן בלויע, רויטע, געלע, געשפּילט, געזונגען און געשפּרונגען. עס איז אַזוי פריילעך . . .

זיין לעבן ווערט איבערגעגעבן אין די אומבאַהאָלפענע שורות, וואָס זיינען שוין גאַרניט אומבאַהאָלפן, נאָר אַ מין מאַניער, וואָס מיר געפינען אין זיינע צייכענונגען, אַזוי קינדעריש האַלב־פּרימיטיוו.

עס פאָכעט מיר אַ רויטע פאָנע,
איך כאַפּ זיך אויף אויף אונדזער גאַס.

די וועלט איז דאָרטן אַ באַנייטע . . .
און ווינטן טראָגן זיך פון איר . . .
מיט הייסע ביקסן און מיט רייד . . .

נאָר רעוואָלוציע איז ניט פאַר אים.

דו ווילסט מיין האַרץ זאָל זיין צעבראָכן?
אויף קני אויסבעטן מיינע טעג?

פֿאַלט ער שוין ווידער אַריין אין אַ פֿאַרלאָרנקייט, צעטומלטקייט און די שורות זיינען שוין ניט שאַגאַל־פֿאַסיק, נאָר תחינה־מעסיק:

וועל איך צו דיר קומען אויף אייביק צו שלאָפֿן
און דו וועסט פֿאַרשיטן מיין קבר מיט אַש.

קומען מיר צו דער פֿערטער, לעצטער טייל.

דאָ רעדט שאַגאַל וועגן זיין פֿאָלק, ניט וועגן זיך. ער באַוויינט דעם חורבן (וועלכן?): „געשטאָרבן משה אונדזערער, פֿאַרשוויגן שטום זיינען די לעצטע אונדזערע נביאים". ווייזט־אויס, אַז דאָ איז שאַגאַל באַווירקט געוואָרן מאַכנדיק צייכענונגען פֿאַר דער ביבל. מען פֿילט די נביאישע שפּראַך:

און אַלע ווילן אין דיין האַרצן צעברעכן דיינע לוחות,
צעטרעטן ווילן זיי דיין אמת און דיין גאָט.

דאָס פֿינטעלע ייד רעדט אַרויס פֿון אים און דאָס איז ניט זיין זשאַנר, ס'איז ניט זיין אינעווייניקסטער איך. ס'איז מליצה:

מען יאָגט, מען שלאָגט מיין פֿאָלק פֿון אַלע זייטן,
עס פֿאַלט זיין קרוין,
עס פֿאַלט זיין מגן דוד.

ווייטער רעדט ער וועגן אַ רויטן הימל און אַ בליץ, אַ שווערד, וואָס מען געפֿינט אַן אָפּשפּיגל דערפֿון אין זיינע בילדער.
ער קומט צום שלוס, אַז:

וועט אפֿשר אויפֿגיין אַן אַנדער שטערן,
און פֿון דיינע אויגן וועלן פֿליען טויבן.

געפֿינען מיר אויך דעם נייעם שטערן און די טויבן און זיינע בילדער.

און מיטאַמאָל פֿאַרענדיקט שאַגאַל די פּאָעמע מיט פֿאָלגנדיקער אומדערוואַרטער סטראָף:

איך וויל פאַראייביקן דיין וואונטש,
אַ נייעם אמת וויל איך קריצן.
פון לעבן זאָל פאַרבלייבן קונסט —
אַ קלאַנג פון דונערן און בליצן.

איך ווייס ניט, צי די „דונערן און בליצן" האָט ער געדאַרפט האָבן צוליבן גראַם, אָדער דאָס האָט געזאָלט ווערן זיין קרעדאָ אין קונסט. וואָס־וואָס, שאַגאַל האָט ניט ליב קיין דונערן און בליצן, קיין טומל און רעוואָלוציעס. ער איז דער דיכטער פון סענטימענטן און סענטימענטאַלקייטן — חתונות, בלומען, מלאכים, יעזוס, ליבע.

אפשר זיינען די „דונערן און בליצן" סימבאָלן פון נייע שטרע־מונגען, נייע קאָלירן, נייע פאָרמען, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין זיין קונסט.

דער פאַקט, אַז ער צילט צו „נייעם" ווערט באַשטעטיקט דורך זיינע לעצטע אַרבעטן, סיי מיט די שויבן, סיי אין סעראַמיקס. די לעצטע טייל פון דער פּאָעמע און איבערהויפּט די לעצטע סטראָף באַווייזט, אַז שאַגאַל האָט זיך אָנגעהויבן באַטראַכטן ווי אַ פאָרשטייער פון פאָלק, וואָס נעמט זיך אונטער צו „פאַראייביקן דיין וואונטש".

און דאָך, אין אַ צאָל שמועסן מיט שרייבער, ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, רעדט ער מיט גרויס באַענטקייט וועגן דער ראָל פון יעזוסן און ער ברענגט דאָס אַרויס אין זיינע יעזוס־בילדער און זיינע שויבן, וואָס ער מאָלט איצט פאַרן קאַטעדראַל אין מעץ. האָט ער דאָך דערקלערט — און די דערקלערונג איז ברייט פּאָפּולאַריזירט געוואָרן, — אַז „ווען איך מאָל די עלטערן פון יעזוסן, האָב איך אינזינען מיינע אייגענע עלטערן".

זיינע עלטערן און זיין בעלאַ, וואָס ווערט אַריינגעוועבט אין די אינטימסטע בילדער זיינע. וועגן בעלאַן האָט ער נאָך איר טויט גערעדט ווי וועגן אַ פּאָעמע וואָס איז טייל פון זיין איך, וואָס האָט אים געטרייסט אין פינצטערע שעה'ן; אַ פּאָעמע וואָס אָטעמט מיט פרייד און פאַרגעניגן און פאַרטרייבט צער און צאָרן.

צום פערטן יאָרצייט נאָך בעלאס טויט האָט שאַגאַל אָפּגעדרוקט אין „טאָג" זיין ליד „בעלא". אַ ליד פון פערצן שורות, סאָנעטמעסיק, כאָטש אָן די אָנגענומענע כללים פון דער סאָנעט טעכניק.

דער וואָס איז באַהאַונט מיט שאַגאַלס פּאָפּולערע בילדער, וועט

זיך פאָרשטעלן, וואָס ער שרייבט וועגן בעלאן און ער וועט טרעפן. ער האָט זי פּאָפּולער געמאַכט אין איר ווייס קלייד. הייבט זיך טאַקע די ערשטע שורה אָן אַזוי:

דיין ווייסע קלייד שווימט איבער דיר,
די בלומען מיינע בלייבן ניט געדירט.

נאָר די בענקעניש איז פול מיט צער און פאַר די אויגן שטייט זי ניט מער, נאָר דער שטיין איבער איר:

דיין שטיין ווערט גלאַנציק, דיין שטיין ווערט נאַס
און איך אַליין ווער גרוי ווי אַש . . .

גאַנץ אָפט אין שמועסן מיט מיר, סיי ווען ער איז נאָך דאָ געווען אין ניו־יאָרק, סיי ווען ער פלעגט קומען פון פראַנקרייך אויפן וועג קיין שיקאַגא, האָט עס אים ניט געלאָזט רוען, וואָס בעלא ליגט דאָרט אַליין. וואָס טראַכט זי דאָרט? דערמאָנט זי זיך אין זייער לעבן צו־זאַמען?

היינט ווי נעכטן פרעג איך דיך:
צי בלייבסטו דאָ, צי גייסטו נאָך מיר נאָך?
זע די טריט מיינע פאַרוויקלטע אין טרערן.
וואָס זאָגסטו מיר? איך וויל זיך צוהערן.

בעלא איז געבליבן לעבן ביי אים אין האַרצן. דאָס לעבן האָט געבראַכט ענדערונגען. די צייט שטייט ניט אויף אָן אָרט. שאַגאַל דער קרעאַטיווער ווערט אָנגעזאָפּט מיט נייע וויזיעס, מיט נייע קינסט־לערישע שאַפונגען און פּלענער. ער איז, דאַכט זיך, אַזוי אַריינגעטאָן אין זיין פּילפּאַכיקער אַרבעט, וואָס פאָדערט פּערפעקטקייט און היינט־טאָגיקייט, אַז עס דאַרף ניט זיין קיין פּלאַץ אין זיין מוח און האַרץ פאַר די פאַרגאַנגענע געשעעניש. נאָר ניט בלויז איז ער געוואָרן גרוי, נאָר די עלטער מיט אירע שלאָפלאָזע נעכט אויך ניט אויס און קיינער קאָן אין דעם פאַל ניט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון בעלאן, וואָס איז געווען פאַר אים ניט בלויז אַ פרוי, נאָר אַ מאַמע, אַ דאָקטאָר, אַ ראַטגעבער.

ווי וואָלט בעלאַ אויפגענומען זיין גרויקייט, זיינע שלאַפקייטן, זיין באַלאָדן זיך מיט יאָרן?

. . . „ווי רויט עס איז געוועזן אונדזער חופּה,
אַזוי איז אונדזער ליבע צום פֿאָלק אין אונדזער היים,
גיי און וועק זיי אויף מיט אונדזער טרוים.
ווי גרין די פֿעלדער ליגן אויף מיין גוף
און יעדע נאַכט בליצן מיר די שטערן,
אַזוי וועסטו צו מיר אַמאָל זיך אומקערן".

.2

אין „גאָלדענע קייט" נומער 10 (1951) זיינען דערשינען פֿינף לידער פֿון שאַגאַל אונטערן אַלגעמיינעם קאָפּ „פֿון מיין לידערבוך". אין דידאַזיקע סטראָפֿן אַנטפּלעקט זיך אַ געלייטערטער קינסטלער, ניטאָ שוין די נאַאיוויטעט און די שפּילעוודיקייט פֿון אַמאָל, ניטאָ דער יוגנטלעכער פֿלאַם, די צייט האָט אַרויפֿגעלייגט איר חותם אויף די שורות. פֿאַראַן אין זיי די חכמה פֿון גרייז, די לעבנס־דערפֿאַרונג פֿון אַ טיף־דורכגעפֿילטער נשמה.

לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף זיין ערשט און, דוכט זיך, לייטמאָטיוו־ליד, וואָס הייסט סימבאָליש „צו הויכע מויערן". אין די ערשטע צוויי שורות געפֿינען מיר שאַגאַלס אַני מאַמין:

נאָר יענע לאַנד איז מיינס,
וואָס געפֿינט זיך אין מיין נשמה.

די קינדהייט זיינע וואָס איז געבליבן איינגעוואָרצלט אין אים וועט שוין אויף תמיד בלייבן דאָס לאַנד זיינס. זי איז דער אָפּשפּיגל פֿון זיינע לעבנס־געשעענישן און טראַכטענישן.

אין מיר בליען גרינע בלומען,
ס'ציען זיך אין מיר מיינע גאַסן —
נאָר ס'פֿעלן הייזער.
זיי זיינען חרוב געוואָרן פֿון

מיין קינדהייט אָן.
די איינוואוינער בלאָנדזשען אין לופטן,
זיי זוכן אַ וואוינונג, זיי
לעבן אין מיין נשמה.

אין אַ פּאָר סטראָפן מאַכט ער אַ מין רעזומע פון זיין פערזענלעך לעבן.

איך געדענק אַ צייט
ווען אויף מיר זיינען געוועזן צוויי קעפּ.
ס׳איז געווען אַ צייט,
ווען די ביידע קעפּ
האָבן זיך באַדעקט מיט אַ ליבע־שלייער —
און זיינען אויסגעגאַנגען
ווי אַ ריח פון אַ רויז.

איצט דאַכט זיך מיר,
אַז ווען אפילו איך גיי צוריק,
גיי איך פאָרויס
אין דער ריכטונג צו הויכע טויערן
הינטער וועלכע עס זיינען צעוואָרפן ווענט
וואו עס נעכטיקן אָפּגעשלאָגענע דונערן
און צעבראָכענע בליצן.

ווי עס איז צו באַמערקן, זיינען זיינע סטראָפן געוואָרן רייפער און רייכער, בילדלעכער און טרעפלעכער.

מיר דערזעען שאַגאַלן אין אַ ניי ליכט אין דעם צווייטן ליד וואָס הייסט „יעקב׳ס לייטער״. די ערשטע עטלעכע שורות זיינען דער קווינט־עסענץ פון זיין דענקען.

איך גיי אַרום אין דער וועלט ווי אַ וואַלד,
אויף פיס און הענט גיי איך אַרום.
פון יעדן בוים פאַלן בלעטער,
זיי וועקן מיך אויף, איך ווער דערשראָקן.

אַזוי אַנטפּלעקט זיך אויך דער מאָלער אין אים אין זיין דריט

ליד וואָס טראָגט דעם נאָמען „דאָס בילד". אַזויפיל דיכטער האָבן באַזונגען דאָס בילד פון אַ מאָלער, נאָר אַז אַ מאָלער זאָל דורך זיין וואָרט אַריינדרינגען אין זיין בילד, איז אַ געהיימע טיר וואָס צע־פראַלט זיך.

וועו די זון וואָלט לייכטן אין דער נאַכט.
איך שלאָף — אַיינגעטונקען אין פאַרבן,
אין אַ בעט פון בילדער.
און דיין פוס אין דיין מויל
מיך דריקט, מיך פייניקט.

איך וועק זיך אויף אין ווייטיק
פון אַ נייעם טאָג מיט האָפנונגען
נאָך ניט אויסגעמאָלטע,
ניט דורכגעשמירטע מיט פאַרב.

איך לויף אין דער הייך
צו מיינע פענזלען אויסגעטריקנט
און ווער געקרייציקט, ווי קריסטוס,
מיט טשוועקעס צוגעשלאָגן צום מאָלברעט.

בין איך שוין געענדיקט?
איז מיין בילד פאַרענדיקט?
אַלץ שיינט, גיסט זיך, לויפט.

שטעל זיך אָפּ, נאָך אַ שמיר,
דאָרטן — שוואַרצע פאַרב,
דאָ — רויטע, בלאָע, האָבן זיך אויסגעלייגט,
מיך אַזוי באַרויקט.

דערהער מיך — מיין בעט די טויטע,
מיין גראָז פאַרטריקנטע,
ליבע אַוועקגעגאַנגענע,
אויפסניי געקומענע,
הער מיך צו.

איך גיי איבער דיין נשמה,
איבער דיין בויך —
איך טרינק דעם רעשט פון דיינע יאָרן.

כ׳האָב דערשלונגען דיין לבנה,
דעם טרוים פון דיין אומשולד,
כדי דיין מלאך זאָל איך ווערן,
דיך אָפּהיטן ווי פריער.

דער דיכטער־מאָלער מאַכט אַ סך הכל פון זיינע יאָרן. די לידער זיינען געדרוקט געוואָרן אין 1951, איז נויטיק צו מאַכן אַ פאַרגלייך פון זיינע ווערטער מיט זיינע בילדער און פּלאַסטיק. געפינט מען אַן ענלעכקייט אין זיי? וועלן מיר בעסער פאַרשטיין זיין קונסט לייענענדיק זיינע פערזן? לעבט ער אויף זיין פאַרגאַנגענהייט? שטעלט ער זיך אַליין פראַגעס וועגן זיין עבר און זיין איצט?

דאָס פאָלגנדיקע ליד „דיין רוף“ איז אַן ענטפער.

איך ווייס ניט צי האָב איך געלעבט,
איך ווייס ניט צי לעב איך.
איך קוק אָן דעם הימל,
איך דערקען ניט די וועלט.

מיין קערפּער פאַרגייט צו דער נאַכט.
די ליבע, די בלומען פון בילדער,
זיי רופן מיך הין און צוריק.

לאָז ניט איבער מיין האַנט אָן אַ ליכט,
ווען פינסטער וועט ווערן מיין שטוב.
ווי וועל איך דערזען אין ווייסן דיין שיין ?

ווי וועל איך דערהערן דיין רוף,
ווען איך אויף מיין בעט וועל בלייבן אַליין
און קאַלט און שטיל וועט ווערן מיין גוף.

ניט איינמאָל האָט שאַגאַל דערקלערט וואָס פאַר אַ גרויסע ווירקונג דאָס לאַנד פון די אָבות האָט געלאָזט אויף אים און זיין שאַפן. זיינע ביבל־אילוסטראַציעס, ווי זיינע שויבן אין ירושלים, זיינען ווי אָנגעזאַפּט מיט זיין טיפער פאַרשטענדעניש פאַר דער געשיכטע און באַדייט פון לאַנד.

אַנדערש איז אָבער ווען ער פּרוואווט שרייבן אַ ליד וועגן דעם. אין די לידער רעדט אַרויס פון אים זיין נשמת חיים. דאָס נייע ישראל האָט ער ניט איינגעזאַפּט אין זיינע קינדער־יאָרן, די ביבל יאָ. דערפאַר, ווען ער שרייבט פּערזן וועגן מדינת ישראל, קומט שוין אַרויס אַ שאַבלאָן וואָס איז ניט שאַגאַליש, ווי אין זיין „צו ישראל״:

צי זאָל איך בעטן גאָט
וואָס האָט געפירט מיין פאָלק צום פייער.
צי זאָל איך מאָלן אים אין בילד פון פלאַם?
צי זאָל איך אויפשטיין פון מיין פלאַץ
אַ ייד אַ נייער
און גיין אין קאַמף צוזאַמען מיט מיין שטאַם?

גאַנץ מעגלעך אַז זיינע לידער וועלן פריער דערשיינען אין פראַנצויזישן איבערזעץ. נאָר זיי וועלן ניט האָבן דעם טעם וואָס זיי וועלן לאָזן אין אָריגינאַל. אין יידיש זיינען זיי היימיש, פאָלקיש, עכט און עכט־יידיש. אין בוך־פאָרם וועלן מיר בעסער פאַרשטיין די שאַגאַלישע נשמה און דורך זיינע ווערטער וועלן די בילדער אונדז ווערן אַ סך קלאָרער.

דער שטראָם

.1

ווײַל מען פֿאַרשטייט שאַגאַלן, דאַרף מען זיך צוהערן צו זײַנע אייגענע רייד; ווײַל מען פֿאַרשטייט זײַנע רייד, דאַרף מען זיך ווענדן צו זײַנע בילדער.

מאַרק שאַגאַל איז קיינמאָל נישט געווען פֿון די שווײַגנדיקע. אמת, ווי אַ קינסטלער, וואָס ווערט אָפֿט באַהערשט פֿון זײַנע שטימונגען, כאַפּט ער זיך אַרויס מיט אַ ניט־טאַקטישן אויסדרוק אָדער מיט אַ דערקלערונג, וואָס באַלאַנגט ניט צו דער עפֿנטלעכקייט און

וואָס פאַרשאַפט אים, ווי ער זאָגט אַליין, שונאים. נאָר לרוב איז ער אָריגינעל און בילדעריש און אַנטפּלעקט דעם דיכטער און פּי־לאָזאָף אין זיך.

עס איז שוין לאַנג צייט געווען, אַז זיינע רעדעס, אַרטיקלען, לידער, אינטערוויוען, ווי אויך די אָפּשאַצונגען אין דער פּרעסע און אין פּעריאָדישע צייטשריפטן, זאָלן דערשיינען אין בוך־פאָרם. זיי זיינען אָפט אַזוי וואָגיק, ווי די ביכער, וואָס זיינען שוין דערשינען וועגן אים.

עס וואָלט, למשל, שטאַרק זיך געוואָלט באַקענען מיט דער אַרבעט פון נ. נ. פּאָפּאָוו, וואָס הייסט: „עקספּערימענט אין שטודירן ווערק פון קונסט פון שטאַנדפּונקט פון זייער פּסיכאָפיזישן צוזאַמענשטעל: מאַרק שאַגאַל", וואָס איז דערשינען אין „זשורנאַל פון נייטראָ פּאַ־טאָלאָגיע און פּסיכיאַטריע", אין מאָסקווע, אין יאָר 1929.

עס קומט אָפט אויס צו לייענען וועגן שאַגאַלן אין די גרויסע טעגלעכע צייטונגען. אַמאָל איז דאָס אין דער פאָרם פון אַן אינטער־וויו, אַמאָל אַזוי אַ שטיקל נייעס און אַמאָל אויף די שפּאַלטן פון די קאָלומניסטן.

אַזוי באַגעגנט מען שאַגאַלס נאָמען נישט זעלטן ביי דעם קאָ־לומניסט לאָיאָנס, אין דער ניו־יאָרקער צייטונג „ניו־יאָרק פּאָוסט". דער פּאָפּולערער עסייאיסט דר. מאַקס לערנער האָט אין זיין זאַמלונג שריפטן אַריינגענומען זיין עסיי „באַזוך ביי מאַרק שאַגאַל" און דאָרט דערציילט ער, אַז ער האָט ביי דער באַגעגעניש מיטן קינסטלער גע־רעדט מיט אים אויף אַ געמיש פון פראַנצויזיש, יידיש און דייטש. שאַגאַל האָט גערעדט וועגן זיין פּאָעטער און לערנער באַמערקט, אַז „זיין כמעט קינדערשע אָפנהאַרציקייט, זיין טרוימערישע פּאָעטישע באַנעמונג פאַרמאַסקירן אַ דורכגעטריבענע פאַרשטענדעניש פאַר די שטרעמונגען פון דער וועלט".

שאַגאַל איז תמיד געשטאַנען נאָענט צו דער יידישער ליטעראַ־רישער וועלט און זיך באַטייליקט אין זשורנאַלן און צייטשריפטן מיט לידער, אַרטיקלען און רעדעס.

בלעטערט אַלטע אויסגאַבעס און אויך נייע, און איר וועט דאָרט געפינען מאַטעריאַל פון און וועגן שאַגאַלן.

איבערהויפּט איז דאָס געווען חל אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען מען האָט אים געטראָפן אין נומערן פון די „ליטעראַרישע בלעטער",

וואָס איז אַרויס אין וואַרשע. עס ווילט זיך דאָ איבערגעבן אויסצוגן פון אַ צאָל אויסגאַבן, וואָס איז געלונגען צו באַקומען.

אין נומער 33, דעצעמבער 1924, געפינט זיך שאַגאַלס אַן אַרטיקל „דער זין פון דער ליטעראַטור", אין וועלכן ער דריקט זיך אויס אַזוי:

„יעדער אינהאַלט טויג, דער עיקר איז די פאָרם. דער זין פון לעבן איז פאַרפאָלקומונג, שטייגן אַרויף און באַפרייען די אינדיווי־דואַליטעט. דאָרט, וואו ס'איז דאָ אינהאַלט, איז דאָ פאָרם".

אין נומער 35, 1925, „ליט. בלעט.", איז פאַראַן אַן אַרטיקל פון מ. פלאַקסער א. נ. „ביי מאַרק שאַגאַלן". שאַגאַל פרעגט אים: „וואָס הערט זיך עפּעס ביי יידן? מ'איז דאָך אַזוי אָפּגעריסן".

פלאַקסער קומט צום אויספיר, אַז אַ ביסל שפּעטער דערפילט איר, אַז איר פאַרברענגט מיט אַ גרויס קינד".

פּראָפעסאָר מאַקס לערנער האָט דאָס מיט יאָרן שפּעטער אַנדערש אויסגעטייטשט.

דערציילט פלאַקסער ווייטער דאַן, אַז שאַגאַל האָט אים געזאָגט, דאָס ער האָט געוואָלט מאַכן דעקאָראַציעס צו גאָלדפאַדנס „כישוף־מאַכערין" און צו לייוויקס „גולם" פאַר מאָריס שוואַרצס קונסט־טע־אַטער. אויך האָט שאַגאַל זיך אויסגעדריקט, אַז ער איז נישט געווען צופרידן מיט זיינע „ביז־איצט געמאָלענע יידן".

„זיי שרייען צופיל. מ'דאַרף מאָלן שטילע, דויערנדיקע יידן".

נאָך אַ שאַגאַליזם: „איך געדענק נישט קיין נאָמען. איך געדענק אויגן".

2.

אין אַ פרץ־נומער „ליטעראַרישע בלעטער" (49־50, 1925), שרייבט שאַגאַל: „ווי איך האָב דערקענט פרצן".

אַ פּאָר ציטאַטן: „ווען אַ פאַרלאַג האָט זיך צו מיר געווענדעט, אַז איך זאָל פאַר אים צייכענען איינס פון פרצעס מעשה'לעך, דעם „קונצנ־מאַכער", האָב איך אָנגעהויבן לייענען פרצן. איך בין געווען איבער־ראַשט . . . איך וועל זיך נישט באַרויקן ביז די זאַמלונג פון זיינע פאָלקסטימלעכע מעשה'לעך וועלן דורך מיר נישט געצייכנט ווערן. אַ טרוים!"

„און דו טראַכסט: זאָל אונדזער עפּאָכע — די עפּאָכע פון אייזן און אַכזריות זיין, דאָך האָבן מיר ביז איצט ניי־אַנטדעקט פרצן און שלום־

עליכמען. דאָס האָבן זיי די ערשטע אַרויסגעלייגט אויף אייך די הענט און געבענטשט אייך — די נייע דורות יידישע פּאָעטן און שרייבער".

פאַר די, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט שאַגאַלס פּלאַסטישע און גראַ־פישע קונסט, ווערט קלאָר, אַז פּרץ און שלום־עליכם — און אויך אין אַ געוויסן זין מענדעלע — האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף זיין שאַפן.

אין די „ליטעראַרישע בלעטער", נומער 91, 1926, סקיצירט שאַגאַל זיין אויטאָביאָגראַפיע אַזוי: „איך בין אַלט 35 יאָר, געבוירן אין וויטעבסק, אָבער אויך אין פּאַריז. מיינע עלטערן זיינען געווען פּראָסטע יידן . . . קיין זאַך האָב איך אַזוי נישט פיינט געהאַט ווי מוח־אַרבעט, אינטעלעקטואַליזם. איך האָב צוטרוי צו זיך. איך אַרבעט מיט געדולד".

אין נומער 102 (1926), אין די „ליטעראַרישע בלעטער", שרייבט ער וועגן „מיינע ערשטע לערער". אָט איז זיין אויסדרוק וועגן יהודה פּען: „אויב איך בין עפּעס מקנא, אויב מיר טוט עפּעס באַנג, איז נאָר דאָס, וואָס פּען וואוינט אין וויטעבסק און איך — אין פּאַריז . . . ער פאַרשטייט מיך נישט, ווען מיינע בריוו זיינען פול מיט פראַגן: ,וואָס מאַכן מיינע פלויטן, פלויטן און פלויטן' . . ."

אין נומער 4 (1927), אין די „ליטעראַרישע בלעטער", שרייבט שאַגאַל וועגן טויט פון יהואש: „אים איז גוט: ער איז שוין לאַנג געווען אויף יענער וועלט (לאַנגע נעכט צו טאָן געהאַט און זיך באַגעגנט מיט די נביאים). מיר אָבער זיינען אויף דער וועלט".

אין נומער 12 (1930) שרייבט חנה קאָוואלסקאַ־ווינאַגורא וועגן שאַגאַלס הונדערט נייע אילוסטראַציעס: „אין די דאָזיקע הונדערט בילדער פון מ. ש. קומען צום אויסדרוק די דריי הויפּט־עלעמענטן, וועלכע האָבן געשמעלצט און אויסגעפורעמט שאַגאַלס קינסטלערישע פּערזענלעכקייט: 1) דער אָריענטאַליש־יידישער (דער טיפּסטער); 2) דער ביזאַנטיש־סלאַווישער און 3) דאָס פראַנצויזיש־אייראָפּעאישע, דאָס מאָדערנע (לאַפּאָנטען)".

אין נומער 37 (סעפּטעמבער 1930) שרייבט א. פּרעוואַן אין „שאַגאַל וועגן זיך": „איך קום אַרויס פון פאָלק און אינסטינקטיוו מאָל איך דאָס, וואָס דאָס פאָלק זעט: הייזער, פאַרליבטע, און איך גלויב, אַז יעדע קונסט, וועלכע קומט פון פאָלק, איז גרויס, ווייל זי איז די איינ־ציקע, וועלכע איז באמת נאַטירלעך".

.3

דער נומער 29 (9 יולי 1937) פון די „ליטעראַרישע בלעטער" איז געווידמעט דעם 50טן געבוירנטאָג פון מאַרק שאַגאַל. אויפן פּאַ־דערבלאַט — אַ פאָטאָגראַפיש בילד, ווי ער שטייט, די הענט אין די קעשענעס, אין אַ קראַוואַט, אין אַ רעקל מיט אַ טאַשנטיכל אין דער אויבערשטער קעשענע, די צעקנייטשטע הויזן פון אַן אַנדער קאָליר ווי דאָס רעקל.

דניאל טשאַרני (פּאַריז) האָט אַ גרעסערן אַרטיקל: „מאַרק שאַגאַל — אַ בן־חמישים (1887—1937)". טשאַרני צעוויקלט אַ טעאָריע וועגן מיסטישן נומער 7. ער שרייבט: „איך דערשפּיר זיך מיט אים שבת־דיק אין אַ מיטן מיטוואָך, ווייל דער גורל פון דעם דאָזיקן מענטשן זעט אויס צו זיין פאַרבונדן מיט דער מיסטיש־פאַרהייליקטער ציפער 7, וואָס איז דער סימבאָל פון שבת, פון שמיטה, פון מנוחה . . . ער איז געבוירן געוואָרן פונקט דעם זיבעטן אין זיבעטן פון זיבן און אַכציקסטן יאָר . . . די וויכטיקסטע עטאַפּן פון זיין לעבן זיינען אויך פאַרבונדן מיט דער מיסטישער ציפער 7 . . . אין דעם יאָר 1907 פאַרלאָזט ער זיין היימשטאָט וויטעבסק און ער מאַרשירט אין דער גרויסער וועלט אַריין (קיין פּעטערבורג). אין דעם יאָר 1914 (פּונקט אין זיבן יאָר אַרום) טרעט ער אויף מיט זיינע ערשטע צוויי אויסשטעלונגען (אין פּאַריז און אין בערלין).

„די דאָזיקע אויסשטעלונגען מאַכן שאַגאַלן אַ וועלט־נאָמען, און אין דעם זעלבן יאָר קערט ער זיך אום קיין וויטעבסק נאָך נייע שעפערישע אַנלאָדונגען. אינעם יאָר 1917 (ווידער אַמאָל 7) גרינדעט ער אין זיין היימשטאָט דעם ערשטן יידישן קונסט־מוזיי און די ערשטע יידישע קונסט־אַקאַדעמיע אין דעם באַפרייטן רוסלאַנד. אין דעם יאָר 1921 (שוין דריי מאָל 7) ווערט שאַגאַל איינגעלאַדן פון דעם ערשטן יידיש־מלוכהשן קאַמער־טעאַטער אין מאָסקווע צו באַשאַפן די ווענט און דעם סופיט פון דעם קליינעם געמיטלעכן טעאַטער־זאַל".

„אין אָט דעם דאָזיקן טעאַטער־זאַל, וואו איך האָב אים, אגב, צום ערשטן מאָל געהאַט דערזען, האָט שאַגאַל אַריינגעפּענזלט אַלע זיינע קאָנדענסירטע בענקשאַפטן און זעאונגען פון דעם אַלט־יידישן

לעבנס־שטייגער, וועלכן שלום־עליכם האָט שוין געהאַט פאַרפיקסירט אין זיין פאָלקסטימלעכן יידיש״.

טשאַרני דערציילט, אַז אין אַ בריוו האָט שאַגאַל אים געפרעגט: „זאָגט, טשאַרני, אפשר ווערן מענטשן ייִנגער און נישט עלטער?״ און טשאַרני מאַכט פאָלגנדיקן אויספיר: „נאָר אַזעלכע מענטשן, וואָס פאַרשטייען די גרויסע קונסט פון געבן און פאַרגעבונג, נאָר אַזעלכע מענטשן, וואָס קאָנען שטענדיק שוועבן איבער די דעכער פון דער זינדיק־געוואָרענער וועלט און זי ווידער אַמאָל באַהימלען מיט די אַלע זיבן וואונדער פון די מעשה בראשית...״

פאַרענדיקט טשאַרני זיין יום־טובדיקן אַרטיקל מיט דעם וואָרט־שפּיל פון וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי:

„דאַי באָך, טשטאָבי קאַזשדי טאַק שאַגאַל, קאַק שאַגאַל״ — גיב גאָט, אַז יעדער איינער פון אונדז זאָל קאָנען אָט אַזוי באַהימלען די זינדיק־געוואָרענע וועלט, ווי מאַרק שאַגאַל״.

דער צווייטער אַרטיקל אין דעם זעלבן שאַגאַל־נומער איז פון אָטטאָ פריד (וואַרשע), וואָס פאַרנעמט זיך מיט פּסיכאָאַנאַליז אין שאַגאַלס ווערק. עס איז ווערט זיך לענגער אָפּצושטעלן אויף דער אַרבעט, מחמת זי פּרואווט דערגיין צום תוך פון שאַגאַלס „אומפאַרשטענדלעכקייטן״.

„זינט 1914 האָט די מענטשהייט איבערגעלעבט קאַטאַסטראָפעס, וואָס האָבן געביטן די יסודות פון איר זיין. מיר האָבן זיך דעריבער צוגעוואוינט צו פאַרשיידענע פענאָמענען אויך אין דער קולטור און אין דער קונסט.

„זייער שווער האָט אָבער געמוזט זיין פאַרן פאַרמלחמהדיקן עולם אויפצונעמען דאָס נייע און רעוואָלוציאָנערע, וואָס די שטאַרקסטע קינסטלער פון יענעם דור האָבן פּראָקלאַמירט, און וואָס שאַגאַל האָט געפאָרעמט ביז צו אַ מעכטיקער מאַניפעסטאַציע. וואָרעם, ווי אַזוי האָט מען דעמאָלט געקאָנט רעאַגירן אויף אַ מענטש, וואָס גייט מיט די פיס אַרויף און מיטן קאָפּ אַראָפּ, אויף מענטשן, וואָס פליען און האָבן צוויי פנימער? וואָס האָט מען געקאָנט זאָגן וועגן קעפּ פון מענטשן און חיות, אין וועלכע עס שפּיגלען זיך קליינטשיקע פיגורן, צי הייזער, וואָס שטייען אויף זייער דאַך, צי סעפּאַראַטע פיס, קעפּ, הענט, וואָס טאַנצן ווילד איבער דעם לייוונט?״

„אָבער נישט נאָר דער פּשוטער עולם, נייערט אויך די אַזוי־גערופענע קריטיק האָט זיך מיט די־אָ „אויסטערלישקייטן״ קיין עצה נישט געקאָנט געבן, הגם מ׳האָט וועגן אונדזער קינסטלער געהאַט געשריבן. אין מיין בוך האָב איך אָפּגעגעבן אַ גאַנץ קאַפּיטל שאַגאַלן און די ביבליאָגראַפיע פאַרנעמט אַ גאַנצע זייט! אָבער אָט די גאַנצע ליטעראַטור וועגן אים האָט געגעבן זייער קנאַפּ וועגן די אַלע אַזוי צוציענדיקע און אַזוי סימפּאַטישע רעטענישן. אין דער אמתן איז דאָס גראָד נישט אַזוי שווער און אַ גאַנץ פּשוטער מענטש קאָן דעם קינסטלער זייער גוט פאַרשטיין, אויב ער קוקט אויף זיינע שאַפונגען מענטשלעך און פּסיכאָלאָגיש.

„גאָר אַנדערש האָט די מענטשלעכע נשמה אויסגעזען פאַר פרוידן און גאָר אַנדערש זעט זי אויס איצט, נאָך דעם, ווי פרויד האָט זי באַהאַנדלט . . . דער מענטש איז פיל רייכער, טיפער, שרעקלעכער און קאָמפּליצירטער, ווי דאָס שטיקל באַוואוסטזיין, וואָס די צענזור פון דערציאונג, טראַדיציע און ציוויליזאַציע האָט אַדורכגעלאָזן . . . אָט אין דעם־אָ אייגענעם אינעווייניקסטן האָט אַריינגעקוקט שאַגאַל. דאָרט האָט ער געזען דעם כּישוף פון דעם, וואָס ווייניגער רופט אָן „הענידן״, די עלעמענטאַרע געשעענישן, וואָס זיינען ערשט אויפן וועג צו אַ פאָרמירונג, אַ וועלט וואָס איז פאַראַן נישט באַוואוסטזיניק, נאָך נישט באַוואוסטזיניקייט.

„אין דער וויסנשאַפט איז נאָר פרויד געגאַנגען ווייטער אויף די וועגן צו אַ מענטשלעכקייט, וואָס איז טיפער, ווי דאָס באַוואוסטזיין. און אין דער קונסט האָט דאָס אין אַזאַ מאָס געטאָן בלויז דער איינער שאַגאַל. ווי געניאַל פּשוט ווערן מיטאַמאָל אַלע די אַזוי שווער־פאַרשטענדלעכע בילדער, אויב מיר דערקענען אין זיי שאַגאַלס פּערזענלעכסטע און גלייכצייטיק אַלגעמיין־מענטשלעכע אינטואיטיווע אויפנעמונגען פון זיינע און אונדזערע נאָך נישט באַוואוסטזיניקע איבער־לעבונגען!

„אַ דור פון איידעלע רעוואָלוציאָנערן אין דעם דעמאָלטיקן דייטשלאַנד, וואָס האָבן זיך אָנגערופן עקספּרעסיאָניסטן, זיינען אין זייער בליציקייט געווען אינספּירירט פון אים.

״כּדי אויסצומיידן אַ מיספאַרשטענדעניש, מוז מען נאָך ווידמענען אַ וואָרט דער באַציאונג צווישן שאַגאַלן און דעם פּסיכאָאַנאַליז. שאַגאַל האָט זיך מיט פּסיכאָאַנאַליז בפרט און מיט וויסנשאַפטלעכער פּסי־

כאַלאָגיע קיינמאָל נישט פאַרנומען. זיינע וויזיעס זיינען ספּאָנ־טאַן, נאַאיוו און עקספּרעסיוו. צווישן זיינע אינטראָספּעקטיווע אַנט־פּלעקונגען און די דערמאָנטע וויסנשאַפטלעכע אויפטוען איז דעריבער נישט פאַראַן קיין פאַרהעלטעניש פון אָפּהענגיקייט, נאָר אַ ריינע אַנאַלאָגיע.

„אָבער פּונקט אַזוי ווי שאַגאַל האָט אונדז דורך זיין קונסט געוויזן דעם מענטש אין זיין גרעסערער רייכקייט, איז ער אויך אַליין אַ גאָר רייכער. אין זיין פאַרהעלטעניש צו דער ווירקלעכקייט איז פאַראַן אויך אַן אַנדערע זייט: די קוליסן פון זיין וויטעבסקער קינד־הייט, די הייזער, ביימער, מענטשן און מענטשעלעך פאַראייביקט ער אויך ראַדיקאַל רעאַליסטיש, פאַרליבט אין אַלע פּרטים, רעאַליסטיש אין אַ פאַנטאַסטישער מאָס. קבצנים און מוזיקאַנטן און די געליבטע אייגענע מענטשן און אַזוי אויך דעכער, בלומען און חיות באַקומען דאָ אַ מין לעבן, וואָס איז נישט ווינציקער אינטענסיוו פון יענע שטורמישע וויזיעס: מיר פילן דייטלעך, אַז יענער אידעאַליזם (וואָס איז אַ פאַרטיפטער פּסיכישער רעאַליזם) און זיין אין דער ווירקלעכקייט אַזוי טרייער באַנעם זיינען צוויי זייטן פון איין קינסטלערישער נאַטור, און די גרענעצן פון חלום און ווירקלעכקייט זיינען אין דער דאָזיקער קונסט נישט קיין פעסטע.

„שאַגאַל איז אונדזער גרעסטער היינטצייטיקער קינסטלער. און אפילו מער פון דעם. מיר ווייסן נישט, צי וועלן דערמיט מסכים זיין אויך די קומענדיקע דורות. אָבער זיכער איז דאָס: ווער עס וועט זוכן קונסט, וואָס איז טאַקע אַרויסגעדרונגען פון מענטשלעכע טיפן, וועט קיינמאָל נישט טאָרן פאַרגעסן שאַגאַלן. און ווער עס וועט וועלן געפינען אַן עכט און ספּעציפישע רעוועלאַציע פון דעם יידישן געניוס אין דער קונסט, וועט טאַקע ביי אים געוואָר ווערן אַ ריין און קלאָר בילד פון דער יידישער נשמה".

מיר דאַרפן אינזינען האָבן, אַז דאָס איז געדרוקט געוואָרן אין 1937, פאַר דער נייער וועלט־איבערקערעניש פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אָטאָ שניידס טעאָריעס וועגן פרוידן און פּסיכאָאַנאַליז בכלל האָבן זיך אויך געענדערט, נאָר זיין צוגאַנג צו שאַגאַלס קונסט איז דאָ פונדאַמענטאַל וויכטיק.

דער דריטער אַרטיקל אין דעם דאָזיקן שאַגאַל־נומער איז פון פעליקס פרידמאַן (וואַרשע). אין אַ געוויסן זין חזרט ער איבער וואָס

דער פריערדיקער שרייבער האָט אַרויסגעבראַכט, נאָר עס וועט זיין אינטערעסאַנט מוסף צו זיין, וואָס ער האָט צו זאָגן. זיין אַרטיקל הייסט פּשוט: „מאַרק שאַגאַל".

אַ פּאָר ציטאַטן:

„זיין פאָרם איז אַ געבראָכענע, אַ קאַפּריזנע, ווי דער הומאָר ביי שלום-עליכם. עס איז אַ געמיש פון טיפער סקעפּטישער חכמה, באַגייסטערונג און הומאָר, די עלעמענטן, וואָס שאַפן דעם יידישן נוסח...

„מ'דאַרף אַ ביסל, כאָטש אויף אַ ווילע, איבערקאָנסטרואירן אונדזערע איינגעלעבטע איינשטעלונגען פון געוואוינהייט, זעלבסט-פאַרשטענדלעכקייט און טאָג-טעגלעכן רעאַליזם, ווען מען וויל אים פאַרשטיין טעמאַטיש: דער פידל ליגט ביים קלעזמער אויפן אַקסל. אָבער דעם קלעזמערס קאָפּ ליגט אין אַ ווינקל. דאָס קאָן מען אין דער ערשטער רגע נישט באַנעמען, אָבער שאַגאַל האָט פּשוט אויף אַ געוואַלטיק-רעאַלן אופן מיט דער פרישקייט פון אַ קינד, איבערגעלעבט דעם קלעזמערס באַגייסטערונג אינעם ווערטל, אַז ער האָט אַזש פאַרלוירן דעם קאָפּ.

„ווי קען מען זיין סטיל אָנרופן? איך וואָלט געזאָגט, אַז דאָס איז מיטישע קונסט, די קונסט פון אינערלעכן מיטאָס און פון גרויסער אינטימקייט, וואָס לעבט אין אונדזערע חלומות.

„שאַגאַל איז געטריי זיין אייגענער אינדיווידואַליטעט און זיין שעפערישן כוח. ער פאַרמאָגט אַ גרויסע אינטואיציע אַרויסצובאַקומען דאָס וועזנטלעכע פון זיינע טרוימען און אויפצולעבן זיי אין פאַרב און אין פאָרם. די ליניע, וואָס ער שאַפט, איז די ליניע פון זיין געפיל; די פאַרב, וואָס ער גיט דעם בוים אָדער דעם הויז, איז די פאַרב פון זיינע חלומות.

„זיין מענטאַליטעט איז דורכאויס יידיש און אַלס ייד שטרעבט ער אַרויסצוברענגען אַלצדינג, וואָס איז מענטשלעך און ערלעך; זיין שיינקייט איז די שיינקייט פון אַלוועלט און פון טיפער אַלוועלטלעכער האַרמאָניע, וואָס איז דער אייביקער יידישער חלום.

„שאַגאַלס קונסט איז סטימולירט פון גרויסער אינערלעכער נשמה-דיקער ליידנשאַפט. זי איז אַן אויסדרוק פון אַן אייגנאַרטיקער, אויסגעשפּראָכענער קאָנסטיטוציע, וואָס פירט אַן אייגענע גרויסע קינסטלערישע עקזיסטענץ".

זייער ווינציק מאָלער פון היינטיקער צייט האָבן זיך דערוואָרבן

אַזוי־פיל אויפֿזען אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן ווי שאַגאַל. מען רעדט וועגן אים, מען שרייבט וועגן אים און נישט בלויז אָפּשאַצונגען, נאָר ער ווערט אַ טעמע פֿאַר דיסקוסיעס, אפֿילו געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטיש. דאָס אַליין איז אַ באַווייז, ווי ער איז אָנגעבונדן אין די פֿעדים פֿון היינטצייטיקייט.

אָט געפֿין איך אין אַן אַלטן נומער „ליטעראַרישע בלעטער" (732) — די דאַטע איז נישט אָנגעגעבן — מסתּם אין 1938, אַן אַרטיקל פֿון חנה קאַוואַלסקי (פּאַריז), א. נ. „שאַרפֿע פּאָלעמיק אַרום שאַגאַלס אַ בילד".

זי דערציילט:

„שוין איבער דריי חדשים, ווי די גאַנצע בעלגישע פּרעסע, פֿון עקסטרעם־רעכט, ביז עקסטרעם־לינק, פֿירט אַ העפֿטיקע פּאָלעמיק אַרום מאַרק שאַגאַל . . . עס האַנדלט זיך וועגן זיין בילד „חתן־כּלה", וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ הייס־אַרומגענומען, פֿאַרליבט פּאָרל, פֿון וועמעס קעפּ עס שפּראָצט אַרויס אַ ווילדער, פֿיל־פֿאַרביקער בלו־מען־בוקעט מיט שפּילנדיקע און יובלדיקע מלאכים".

זי דערציילט וועגן שאַגאַלס רעטראָספּעקטיווער אויסשטעלונג אין בריסל, וואָס האָט אַרומגענומען 30 יאָר פֿון זיין קינסטלערישער טעטיקייט און וואָס איז באַשטאַנען פֿון 80 בילדער.

די אויסשטעלונג האָט געמאַכט אַזאַ רושם, אַז עס איז געשאַפֿן געוואָרן אַ ספּעציעלע מוזיי־קאָמיסיע, וואָס האָט פֿאַרגעלייגט דער בעלגישער מלוכה איינצוקויפֿן אַ בילד ביי אים פֿאַר דער סומע פֿון דרייסיק טויזנט פֿראַנק. דאָס האָט אַרויסגערופֿן די דיסקוסיע. די ליבעראַלע פּרעסע האָט אונטערגעשטיצט דעם פֿאָרשלאָג און די רע־אַקציאָנערע און אַנטיסעמיטישע פּרעסע האָט אַטאַקירט אי דעם פֿאָר־שלאָג, אי שאַגאַלס קונסט ווי „קיצלדיקע געמעלן".

זי פֿאַרענדיקט:

„אַזוי אַרום האָט זיך אויפֿן בעלגישן „פּאַרנאַס" צעפֿלאַקערט אַ מלחמה צוליב אַן אומשולדיק בילד פֿון אַ יידישן קינסטלער — אַ בילד, וואָס איז פֿול מיט ליבע און שלום".

.4

אין „גאָלדענע קייט", וואָס דערשיינט אין תל אביב, געפֿינט

מען אין אַ צאָל יאָרגענג מאַטעריאַל פון און וועגן שאַגאַלן. דאָס זיינען אָפּהאַנדלונגען און אָפּשאַצונגען פון דעם שפּעטערדיקן שאַגאַל, און מיר דערזעען אים אין זיין רייפקייט.

אין נומער 5 (1950) — „מאַרק שאַגאַל דער קינסטלער" ווערט ציטירט פון אַ רעפעראַט, וואָס שאַגאַל האָט געהאַלטן אין שיקאַגער אוניווערסיטעט:

„איך בין אַן אומבאַוואוסטזיניקער־באַוואוסטזיניקער מאָלער. ס'איז דאָ אַ וועלט מיט זאַכן אין דער וועלט פון קונסט, פאַר וועלכע ס'איז שווער צו געפינען די ריכטיקע, די פּאַסיקע ווערטער. אָבער צו וואָס זאָל מען זיך דווקא באַמיען אויפצועפענען די דאָזיקע טירן? מיר דוכט זיך טיילמאָל, אַז זיי עפענען זיך אַליין אויף, אָן די מינדסטע באַמיאונגען, אָן איבעריקע ווערטער.

„אין ארץ־ישראל האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויפן תנך און אויף עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַ טייל פון מיין אייגענעם יש.

„איך בין קעגן די טערמינען „פאַנטאַזיע" און „סימבאָליזם". אונדזער גאַנצע אינעווייניקסטע וועלט איז ווירקלעכקייט — אפשר מער ווירקלעך ווי די וועלט, וואָס מיר זעען".

אין נומער 6 „גאָלדענע קייט" שרייבט אייזיק קלומאַק וועגן שאַגאַלס אילוסטראַציע צום תנך (זייט 105):

„שאַגאַל האָט נישט בלויז איבערגענומען אונדזער פאָלקס־ירושה און זי פאַרצייכנט אין בילד — ער האָט פון די פאָלקסטימלעכע עלעמענטן געשאַפן אַ הויכע קונסט און געגעבן איר גייסטיקע קוואַליטעטן וועדליק דער טראַדיציע פון אונדזערע בעסטע קולטור־שאַפערס".

שרייבט א. סוצקעווער, דער רעדאַקטאָר פון „גאָלדענע קייט", אין נומער 9 (1951) וועגן שאַגאַלס באַזוך אין ישראל: „וואָלט ער נישט געזען די וועלט אַזוי קינדערש פאַרוואונדערט — ווייס איך נישט, צי ער וואָלט דעמאָלט אַזוי פאַרוואונדערט די וועלט.

„שאַגאַלס מיידל־פּנים — אונדזער אַלעמענס ערשטע ליבע, און ווייל ער איז תמיד עקסטאַטיש פאַרליבט, ווערן מיר אַליין אָנגעשפּאַנט און פאַרליבט ביים אייננאָטעמען זיינע בילדער.

„— ווען מען שאַפט גוטע פּאָעזיע, שיינע קונסט־ווערק, שטאַרבט מען נישט. נאָכן טויט לעבט מען ווייטער אין די שאַפונגען — האָט מיר פאַראַיאָרן געזאָגט שאַגאַל".

אין זעלבן נומער שרייבט זלמן שזר אין „שאַגאַלס מאָלערישע דיכטונג״:

„זינט עס האָבן מיך אַרומגערינגלט די לייוונט־לידער פון אונדזער גרויסן גאַסט שאַגאַל — ס׳דוכט זיך, אַן אוראייניקל פון אַלטן רבי־בר־חנא איז דאָ אויפגעשטאַנען, זיין כוח־הדמיון איז עס און אומ־ענדלעכע גוזמאותדיקייט, און איר קוקט ווייטער און זעט: גלייכצייטיק איז ער אויך אַ לייבלעכער ברודער פון שלום־עליכמס מאָטל־פייסי דעם חזנ׳ס. זיינע היימישע געשטאַלטן זיינען עס אין שטעטלדיקע בילדער.

„און שאַגאַל באַהעפט זייביידן אין איין גוף מיט די כישוף־וואונדער פון זיינע פאַרבן, וואָס באַהערשן דאָס אויג מיט זייער קעגנ־זייטיקן שפּיל. און נאָר ער אַליין ווייסט דעם באַהאַלטענעם סוד פון זייער צוזאַמענשטעל.

„און ווי אַ לייבלעכער ברודער פון מאָטל־פייסי שטאַמען זיינע בילדער פון דעם טאַטנס הויף״.

אין נומער 38 (1960) „גאָלדענע קייט״, האָט דר. חיים גמזו אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן „דער טריאומף פון מאַרק שאַגאַל״. איך ציטיר בלויז אַ פּאָר קורצע זאַצן: „ער איז היינט נישט בלויז אַ גרויסער מאָלער. ער איז אַ גאַנצע וועלט, אַ וועלט פון קלאַנגען און מעלאָ־דיעס . . . פאַרשטיין שאַגאַלן? נישטאָ קיין לייכטערס דערפון. מען דאַרף נאָר קאָנען זען, זיין שפּירעוודיק אויף פּאָעזיע, אויפן געזאַנג פון לעבן און זיינע לעגענדעס״.

אין נומער 30 (1954) „גאָלדענע קייט״, שרייבט שאַגאַל וועגן ווילנער פּאָעט אלחנן וואָגלער און דערקלערט, אַז „אונדזערע טאַטע־מאַמעס האָבן אויסגעוויינט זייער לעבן אין יידיש״.

שאַגאַל איז נישט קאַרג מיט אַ גוט וואָרט, ווען קינסטלער גיבן אַרויס ביכער אין יידיש וועגן קונסט. אין יעדן „וואָרט״ זיינעם איז דאָ עפּעס שאַגאַליש, אייגנס. ער חזרט זיך קיינמאָל נישט איבער.

אין זיין וואָרט צו הערש פענצטערס בוך „אונדזערע פאַרפייניקטע קינסטלער״ (פּאַריז, 1951) זאָגט שאַגאַל:

„צי האָב איך זיי אַלעמען געקענט? עס לעשט זיך דער לעצטער פונק, דער לעצטער גוף פאַרשווינדט, ווערט שטיל ווי פאַר אַ נייעם מבול״.

אין זיין בריוו צו כיל אַראַנס בוך וועגן יידישער קונסט און קינסטלער, שרייבט שאַגאַל:

„דער גורל האָט אייך אַ שטויס געטאָן אויפן וועג פון קונסט. איר זייט „קראַנק" אויף קונסט און אַזוי עמפינדלעך צו איר. כ׳בין זיך מודה — איך האָב דאָס ליב. מיר נויטיקן זיך אין אַזעלכע ווי איר. די נאַטור האָט אייך געגעבן אַן אינטואיציע און מיר דוכט זיך, אַז איר קאָנט נישט טועה זיין. נאָר אונדזערע יידן אָפט דערשאַצן עס נישט. אָבער ווער איז אַ נביא אין זיין אייגענעם לאַנד?"

כיל אַראַן האָט געווידמעט אַ סך פּלאַץ אין זיין בוך צו שאַגאַלן. עס ווילט זיך ציטירן אַ פּאָר שטעלן:

„שאַגאַל האָט אונדז פּאָר אונדז געעפנט דעם גן־עדן פון דער ריינסטער מוזיק פון קאָליר און אַ דאַנק דעם כישוף פון זיין קאָליר איז אָפּגעווישט געוואָרן די גרענעץ צווישן ווירקלעכקייט און טרוים.

„זיין קונסט פירט אונדז אַריין דורך דער אַבסאָלוטער מאָלעריי אין דעם מהות פון יידישן ליריזם, אין זיין וויטעבסקער תקופה. האָט זיך שאַגאַל דערהויבן צו דער מדרגה פון טיפסטן יידישן מאָלער.

„. . . די דאָזיקע ווערק זיינען דער אויסדרוק פון טיפער ליבע צו זיין משפחה, צו די אַלע וויטעבסקער יידן און צו אַלץ, וואָס רינגלט אים אַרום דאָרט: די הייזער, בהמות, קעגנשטאַנדן — אַלץ פאַר־אייניקט זיך אין זיינע בילדער אין אַן אָרגאַנישער פּלאַסטישער וויזיע".

כיל אַראַן האָט פאָלגנדיקע קאַפּיטלען וועגן שאַגאַלן: „מאַרק שאַגאַל — זיין לעבן און שאַפן"; „דאָס מאָלערישע ווערק פון מאַרק שאַגאַל"; „דאָס גראַפישע ווערק פון מאַרק שאַגאַל"; „אַ באַזוך ביי מאַרק שאַגאַל אין וואַנס"; „פערציק יאָר שאַפן פון מאַרק שאַגאַל"; „די וויטראַזשן פון די 12 שבטים".

וועגן שאַגאַלס וויטראַזשן האָט ג. טולפּיר געשריבן אין „גאָל־דענע קייט", נומער 42. אין זעלבן נומער האָט שאַגאַל „אַ וואָרט ביי דער דערעפענונג (פון די וויטראַזשן) אין ירושלים".

נאָך אין יאָר 1927 האָט דער מאָלער יצחק ליכטענשטיין גע־שריבן אין אַ מאָנאָגראַפיע וועגן מאַרק שאַגאַלן (יידן־קינסטלער־מאָנאָגראַפיעס, פאַריז):

„שאַגאַל איז אַ מעטעאָרישע עקספּלאָזיע, וואָס באַשיינט דעם הימל און מאַכט ערגעץ־וואו דעם געהעריקן איינדרוק . . . צו זיין שאַפונג קאָן מען זיך באַציען מיט גרויס ליבע אָדער מיט נאָך אַ

גרעסערער פאַרדאַמונג. גלייכגילטיקייט איז אויסגעשלאָסן".

צו זיין 70טן געבוירנטאָג האָט די „פּאַריזער צייטשריפט" אַרויס־געלאָזט אַ שאַגאַל־נומער (נומער 19, 1957). עס ווילט זיך ציטירן אַ פּאָר שטעלן.

שרייבט זשאַן קאַסו, דער קאָנסערוואַטאָר פון מוזיי פאַר מאָ־דערנער קונסט אין פּאַריז, אין זיין אַרבעט: „דאָס גליק צו זיין אַ שאַגאַל":

„דאָס גליק צו זיין אַ שאַגאַל איז דאָס גליק צו ווערן געליבט. ווי זאָל מען נישט ליבן דעם, וואָס קומט צו אונדז מיט אַזאַ איילעניש, מיט אַזאַ אומגעדולד, צו פאַרטיילן כופל כפלים די מתנות, וועלכע ער האָט באַקומען געשענקט פון גורל?

„דאָס גליק צו זיין אַ שאַגאַל — אין צו טראָגן אין זיך דעם ניצוץ פון אומשולד, די שלמות, וואָס איז דער שכר פון זיך גופא. גאָרנישט מער בלייבט אין דערנידערונג. אַלץ איז אויבן אין דער הויך, אויב נישט העכער".

כיל אַראָן אין זיין „עוואָלוציע פון שאַגאַלס שאַפן" קומט צום אויספיר, אַז שאַגאַלס גרונט־טעמעס זיינען: „געבורט; חתונה; טויט".

ער ציטירט אַ שאַגאַליזם: „אפילו, ווען כ'האָב געזען פּאַריז, האָב איך נישט געזען עפּעס אַנדערש ווי זיך גופא".

אין זיין „דאָס שאַגאַלישע העלדן־געזאַנג" דערקלערט אַנרי הערץ: „ער איז דער מאָלער פון דער כישוף־וועלט פון יידישן פאָלק־לאָר, פון זיין רעליגיעזן אויסדויער, פון זיין בזירישער גלייכגילט, פון די ראַנגלענישן פון זיינע מנהגים, פון די שפּילן פון זיין מזל, פון זיין איינזאַמען אומעט, וואָס פאַרשטייט צו לאַכן, וואָס פאַרשטייט צו חוזקן".

ב. אַדאַם אין זיינע „באַמערקונגען" (די פּאָעזיע אין פאַרב און אין שטריך): „שאַגאַל זוכט צו שאַפן פּאָעזיע און דאָס געלינגט אים ביז גאָר . . ." צי מאָלט ער לויט דער נאַטור? מעגלעך. אָבער ער קאָפּירט גאָרנישט, אפשר בלויז זיין טרוים".

ראָבערט ווירינא אין זיין „די סטיל־עוואָלוציעס אין גראַפישן ווערק פון מאַרק שאַגאַל": „דאָס הויפּט־ווערק פון שאַגאַלס גראַוויר־קונסט איז אָן צווייפל דער תנך. די תנך־צייכענונגען שטעלן באמת פאָר דעם הויכפּונקט פון דער שאַגאַלישער קונסט אין שוואַרץ־און־ווייס".

אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל" פון זונטיק, יוני 26, 1960, שרייבט

משה דוכאָווני: „שאַגאַל קאָן פאַרגליכן ווערן מיט אַזאַ פּאָעט ווי ראָבערט בוירנס, וועלכער האָט געשריבן לידער וועגן זיין פאַרוואָרפן אָרט אין סקאָטלאַנד און ער ווערט פאַררעכנט צווישן די גרעסטע פּאָעטן וואָס האָבן ווען־ס'איז געלעבט. דער באַרימטער ענגלישער קריטיקער טאָמאס קאַרלייל האָט געשריבן אַז די הערלישסטע שלאַכטן וועלן בלייבן ניט באַזונגען, אויב אַ פּאָעט איז דערביי ניט געווען. און דער טויט פון אַ האָז וועט אויף אייביק בלייבן באַזונגען, ווייל בוירנס איז געווען ווען דער האָז איז דערשאָסן געוואָרן דורך אַ יעגער און ער האָט וועגן דעם אָנגעשריבן אַ ליד.

„דאָס דאָרף ליאָזנאָ און די שטאָט וויטעבסק און דאָס יידישע לעבן דאָרט און די יידישע פאַנטאַזיעס דאָרטן, וועלן אויף אייביק שיינען פאַר דער וועלט, ווייל דער גרויסער יידישער קינסטלער איז דאָרטן געווען".

„. . . קינסטלעריש זיינען שאַגאַלס בילדער ענלעך אויף איציק מאַנגערס פּאָעזיע.ביידע שעפּן זיי פון פאָלקלאָר . . . ווי מאַנגער איז שאַגאַל אַ קינד פון הארץ פון מזרח־אייראָפּייאישן יידישן פאָלק".

דער ענגליש־יידישער מאָלער דזשאָזעף הערמאַן האָט אויף דער אָנפראַגע וועגן דעם איינפלוס פון יידישע מאָלער אויף זיין שאַפן, געענטפערט:

„יאָ, ס'איז געווען דער אומפאַרמיידלעכער שאַגאַל. ער האָט איינגעפלאַנצט אין דער יידישער יוגנט פון מיין דור אַ לעבעדיקן חן, אַ היפּנאָטישן דראַנג, אַ באַוואוסטזיין, וואָס ביז דאַן האָט בלויז די יידישע ליטעראַטור און דער יידישער טעאַטער פון די בראָדער זינגער ביז דער ,ווילנער טרופּע' פאַרמאָגט. איך געדענק ווי דער דיכטער משה בראָדערזאָן האָט געשאַפן דעם עפּיגראַם: ,שאַגאַל, שאַגאַל, דו ביסט אונדזער קוואַל'. אָט אַזוי האָבן מיר טאַקע באַטראַכט אים". (אין פערטל־יערלעכן זשורנאַל „דזשואיש קוואָרטערלי", האַרבסט 1964, לאָנדאָן).

רחל ווישניצער־בערנשטיין האָט אין די „איוואָ־בלעטער" פון 1949 באַמערקט: „גיכער דער פּסיכאָלאָג איידער דער סאָציאָלאָג וועט געפינען דעם שליסל צו דער פּראָבלעם שאַגאַל . . . אין דער פאָלקס־קונסט איז דעטאַל אַן עיקר".

און ליאָנעלאָ ווענטורי האָט געשריבן, אַז עס דאַרף ערשט קומען די צייט איידער שאַגאַלס אַרבעט וועט באַקומען די גרינטלעכע פאַר־

שטענדעניש און פולע אָנערקענונג וואָס זי פאַרדינט.

דער קוואַל, וואָס שטראָמט וועגן שאַגאַלן לאָזט זיך נישט אויס, נאָר ווערט אַלץ פרישער, קוואַליקער. אָט ווילט זיך זען דעם דיכטער פּיצאָווסקיס „בריוו צו שאַגאַלן", וואָס איז שוין איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ צאָל שפּראַכן און וואָס האַלט ביים דערשיינען אין פראַנקרייך מיט אילוסטראַציעס פון שאַגאַלן.

דער שאַגאַל־קוואַל איז אַ יוגנט־קוואַל.

באַלעט

פאַר מיר ליגט אַ נומער פון זשורנאַל „דענס אינדעקס", נאָ־
וועמבער 1945, ניו־יאָרק, וואָס איז אינגאַנצן געווידמעט צו שאַגאַלס
צייכענונגען פאַר די באַלעטן „אַלעקאָ" און „דער פייער פויגל". אויפן
שער־בלאַט האָט מאַרק אָנגעשריבן זיין אויטאָגראַף צו מיר און דאַ־
טירט „6 — 1945".

ווען יוראָק האָט געשטעלט „אַלעקאָ" מיט זיין באַלעט טעאַטער
אין מעטראָפּאָליטען אָפּערא הויז אין 1944, האָט מאַרק גענוצט זיין

צווייטן בילעט פאַר מיר. מיר זיינען געזעסן צוזאַמען. זיין משפּחה איז געזעסן ערגעץ אַנדערש־וואו. ער איז געווען נערוועז, געריסן די נעגל פון די פינגער, זיך געפּרואווט קאָנטראָלירן. ווען דער פאָר־האַנג האָט זיך צעעפנט און דער עולם איז פאַרגאַפט געוואָרן פון דער וואַנט־מאָלעריי אין טיפן בלוי און עס האָט אויסגעבראָכן אַן אַפּלאָז, האָט שאַגאַל עפּעס געשעפּטשעט אין פראַנצויזיש, אין רוסיש און אינדערשטיל זיך געווענדט צו מיר אויף יידיש: „אַ, וואָס זאָגט איר? עס האָט זיך געלוינט?" איך בין אַליין פאַרשיכורט געוואָרן אי פון דעם וואָס איך האָב דערזען, אי פון דער זכיה צו זיצן מיטן מייסטער פון דעם גראַנדיעזן ספּעקטאַקל.

איך האָב די פאָרשטעלונג באַשריבן. בעלאַ האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דער אַרבעט, האָט געהאַט די אויפזיכט איבער די קאָסטיומען, וואָס ער האָט געצייכנט. איך האָב אין מיין אַרטיקל (געדרוקט אין דער „מאָרגן פרייהייט", אַפּריל 30, 1944) געשריבן:

„אָנשטאָט די דעקאָראַציעס זאָלן זיין ווי די סטאַטיסטן, אַזוי צו זאָגן, זיינען זיי אין ,אַלעקאָ' אַרויסגעקומען די מיוחסים, ווי די פּרימאַ־באַלערינע, ווי די אַטראַקציע פון דער אונטערנעמונג. און די קאָס־טיומען וואָס די טענצער טראָגן, שפּילן מיט, טאַנצן מיט. זיי זיינען אַזוי אָריגינעל און פאַרכאַפּנדיק, אַז זיי קאָנקורירן גרייליך מיט די גראַציעזע פיגורן און באַוועגונגען פון די טענצער".

איך האָב געפרעגט שאַגאַלן וועגן זיין בלוי און רויט דעקאָראַציע פון דער ערשטער סצענע. ער האָט מיר דערקלערט אַז בלוי סימ־באָליזירט די ליבע און רויט די אייפערזוכט.

ער איז געזעסן אויפן שפּיץ בענקל דורך דער פאָרשטעלונג. ער האָט מיטגעטאַנצט, מיטגעשפּילט, מיטגעפילט. ער איז געווען איינער פון די פיגורן פון דער וואַנט־מאָלעריי. ער האָט זיך געטראָגן אין די וואָלקנס מיט בעלאַן און געגלעט אירע לאַנגע האָר. ער איז געווען אין דער „סטאָליצע", אין דער פערטער סצענע, לעבן דעדנקמאָל פון פּעטער דעם גרויסן, געשוועבט איבער די שפּיצן פון די קירכן און פּאַלאַצן. איך האָב ניט געוואָלט אויסרעדן אַ וואָרט צו אים, נאָר אים באַאָבאַכט ווי ער איז געווען אַ ניט־דאָ־איקער.

גלייך נאָך דער פאָרשטעלונג האָט ער מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און געזאָגט נערוועז: „מיר וועלן גיין הינטער די קוליסן זען די טענצער. כ'וועל אייך באַקאָנען מיט די הויפּט־ראָליסטן". ער האָט

זיך געאײלט און אַט איז ער שױן הינטער דער בינע און ער קושט זיך און האַלדזט זיך מיט די מענער װי מיט די פֿרױען. ער רעדט רוסיש און פֿראַנצױזיש. זײַנע אױגן גליִען. זײַנע ליפּן װערן כּסדר געגעצט פֿון דער צונג. איך הער װי ער פֿליסטערט „באָזשע מאָי, באָזשע מאָי” און „סלאַװאַ באָגו”.

דעם טאַנץ־זשורנאַל האָט ער מיר געגעבן װען מיר האָבן בײַ־געװאױנט די פּרעמיערע פֿון „זשאַר פּטיצאַ”, װאָס איז געשטעלט געװאָרן פֿון באַלעט טעאַטער אין 1945. די מוזיק איז פֿון איגאָר סטראַװינסקי, די כאָרעאָגראַפֿיע פֿון אַדאָלף באָלם און די סצענאַריע און קאָסטיומען פֿון מאַרק שאַגאַל.

דער נומער פֿון „דענס אינדעקס” שטעלט זיך אײַנגאַנצן אָפּ אױף די צװײ מײַסטערװערק פֿון שאַגאַלן — „אַלעקאָ” און „זשאַר פּטיצאַ”. אױפֿן שער־בלאַט איז פֿאַראַן שאַגאַלס צײכנונג פֿאַר אַליציא מאַרקאָ־װאַס קאָסטיום װי „דער פֿײַער פֿױגל”. די אינװײניקסטע זײַט פֿון שער־בלאַט באַשטײט פֿון שאַגאַלס אַ פֿאָטאָגראַפֿיע מיט אַ בינטל בלומען אין אײן האַנט. דאָס בילד איז גענומען געװאָרן אין 1941. ס'איז אַ טעאַטראַלישע פּאָזע. יעדער דעטאַל איז אױסגערעכנט. די האָר פֿאַרזיכטיק צעשױבערט, די הענט, די בלומען װאָס ער האַלט אינדערהױך, לעבן זײַן מױל. זײַנע אױגן, די פֿאַלדן אַרום זײַנע ליפּן, דער שפּיץ נאָז — אַלץ איז פֿאַרחלומט און זאָגט: אַט אַזױ האָב איך געפֿילט אין דעם מאָמענט.

די ערשטע טײל פֿון דעם זשורנאַל טראָגט דעם אַלגעמײנעם טיטל: „דער אַרטיסט און דער באַלעט”. ער באַשטײט פֿון דרײַ אױס־צוגן פֿון טאַנץ־קריטיקער. דער ערשטער איז פֿון דזשאָן מאַרטינס איבערבליק אין דער ניו־יאָרק „טאַימס” און דער קאָפּ איז: „דעקאָר פֿון שאַגאַל דאָמינירט באַלעט”.

איך ציטיר בלױז אַ פּאָר שטעלן:

„בעת די טענצער פֿאַרמעסטן זיך נאָך דערפֿאָלגרײַך מיטן דעקאָר אין ,אַלעקאָ', רעדוצירן זײ זיך אָבער אין ,פֿײַער פֿױגל' כּמעט צו אומבאַדײַטנדיקײט . . . ,דער פֿײַער פֿױגל' איז אַ מאָלערס טריאומף. מחמת עס איז ניטאָ קײן סך נױטװענדיקײט, אָדער אַ סך געלעגנהײט פֿאַר דעם באַלעטס הױפּט מידיום, דער טאַנץ . . . אַ דאַנק אײן װאונדערלעכער פֿראָנט־פֿאַרהאַנג, דרײַ מחיהדיקע װאַנט־מאָלערײַען און אַ דרײַסיק קאָסטיומען, װערט דער צושױער קעניגלעך (ראָיאַל)

אונטערהאַלטן און ער פאַרפעלט כמעט דעם באַלעט. לאָמיר זיין אָפנ־האַרציק: אַזאַ טריאומף, ווי עס זאָל ניט זיין וועלקאָמען און לעגיטים אין דער ספּערע פון פיין־קונסט, פאָדערט אַ סך קרבנות און זעלבסט־פאַרלייקענונג מצד דעם כאָרעאָגראַפער און די אנטיילנעמער. די צווי־בערישע ברייט און דורכזיכטיקייט פון דער סצענאַריע האָט ניט קיין פאַרגלייך אין דער מענטשלעכער מאָס און מאַטעריע, דער וואָגלאָזער פלי, אָדער דאָס שוועבן פון שאַגאַלס פיגורן, רעדוצירט צו חוזק דאָס שפּרינגען און הויבן זיך פון די טענצער, און די וואונדערבאַרע אָרגאַ־ניזירטע פאַרשיידנאַרטיקייט פון שאַגאַלס פאָרשטעלונג קראַפט קאָן ניט געפינען קיין גלייכן אין די כאָרעאָגראַפישע מוסטערן".

עדווין דענבי, דער טאַנץ קריטיקער פון דער ניו־יאָרקער „הע־ראָלד טריביון", האָט באַצייכנט זיין איבערבליק פון „דער פייער פויגל" מיטן טיטל „שאַגאַל אין וואונדערלאַנד". ער ציטירט דעם קונסט־קרי־טיקער דזשועל, וואָס שרייבט, אַז שאַגאַלס ריזיקע דעקאָראַציעס „שטייגן איבער אַלץ וואָס שאַגאַל האָט געטאָן אויפן געביט פון דעם צייכן־ברעט".

דענבי שרייבט ווייטער: „אין דער מאָס און אינהאַלט איז דאָס אַן אָטעמלאָזע דערפאַרונג, נאָר קיינער דערוואַרט דאָס ניט אין דעם טעאַטער. אָדער, מעגן מיר אויך אַ פרעג טאָן: זאָלן מיר רעווידירן אינגאַנצן אונדזער צוגאַנג צום טעאַטער, די דראַמע זאָל זיך אונטער־געבן צו דעם געני פון מאָלעריי?"

דער קריטיקער לאָזט זיך אַריין אין אַ לענגערער חקירה וועגן די פּראָבלעמען וואָס די וואונדערוועלט פון שאַגאַלס מאָלערייען קאָנען שאַפן פאַרן טעאַטער און פאַרן באַלעט און דערברענגען צו „אַ קאָנ־פליקט צווישן צוויי פאַרשיידנאַרטיקע קאָנסעפּטן פון רעאַליטעט".

דזשאָרדזש אמבערג ציטירט פון אברהם עפראָס'עס אַן אַרטיקל פון 1929 „שאַגאַל און דער יידישער טעאַטער" (אין פּראָנצוויזיש) אין וועלכן ער דערציילט אַז מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק האָט גראַ־נאָווסקי איינגעלאַדן שאַגאַלן צו זיין דער בינע־מאָלער פאַרן יידישן מלוכה טעאַטער אין מאָסקווע. „עס איז באַלד געוואָרן קלאָר אַז אַזאַ קרעפּטיקע און אָריגינעלע קרעאַטיווע פאַנטאַזיע ווי שאַגאַל שפּרייזט איבער די פאָדערונגען פון דער בינע".

נאָר דער ענין שאַגאַל און דער מאָסקווער יידישער טעאַטער איז פאַר זיך אַליין אַ קאַפּיטל.

דער נומער „דענס אינדעקס" גיט ווייטער איבער דעם אינהאַלט

פון „אלעקאָ" און זעמפּירא", ווי אויך די קאָסטיום־צייכנונגען פאַר אַ בעטלער און אַ טרומ־פיגור. אין פּראַכטפולע קאָלירן ווערט רע־פון „אלעקאָ" און רעפּראָדוצירט די קאָסטיום־צייכנונגען פאַר צוויי ציגיינער און צוויי טרומ־פיגורן און די קאָסטיום־צייכנונגען פאַר פּראָדוצירט די צייכנונג פון דער ערשטער סצענע פון „אלעקא" און פון דער פערטער סצענע".

דאָן ווערט דערציילט דער אינהאַלט פון „זשאר פּטיצא", און עס ווערן רעפּראָדוצירט די קאָסטיום־צייכנונגען פון פיר טייוואַלים, דריי קאָסטיום־צייכנונגען פאַר פּרינצעסינס און אַ דעטאַל פאַר אַ הוט. די צייכנונג פאַרן פאָרהאַנג פון „פייער פויגל", פאַרן פאַרכישופטן וואַלד, פאַרן מאַגיקערס פּאַלאַץ, צייכנונגען פאַר צוויי התונה־געסט, די צייכ־נונג פאַר דער התונה־פייערונג.

דער וואָס איז באַקאַנט נעענטער מיט שאַגאַלס ווערק אויף פאַר־שיידענע געביטן, פון זיינע יונגע יאָרן ביזן היינטיקן טאָג, אַריינגע־רעכנט די קאָלירטע שויבן זיינע און די טעפּער־אַרבעט, וועט זיך ניט וואונדערן וואָס זיין איינפלוס אויף דעם געביט פון דער באַלעט־קונסט איז אַזוי מעכטיק.

שאַגאַל איז קיינמאָל ניט סטאַטיש אין זיינע צייכנונגען, אפילו אין די שטיל־לעבנס. אַלץ שוועבט, באַוועגט זיך, טאַנצט, פאַרמאָגט ריטם און איז גרייט זיך אַרונטערצולאָזן פון לייוונט צו דער ווירק־לעכקייט. אַזוי אַז די אָפטע אָפּשאַצונגען וועגן שאַגאַלס פאַנטאַזיע זיינען אַ ביסל איבערטריבן. שאַגאַל פאַנטאַזירט ניט, ער לעבט איבער, ער איבערזעצט די פאַלקס־אויסדרוקן און פאָלקס־שפּראַך אויפן לייוונט. די טאַנץ־קונסט שטאַמט פון די פּרימיטיווסטע צייטן, איינע פון די ערשטע קונסט־מיטלען פאַרן ציוויליזירטן מענטשן.

פאַר שאַגאַלן איז אַזוי נאַטירלעך צו פילן זיך ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון דער טאַנץ־קונסט און פון דער טעאַטער־קונסט. ביידע שטייען ניט־אָפּ ווייט פון אַקראָבאַט און קלאָון, דערפאַר וואָס אין דעם טשאַרלי טשאַפּלין טיף ווערט אָפּגעשפּיגלט די קאָמעדיע און טראַגעדיע פון מענטשלעכער עקזיסטענץ בכלל. און שאַגאַל איז דאָך פאַראינטערע־סירט אין די פּראָבלעמען פון דער טאָג־טעגלעכקייט, כאָטש מען קאָן מיינען אַז ער פליט אין די הימלען. דאָס פליען איז אָרגאַניש פאַר־בונדן מיט אַן אויסוועג, אָדער לייזונג, אַן ענטפער אויף דער וואָכע־דיקייט, אַ פילאָזאָפישער אויסטייטש.

ער וואונדערט זיך אָפּט פאַרוואָס עס איז אַזוי שווער אים צו פאַרשטיין. און ווען ער ווערט אַנטוישט וואָס מען פרעגט אים אַזעלכע קלאָץ־קשיות וועגן זיינע בילדער, ווילט זיך אים זיך אָפּטשעפּען פון די פרעגער און ער ענטפערט: „איך ווייס אַליין ניט וואָס איך האָב געמאָלן . . . מסתם בין איך ניט מיט אַלעמען . . .״

עס דערמאָנט זיך ווי די ניו־יאָרקער אונטערגעגאַנגענע צייטונג „פּי עם״ האָט אָפּגעגעבן צוויי פולע זייטן צו דער דערעפענונג פון שאַגאַלס אויסשטעלונג אין מוזיי פון מאָדערנער קונסט. זי האָט געשיקט אַ רעפּאָרטער און אַ פאָטאָגראַפער, וואָס האָט גענומען בילדער פון באַזוכער. מיר זעען, למשל, ווי צוויי עלטערע פרויען און אַ יונגע פרוי זיינען פאַרטאָן אין קוקן אויפן בילד. דאָס בילד ווייזט מען ניט, נאָר פון זייערע אינטענסיווע בליקן קאָן מען זיך פאָרשטעלן אַז זיי ווילן דערגיין וואָס דער קינסטלער באַצוועקט. נאָכער זעען מיר ווידער דריי פרויען, צוויי עלטערע און איינע אַ מיטליעריקע און דער אויסקוק פון יעדער איז אַנדערש. איינע קוקט מיט ביטול, די צווייטע איז דערשטוינט, די אינגערע שטייט מיט יראת הכבוד. און אָט זעען מיר צוויי יונגע פרויען מיט אַ יונגערמאַן. ער האַלט די אויגן כמעט פאַרמאַכט, ווי ער וויל זיך אַריינטראַכטן. די פרוי לעבן אים איז זייער אַ שיינע. זי שענקט אויפמערק צו דעם ווייז־פינגער, וואָס די יונגע פרוי שטרעקט אויס צו באַצייכענען אַ פּונקט פון בילד (וואָס מען זעט ניט). נאָך אַ טראַיקע — אַן אינטעלעקטועל אויסזעענדיקער מאַן מיט זיין פרוי און אַ מאַמע אָדער שוויגער. די פרוי רוימט עפּעס איין דעם מאַן, וואָס שמייכלט קוקנדיק אויף אַ בילד און די עלטערע פרוי קוקט באַגייסטערט אויף דעם בילד (וואָס מען זעט ניט). צולעצט קאָן מען איבערציילן אַ זיבן קוקער אויף איין בילד. איין פרוי אין אַ פוטער־מאַנטל, שטייט איינגעבויגן און אַנדערע שמייכלען. אין צענטער זעען מיר ווי עס שטייט שאַגאַל אַליין, אַ מידער, לעבן זיינס אַ בילד.

די רעפּאָרטערקע, סעלמא ראבינסאָן, באַשרייבט וואָס זי זעט און הערט. לאָמיר ציטירן:

„דער עולם האָט זיך באַוועגט לאַנגזאַם פאַרביי קאָלירפולע מאָלערייען פון מענער מיט די קעפּ אַראָפּ; פון כלות מיט צוויי פּנימער; פון פיש מיט פידלען, פון פידלער מיט גרינע צורות, פון שוועבנדיקע קי, שוועבנדיקע געליבטע און מיסטעריעזע רבנים מיט טרויעריקע אויגן״.

זי האָט אויסגעפונען, אַז עס זיינען פאַראַן מער ווי דריי טויזנט באַזוכער ביי דער אויסשטעלונג און אַז אויך דער פּרעזידענט פון מוזיי איז פאַראַן. זי פאָלגט נאָך פאַרשיידענע מענטשן און הערט זיך איין צו זייערע מיינונגען. די מערסטע פאַרשטייען ניט און קאָנען ניט באַגרייפן ווי אַזוי, למשל, אַ קו קאָן האָבן צו טאָן מיט אַ פידל. מען אַרגומענ־טירט צווישן זיך. „ער איז ניט קיין פאָטאָגראַפער. ער נוצט זיין פאַר־שטעלונג־קראַפט". און אַ פרוי ענטפערט: „הלואי וואָלט איך אויך געהאַט אַ פאַרשטעלונג־קראַפט". אימיצער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ ראָ־מאַנטישער רעאַליסט. אַ יונגערמאַן דערקלערט זיין חבר: „מאַך אַ צעטל פון די אַלע זאַכן, די קו, די פיש, דעם פידלער, די כלה, און דו האָסט שאַגאַלן. ער מאַכט ניט קיין קאָמפּאָזיציעס. ער רעכנט אויס. אינגאַנצן אומלאָגיש, נאָר ער האָט אַ פּאַליטרע ווי אַ מלאך".

אַ בחור אַרגומענטירט מיט זיין מיידל ביים בילד „דער געז־בורטסטאָג". ער טענהט: „איך גלויב אַז ער איז עמאָציאָנעל צעטראָגן מחמת פאַרוואָס זאָל ער זיך פאַרנעמען מיט מענטשן מיט די קעפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף? באַטראַכט נאָר אָט דאָס: דער חברה־מאַן שוועבט אין דער לופט און קושט זיין כלה פון אויבן אַראָפּ. איך ווייס ניט ווי דו פילסט וועגן דעם, נאָר ווען איך וואָלט געווען זיין פרוי אָדער אַ פרוי בכלל וואָלט איך זיך געפילט געקרענקט, ניט אַזוי?"

„אפשר האָט ער אַזוי געפילט ווען ער האָט זי געקושט", האָט דאָס מיידל געענטפערט, „ער איז געווען אין דער לופטן, ניט געוואוסט אויף וועלכער וועלט ער איז. דו ווייסט".

דער יונגערמאַן האָט זיך ווידער געקאָכט וועגן שאַגאַלס „קו". און די רעפּאָרטערקע שרייבט, אַז זי האָט באַשלאָסן צו געפינען שאַגאַלן און אים פרעגן וואָס ער מיינט מיט די קי און די כלות.

זי האָט געפונען שאַגאַלן ביי דעם בילד פון אַ פליענדיקן פיש איבער אַ שווינגענדיקן זייגער; אַ מאַנס האַנט און אַ פידל איז געהאנגען פון דעם מויל פון דעם פיש. לעבן אים איז געשטאַנען זיין טאָכטער אידא גאָרדעי, וואָס איז ערשט מיט דריי שעה פריער געקומען צו פליען פון פּאַריז.

די רעפּאָרטערקע האָט אים געפרעגט וועגן דעם בילד. שאַגאַל האָט געענטפערט אַזוי: „די כלה איז מיין ווייב, איידער מיר האָבן חתונה געהאַט. און די קו בין איך". זי פאַרענדיקט: „ער האָט געשמייכלט קינדעריש; געדריקט מיין האַנט און געזאָגט ,אַ גוטע נאַכט'."

די רעפּאָרטערקע האָט באַקומען פאָלגנדיקע אינפאָרמאַציע פון דעם פּובליסיטי דעפּאַרטמענט פון מוזיי: „ווען איר פרעגט שאַגאַלן צו געבן פאַרשטיין זיינע בילדער, ענטפערט ער: „איך פאַרשטיי זיי אינגאַנצן ניט. זיי זיינען ניט ליטעראַטור. זיי זיינען בלויז בילדלעכע אימאַזשן וואָס באַוועלטיקן מיך. די טעאָריעס וואָס איך וואָלט געמאַכט צו געבן צו פאַרשטיין און די וואָס אַנדערע פּרואוון דערקלערן אין פאַרבינדונג מיט מיין אַרבעט — איז נאָנסענס״.

פּאַריס

צו דער געלעגנהייט פון שאַגאַלס 70טן געבוירנטאָג זיינען דער־שינען אַ סך אַרטיקלען אין דער וועלטלעכער פּרעסע. דער פּאָפּו־לערסטער אַמעריקאַנער וועכנטלעכער אילוסטרירטער זשורנאַל „לאַיף" האָט אים באַגריסט אין אַ לייט־קאָלום „וועגן גערואָגטע מענטשן און זייערע אַוואַנטורן", און געשריבן וועגן אים דאָס פֿאָלגנדיקע: „אויף די זייטן 89־85 איז אַ באַרימטער מענטש וועמעס געוואַגטקייטן אין קונסט זיינען געווען אַ חיות און אַ סטימול פֿאַר דעקאַדעס. איצט, צו 70, זאָגט שאַגאַל: „איך האַלט נאָך אין איין שטופּן פּאַריס כסדר, כסדר". ווינטשן מיר אים אַ סך מער אָנגעשטרענגטע יאָרן פון שטופּן פּאַריס".

די אילוסטראַציעס וועגן שאַגאַלן זיינען באַגלייט מיט קאָמענטאַרן. איין פולע זייט באַווייזט אים אין זיין סטודיאָ אין וואַנס מיטן פּענזל אין האַנט, לעבן אַ חתן־כלה בילד, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געהאָט געענדיקט. ער ווערט ציטירט: „איך האָב אָנגעהויבן דאָס־דאָזיקע בילד אין 1930 און עס איז אפשר דורכגעגאַנגען אַ צען שטופּן, צען מאָלונגען. וואָס איז דאָ אין דעם? אַלצדינג. וויטעבסק, וואו איך האָב אָנגעהויבן: פראַנקרייך, פּאַלעסטינע, אַמעריקע, מעקסיקאָ, גריכנ־לאַנד. און דאָך האָט דאָס נייע קינד נאָך ניט קיין נאָמען".

אַ גרויסער קאָפּ אונטערן פּאָרטרעט לייענט זיך: „שאַגאַל צו 70, אַ יונגער אַלטער מייסטער". און דאַן קומט פֿאָלגנדיקער טעקסט אין גרויסן שריפט:

„איך בין מיסטעריעז ווי יעדער איינער", דערקלערט שאַגאַל. „אַז אַ מענטש קאָן גיין אויף צוויי פיס און שטיין גלייך איז אַ וואונדער — איך מיין, דאָס איז אַ רעטעניש. אַ שטיינדל אויך, אַ קו אויך. איך בין ווי אַ בוים אין הימל. „אָט די באַמערקונגען, ווי זיין פּאָעטישע אויטאָביאָגראַפיע, וואָס איז נאָר־וואָס דערשינען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן (אָריאָן פּרעס), זיינען אַ שפּור צו זיינע רוחניותדיקע רעגנ־בויגנדיקע מאָלערייען וואָס האָבן געמאַכט שאַגאַלן באַרימט — פון

ביימער אין הימל, פון מלאכים און ווייך־אויגיקע פֿאַרם־חיות, פון ליבהאָבער און „ביודס", פון עלטערע קרובים וואָס שוועבן אַרום אין דער רוסישער גענטאָ וואו זיי זיינען אויפגעוואָקסן".

איינער פון די ווינציק לעבן געבליבענע ריזן פון אָנהויב פון 20טן יאָרהונדערט וואָס געניסן פון זייער רום, איז שאַגאַל צו 70 — אַזוי ווי זיינע בילדער — ער האַלט אויף זיין אייביקן יוגנטלעכן און שוועבנדיקן גייסט. „איך האַלט אין איין שטופּן פֿאַרויס, כסדר. דאָס לעבן איז אַזוי איינגעשטעלט", זאָגט ער.

רעדנדיק וועגן אַמעריקע: „אין אַמעריקע האָב איך קיינמאָל ניט געפילט, אַז איך לעב אין אימיצנס אַנדערש לאַנד. דאָ זיינען פֿאַראַן כלערליי מענטשן. דערפֿאַר זיינען זיי אַלע פּאַטריאָטן — מיט דער מעגלעכער אויסנאַמע פון טייל אַנאַרכיסטן, פֿאַרשטייט זיך".

לייגט זיך ניט אויפן שכל, אַז שאַגאַל זאָל האָבן אַזאַ אומוויסנדיקן באַגריף וועגן אַנאַרכיסטן, זייענדיק אַליין אַנאַרכיסטיש געשטימט. מעגלעך, אַז דאָס האָט דער רעפּאָרטער שלעכט אויסגעטייטשט זיינע אַ חכמה . . .

אויף אַ צווייטער פולער זייט איז אַ קאָלירט בילד פון דעם „רויטן ייד", און דער טעקסט אונטער דעם לייענט זיך אַזוי: „ ,דער רויטער ייד', וואָס מאַרק שאַגאַל האָט געמאָלן אַרום 1915, האָט ניט נושא חן געווען ביי די סאָוועטישע קונסט־באַאַמטע צוליב דעם אויס־טערלישן, סעמי־קוביסטישן סטיל און מעגלעך צוליב דער טעמע. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, איז שאַגאַל געווען אַזוי פּאָפּולער, אַז ער איז געוואָרן אַ קונסט־קאָמיסאַר, געווען דער הויפּט פון אַן עקספּערימענטאַלער שול און געהאַט אַן אויסשטעלונג אין ערמיטאַזש מוזיי. אין 1922 האָט מען אים משלח געווען פון זיין אַמט און פֿאַר־ווערט זיין שאַפֿן. ער איז אַוועק קיין פראַנקרייך און זיין קונסט איז פֿאַרמשפּט געוואָרן צו ליגן אין די קעלערן".

ניט איינמאָל איז אויסגעקומען צו לייענען מאָדנע באַהויפּטונגען פון שאַגאַלן, אָדער וועגן אים. אַ ביסל ווייטער וועלן מיר זיך גענויער אָפּשטעלן אויף דעם. שאַגאַל איז ווייט פון פּאָליטיק, נאָר ער דאַרף זיכער וויסן וואָס מען שרייבט אין זיין נאָמען.

אויף דער דריטער זייט פון דעם „לאיף" נומער איז פֿאַראַן אַ זייט מיט צוויי פּאָטאָגראַפֿישע בילדער מיט שאַגאַלן. אויף איינעם זעט מען אים אין אַ נייער ראָל — דער זיידע מיט צוויי זיסע אייניק־

לעך, אידאַס אַ אינגל און אַ מיידעלע, צוזאַמען מיט אידאַן. אַלע לאַכן נאַטירלעך. דאָס מיידעלע איז אַ קאָפּיע פון אידאַן. דעם אינגלס פּנים זעט מען ניט. ער איז אויסגעדרייט צום קוועלנדיקן זיידן. דאָס צווייטע בילד איז פון שאַגאַלן הינטער די קוליסן פון דער פראַנצויזישער אָפּערא, וואו ער פאַרברענגט מיט די באַלערינעס פון „דאפניס און כלאָע", פאַר וועלכן ער האָט געצייכנט די דעקאָראַציעס און קאָסטיומען: עס ווערן ציטירט שאַגאַלס ווערטער וועגן זיין ראָל אין דעם באַלעט. „איך האָב געוואָלט אַז עס זאָל זיין אַ שידוך פון קאָליר, ליכט, מוזיק און באַוועגונג, פיר עלעמענטן, פיר סעזאָנען, פיר טראַנזיציעס פון לעבן צו טויט".

אויף דער פּערטער זייט ווייזט זיך אַ בילד פון שאַגאַלן מיט זיין וואַוואַן, ווי זיי רייסן פּאָמעראַנצן ביי זיך אין גאָרטן אין וואַנס. דאָס אַנדערע בילד איז פון זיין אייניקל בעלא. שאַגאַל האָט אָנגעהויבן מאַכן אַ בילד פון איר. ער זאָגט וועגן דעם: „איך האָב געפּרוּווט צייכנען די קינדער לעצטן מאָל ווען כ'בין דאָ געווען. נאָר איך קאָן זיי ניט מאָלן. איך קאָן ניט אָנגיין. איך שמעלץ, איך שמעלץ, ווי זיי קוקן אויף מיר! בעלא איז ווי אַ שווייצאַרישע צירונג".

צו זיין 70־יאָריקער געבוירנטאָג פייערונג האָט דער חודש־זשורנאַל "יידישע קולטור", ניו־יאָרק, מערץ 1958, געווידמעט אַ סך פּלאַץ לכבוד דעם קינסטלער.

דר. ה. לובין האָט געהאַט אַן אָפּשאַצונג „מאַרק שאַגאַל — קינסטלער און ייד". ער גיט איבער ביאָגראַפישע שטריכן פון שאַגאַלן און פּרוּווט פּאָפּולער מאַכן אַ צאָל פון זיינע באַרימטע בילדער.

עס ווילט זיך אָפּשטעלן דאָ אויף דעם טייל פון אַרטיקל אין וועלכן דר. לובין רעדט וועגן שאַגאַלס תנך־אילוסטראַציעס, וואָס זיינען דערשינען אין 1956. מיר ציטירן:

„דאָס לעצטע ווערק האָט פאַר אונדז יידן גאָר אַ וויכטיקע באַדייטונג. דורך די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער האָט די קירך און אירע מאָלער אָפּט געמאָלן טיפּן און עפּיזאָדן פונם אַלטן טעסטאַמענט. דאָ און דאָרטן האָט זיך אייניקע איינגעגעבן צו קומען נאָענט צום יידישן באַגריף פון דער ביבל, ווי רעמבראַנדט און ווּם. בלעיק. די אַנדערע, ווי אפילו מייקעלאַנדזשעלאָ מיט זיין ריזיקן „משה" און „יהוה" האָבן די טיפּן אַ היפּש ביסל פאַרגויאישט.

„שאַגאַל, דער ייד, האָט גאָר אַן אַנדער צוגאַנג. זיינע טיפּן

זיינען יידן פון אַ גאַנץ יאָר — מיט קאַפּאָטע, שטריימל און באָרד און פּאות. זיי זיינען פאָלקסטימלעך, זיי ציען זייער טראַדיציע פון די אַמאָליקע אילוסטרירטע כתב־ידן, הגדות און מגילות.

„,אברהם אבינו', וואָס טרויערט אויפן טויט פון זיין ווייב שרה, איז אַ פּשוטער ייד מיט אַ הדרת פּנימדיקער באָרד, געקליידט אין אַ קאַפּאָטע און שטריימל. אברהם, וואָס פאָלגט נאָך די מלאכים ביים צעשטערן סדום, איז אַ קליינשטעטלדיקער רב מיט אַ שטריימל (וואָס דערמאָנט שטאַרק אין ר' יוזיפל פון שלום־עליכם) פול מיט צער און ווייטיק וואָס אַ שטאָט ווערט צעשטערט. ,יעקבס חלום' שטעלט ווידער פאָר אַ יידן מיט אַ קאַפּאָטע, וואָס האָט זיך צוגעלייגט אין פעלד פאַר אָפּרו פון זיינע וואַנדערונגען.

„שאַגאַלס צוגאַנג צום תנך איז אַ תמימות־ווירדיקער און אַ יראת־הכבודיקער. די הויפּט פיגורן זיינען מאָנומענטאַליש פּאַטריאַרכאַל און אין אַ געוויסן זין סטאַטיש. נישטאָ דאָ קיין געפּיל פון פאַרהייליקונג, נאָר אַ טיפער געפיל פון מענטשלעכער טראַגיק און דערהויבונג".

אין אַן אַנדער שטעל זאָגט דר. לובין: „אויף דער וועלט־אַרענע האָט שאַגאַל אַרויסגעפירט די העלדן פון דעם ,צאינה וראינה', דעם טייטש־חומש, מיטן גאַנצן חן פון יידישן פאָלקלאָר, און באַמאָלן זיי ווי זיי שטייען און גייען מיט די פאַרקרימטע היטלען, צעקנייטשטע קאַפּאָטעס און קאָלטענעוואַטע בערד, ווי אין זיין בילד ,דער בעטלער'."

נאָך צוויי אַרטיקלען אין דעם נומער זיינען פון שאַגאַלן אַליין, איבערגעדרוקטע. איינער איז וועגן ביאַליקן, געשריבן גלייך נאָך דעם דיכטערס טויט אין 1934, פאַר די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער". שאַגאַל דערציילט אויף זיין שטייגער פערזענלעכע עפּיזאָדן פון זיין באַגעגעניש מיט ביאַליקן. (דער אַרטיקל ווערט איבערגעגעבן אין צווייטן טייל). עס ווילט זיך ציטירן איין שאַגאַלישן פּאַראַגראַף:

„עכטע קינסטלער און פּאָעטן פאַרברענגען סוף כל סוף זייער לעבן אין נאָמען פון דעם פאָלק, און זיי ווילן נאָר איינס — ליבע. און ווען די יידן, ווי די גאַנצע מענטשהייט, האָבן פאַרלוירן די אַלטע פאָרם פון רעליגיע — איז אונדז געבליבן קונסט, פּאָעזיע און ליבע . . ."

דער צווייטער איבערגעדרוקטער שאַגאַל אַרטיקל באַשטייט פון אַ רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן אויף דעם אַלוועלטלעכן „ייוואָ"־צוזאַמענפאָר אין ווילנע, אין אויגוסט 1935, פאַר אַן עולם פון 1,800 דעלעגאַטן און געסט. (אויך די רעדע ווערט איבערגעגעבן צום סוף).

עס ווילט זיך דאָ ציטירן בלויז אַ פּאָר שטעלן.

„דווקא איצט, אין דער שרעקלעכער צייט, אין דער צייט פון היינטמאָדישן אַנטיסעמיטיזם, ווילט זיך מיר אַן איבעריקן מאָל אונ־טערשטרייכן, אַז איך בין אַ ייד. דערמיט אַליין בין איך נאָך מער אינטערנאַציאָנאַל אין גייסט.

„ווען די יידישע פּאָעזיע, די יידישע ליטעראַטור וואָלט געווען באַהאָפטן מיט אַנדערע קונסט־צווייגן בכלל און מיט דער פּלאַסטישער קונסט בפרט, וואָלט עס זי געמאַכט נאָך רייכער, וואָלט עס פאַרשטאַרקט איר שוואונג סיי אין גייסט, סיי אין סטיל".

די יאָרן מאַכן שאַגאַלן פּאָפּולערער און, גליקלעכערווייז, פּראָ־דוקטיווער. צו זיין 75־יאָריקן געבורטסטאָג און וואָס ווייטער, אי־בערראַשט ער אונדז מיט זיין אַרבעטזאַמקייט און דערפינדערישקייט.

דער אָנגעזעענער און איינפלוסרייכער וואָכנבלאַט „ניוסוויק" פון ניו־יאָרק, ווידמעט אַ סך פּלאַץ צו דעם וואָס ער רופט אָן „די שאַגאַל־אָפּער". דער זשורנאַל האַלט דאָס פאַר אַ וויכטיקער געשעעניש אין דער וועלט פון קונסט און אפילו מער ווי דאָס, ווי אַ נאַציאָנאַלער ענין פון פראַנקרייך.

עס האַנדלט זיך וועגן דעם באַרימטן סופיט פון דער פּאַריזער אָפּערא, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין 1870ער יאָרן ווי אַ מאָנו־מענט צו נאַפּאָלעאָן דעם דריטנס צווייטע אימפּעריע. אַנדרע מאַלראָ, דער באַרימטער נאָוועליסט און קונסט־קריטיקער און דעגאָלס קולטור מיניסטער, האָט באַשטעלט ביי שאַגאַלן אַ נייעם סופיט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון פּראָטעסטן. נאָר לאָמיר הערן וואָס „ניוסוויק" האָט אויסגעפונען:

„די שוועבנדיקע נאַקעטע יונגפרויען (אויפן סופיט) זיינען פּלוצ־לונג געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער אוצר, וואָס טאָר ניט פאַרשוועכט ווערן פון שאַגאַלן. ,באַליידיקט ניט די צוקונפט', האָט ,פראַנס־אָבסערוואַ־טאָר' געשריען צו מאַלראָן. און איין קריטיקער האָט געשריבן אין ,לע מאָנד', אַז געבן שאַגאַלן מאַכן דעם סופיט איז ווי געבן הילצערנע שיך צו די טענצער פון דער אָפּערא און פאַרשטעלן אָטעלאָן ווי אַ סוחר פון טעפּיכער. אפילו דער ,ראָיאַל אינסטיטוט' פון בריטישע אַרכיטעקטן האָט פּראָטעסטירט קעגן פּראָיעקטירטן סופיט".

„זיין פּלאַץ": דער אַרטיקל אין „פראַנס אָבסערוואַטאָר" רופט אָן שאַגאַלן אַ פּאַסטאָראַלער פּאָעט „פון דער געטאָ", און אַן אַרטיקל

אין „פּאַרי־מאַטש" האָט געהאַט אַ קאָפּ: „אַ גרויסער מאָלער אין זיין פּלאַץ", אַנאָנסירנדיק אַז דער ישראל־פּאַרלאַמענט וועט דעקאָרירט ווערן פון שאַגאַלן. „איז מיין פּלאַץ, איר זעט", האָט געזאָגט שאַגאַל, „אין ישראל וואו איך באַלאַנג".

בערנאַרד אַנטאָניאָז, דער פּרעסע־באַאַמטער ביים קולטור־מי־ניסטעריום, האָט געגעבן אָנצוהערן אַז גלייך פון אָנהויב אָן איז די פראַנצויזישע פּרעסע און די קריטיק געווען קעגן דעם סופּיט. „זיי זיינען געווען קעגן דער אידייע, אַז אַ מאָדערנער יידישער מאָלער זאָל מאָלן די שויבן פאַרן קאַטעדראַל אין מעץ, וועלכער איז גאָטיש", האָט געזאָגט אַנטאָניאָז.

„זיי זיינען אויך געווען קעגן דער שאַגאַל־אויסשטעלונג אין די טיולערי גערטנער, דערקלערנדיק, אַז דאָס וועט זיין אַ פאַרשוועכונג קעגן די גאָרטנס. נאָר 130,000 באַזוכער זיינען געקומען און שפּעטער האָט יעדערער גראַטולירט מאַלראָון".

שאַגאַל האָט דערקלערט וועגן דעם ענין: „איידער דאָס אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן, האָט קיינער ניט גערעדט וועגן דעם סופּיט פון דער אָפּערא. קיינער האָט אים ניט פאַרטיידיקט אַן און פאַר זיך . . . ,ל'אָפּער שאַגאַל' קוקט אויס צו זיין אַ קולטורעלער אויפברויז פון דעם צייטיקן דעגאָליסטישן נעאָ־נאַציאָנאַליזם, און די פּאַריזער אָפּערא איז אַ סימבאָל פון פראַנקרייך וואָס שטרענגט זיך אָן צוריק אויפצוואַכן". שאַגאַל, פול מיט אָנגערירטע געפילן, זאָגט פשוט: „איך פאַרגעטער דעם טעאַטער און איך בין אַ מאָלער. איך האַלט אַז דיביידע זיינען אַ פּאַסיקער ליבעס־שידוך. מיט מיין גאַנצער נשמה וועל איך דאָס פּרואוון באַווייזן נאָכאַמאָל".

צום אַרטיקעלע ווערט געגעבן שאַגאַלס אַ פּאָרטרעטל און אַ בילד פון סופּיט פון דער אָפּערא. אינטערעסאַנט איז דער ערשטער פּאַראַ־גראַף פון דעם קאָלום:

„איך האָב מורא", האָט געזאָגט מאַרק שאַגאַל. כאָטש די וואָלקנס זיינען געווען אָנגעלאָדן מיט מיטלענדישן רעגן, איז אָבער די אַטמאָ־ספערע ניט געווען אַזעלכע צו דערוועקן מורא. די פייגנבוימער האָבן זיך גערייפט, בלויע מושקאַט־הענגלטרויבן אַרום דעם ווייס־געוואַ־שענעם הויז אין וואַנס. נאָר דער 76־יעריקער אַרטיסט האָט אויס־געקוקט באַזאָרגט. „איך האָב מורא געהאַט אַז איך וועל קיינמאָל ניט פאַרענדיקן די שויבן פון דער סינאַגאָגע (פון ירושלימער מעדיצינישן

צענטער). איצט האָט איך דעם זעלבן געפיל. איך מוז אַרבעטן דעם גאַנצן ווינטער אויפן סופיט און אפשר אויך דעם קומענדיקן זומער ... דעם קומענדיקן זומער. מיר וועלן זען".

און דערפאַר וואָס שאַגאַל איז געוואָרן אַזוי באַרימט אויף דעם נייעם געביט פון די שויבן אין ירושלים, וועט זיין נויטיק איבער־צוגעבן אַ פּאָר אויסצוגן פון דער רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן ביי דער דעדיקאַציע פון די שויבן אין ירושלים. (די גאַנצע רעדע ווערט איבערגעגעבן אין צווייטן טייל).

„איך פיל ווי די קאָלירן און ליניעס פליסן ווי טרערן פון מיינע אויגן, כאָטש איך קלאָג נישט. און מיינט ניט אַז איך רעד אַזוי מחמת שוואַכקייט. פאַרקערט, מיט די יאָרן ווער איך מער זיכער אין דעם וואָס איך וויל און מער איבערצייגט אין דעם וואָס איך זאָג.

„איך ווייס אַז דער וועג פון אונדזער לעבן איז אייביק און קורץ, און נאָך זייענדיק אין דער מאַמעס טראַכט, האָב איך געלערנט צו גיין אויף דעם וועג מיט ליבע איידער מיט האַס.

„איך האָב געזען די בערג פון סדום און דעם נגב, דורך זייערע שפּאַלטן האָבן זיך באַוויזן די שאָטנס פון אונדזערע נביאים אין זייערע געלבלעכע מלבושים, דער קאָליר פון טרוקענעם ברויט. איך האָב געהערט זייערע פּאַרצייטיקע ווערטער. האָבן זיי דען ניט ריכטיק און אמתדיק געוויזן אין זייערע ווערטער ווי זיך אויפצופירן אויף אונדזער ערד און מיט וועלכע אידעאַלן צו לעבן?"

צו זיין 75־יאָריקן געבוירנטאָג האָט די פראַנצויזישע רעגירונג באַערט שאַגאַלן מיט אַן אָנערקענונג, וואָס זייער וויניק קינסטלער האָבן דערצו זוכה געווען און זיכער איז שאַגאַל דער ערשטער ייד וואָס איז אַזוי באַערט געוואָרן.

די רעגירונג האָט אַרויסגעלאָזט אַ פּאָסט־מאַרקע פאַר 85 סאַנטים, וואָס טראָגט אויף זיך שאַגאַלס באַרימט בילד „די חתן־כלה פון אייפל טורעם". די מאַרקע איז גרויס און איז רעפּראָדוצירט אין זעקס פאַרבן. מען זעט ווי חתן־כלה — עכט יידישע — פליען, אַרומגענומען, אָנ־געלענט אויף אַ האָן, אויפן שפּיץ פון אייפל טורעם. און נאָך שטריכן זעט מען — וויטעבסקער אָרימע הייזלעך, אַ ציג, אַ יידישן קלעזמער מיט זיין באַס, די זון, אַ מלאך מיט אַ מנורה, אַ בוים . . . אונטערן בילד איז געדרוקט: מ. שאַגאַל.

אינטערעסאַנט איז, אַז די מאַרקע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צו

דעם אינטערנאַציאָנאַלן פילאַטעליסטן סאַלאָן, צו וועלכן עס זיינען געקומען די אָנגעזעענסטע קאָלעקציאָנערן פון דער וועלט קיין פּאַריז. דער פּאַריזער שטאָט־ראַט האָט אויך ביי דער געלעגנהייט באַשלאָסן אויסצודריקן זיין אָנערקענונג צו שאַגאַלן, דורך צוטיילן אים דעם „ווערמעי" מעדאַל פון דער שטאָט פּאַריז.

אַ חוץ דער מאַרקע האָט דער פּאָסט־מיניסטעריום באַשלאָסן אַרויסצולאָזן פּאָסט־קאַרטלעך און קאָנווערטן מיט רעפּראָדוקציעס פון שאַגאַלס בילד און מיט זיין פּאָרטרעט.

ווען די מאַרקע איז נאָר־וואָס דערשינען, האָט די פּאָסט געלייגט אַ ספּעציעלן שטעמפּל אויף די מאַרקעס, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען אַ פראַגמענט פון שאַגאַלס בילד.

דער פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס", ל. לענעמאַן, דערציילט, אַז דאָס שטעטל וואַנס, וואו שאַגאַל וואוינט, האָט געשלאָגן אַלע רעקאָרדס אויף דעם געביט.

„די 13 טויזנט איינוואוינער פון וואַנס האָבן איצט געוואָלט באַ־וויזן, אַ פּנים, ווי שטאַרק זיי שטאָלצירן מיט מאַרק שאַגאַלן, דעם ערן־בירגער פון דער שטאָט. לויט אַ ספּעציעלער ווענדונג האָט די פּאָסט אַהינגעשיקט אַ באַזונדער גרויסן טראַנספּאָרט פון שאַגאַל־מאַרקעס. אין ערשטן עמיסיע־טאָג האָבן זיך אויסגעשטעלט לאַנגע רייען מענטשן, וועלכע האָבן די מאַרקעס מיט די קאַרטלעך צעכאַפּט. שוין אין די מיטאָג־שעהן האָט זיך געשאַפן אַ „שוואַרצער מאַרק", צו דריי און פירפאַכע פּרייזן.

„ביי דער צערעמאָניע פון דערלאַנגען שאַגאַלן דעם מעדאַל, האָט דער פּאָסט־מיניסטער, זשאַק מארעט, זיך געווענדט צו שאַגאַלן און געזאָגט: „איר ווייסט, מיין ליבער מייסטער, אַז ס'איז איצט דאָס ערשטע מאָל, ווען איך וועל קאָנען זיך דערלויבן צו קויפן אייערס אַ בילד . . . איך קויף גלייך די פּאָסט־מאַרקע און דאָס קאַרטל מיט אייער בילד . . . צו קיין אַנדער בילד, פון אייער פּענזל, קאָן איך ניט צוקומען . . ."

און אפשר איז דאָס געווען דער בעסטער ענטפער צו דעם שיפען פון די פראַנצויזישע אַנטיסעמיטן און צו די אַנטיסעמיטן איבער גאָר דער וועלט.

אין זיין אויסגאַבע פון נאָוועמבער 6, 1964 האָט דער פּאָפּולערער וועכנטלעכער זשורנאַל „טאַים" געווידמעט אַ סך פּלאַץ שאַגאַלן לכבוד

דעם נייעם סופיט פון דער פּאַריזער אָפּערא. ער האָט געשריבן, צווישן אַנדערן:

„שאַגאַל, וועלכער איז 77, האָט פאַרענדיקט די לעצטע שטריכן, שוויצנדיק אויף אַ 70־פוסיקן סקעפּאָלד . . . די גאַנצע אויפגאַבע האָט געדויערט אַ יאָר צייט. ער האָט גענוצט 400 פונט פאַרב און האָט יעדעס פּיצל דערפון געמאַכט מיט דער אייגענער האַנט. זיין באַליבטער קאָמפּאָזיטאָר מאָצאַרט פאַרנעמט אַ העלפט פון דעם גרויסן בלויען דרייעק מיט די נאַקעטע מלאכים און אַ פויגל וואָס שפּילט די צויבער־פליים. מוסאָרגסקיס ,מאָריס גאָדונאָוו׳, טשייקאָווסקיס ,שוואַנען אָזערע׳, ראַוועלס ,דאַפניס און כלאָע׳, דעביוסיס ,פּעלעאַס און מעליסאַנדע׳, בערליאָזעס ,ראָמעאָ און דזשוליעט׳, און וואַגנערס ,טריסטאַן און איזאָלדע׳.״

ניט בלויז ווערט שאַגאַל פּאָפּולערער וואָס עלטער ער ווערט, און צייטונגען און זשורנאַלן אָנערקענען זיין נייעם ווערט, נאָר אין אַ צאָל ביכער פון פּראָמינענטע קינסטלער הייבט ער אָן פאַרנעמען אַ זייער חשובן אָרט.

אין 1964 איז דערשינען (אין מעקגראָ־הילטאָן פאַרלאַג) דאָס בוך „לאַיף וויט פּיקאַסאָ״ (דאָס לעבן מיט פּיקאַסאָן) פון זיין פריערדיקער פרוי פראַנקואַיז זשילאָ און דעם שרייבער איבער קונסט, קאַרלטאָן לעיק.

עס ווילט זיך דאָ איבערגעבן געקירצט וואָס זי דערמאָנט וועגן די באַציאונגען צווישן די צוויי מייסטערס — שאַגאַל און פּיקאַסאָ. דער אויפמערקזאַמער לייענער, וואָס וויס די אומשטאַנדן אין וועלכע שאַגאַל, דער ייד, האָט זיך געפונען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, וועט שאַקירט ווערן פון דעם אופן ווי אַזוי שאַגאַל ווערט באַהאַנדלט אין בוך, נאָר עס ווילט זיך איבערגעבן אַזוי ווי ס׳איז דערשינען, אָנהויבנדיק אויף זייט 280:

„די מערסטע שרייבערס און מאָלערס וואָס האָבן פאַרלאָזט פּאַריז צו פאַרברענגען די מלחמה־יאָרן אין אַמעריקע זיינען צוריקגעקומען קיין פראַנקרייך אַזוי גיך ווי זיי האָבן געקאָנט, נאָך דער באַפרייאונג (פון פּאַריז). שאַגאַל איז געווען איינער פון די לעצטע צוריקצוקומען. בעלאַ, זיין פרוי, איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1944 און אין אַ צייט אַרום האָט ער באַגעגנט אַן ענגליש מיידל מיטן נאָמען ווירדזשיניא און ער האָט געהאַט אַ זון מיט איר. ער האָט פּאַבלאָ׳ן געשיקט אַ בילד פון אים. פּאַבלאָ איז, ווייזט אויס, געווען גערירט, מחמת ער

האָט אויפגעהאַנגען די פאָטאָגראַפיע פון שאַגאַלס זון אין זיין שלאָפ־צימער.

„אין עטלעכע חדשים אַרום איז שאַגאַל אָנגעקומען אין דער מידי. ער האָט געוואָלט מאַכן טעפּעריי אין די רעמיס און ער איז אַריבער־געקומען גרייט צו נעמען זיך צו דער אַרבעט. דאָס איז געווען ניט דערלאָזבאַר פאַר פּאַבלאָן. זיין ליבשאַפט פאַר שאַגאַלן איז ניט געווען געבויט דאָס אַריבערצוטראָגן און ער האָט דאָס אַרויסגעוויזן.

„ענדלעך האָט שאַגאַל אויפגעהערט קומען. מען האָט זיך ניט געהאַט געאַמפּערט; בלויז וואָס פּאַבלאָ איז געווען אַ סך ווינציקער ענטוזיאַסטיש זינט שאַגאַל איז צוריקגעקומען. נאָר אָפיציעל זיינען זיי געווען גוטע פריינט.

„אַרומגערינגלט פון דאַרע פרויען איז ער געווען אין אַ שלעכטער שטימונג און ער האָט באַשלאָסן אויף אימיצן דאָס אויסצולאָזן. ער האָט אָנגעהויבן מיט שאַגאַלן, זייער סאַרקאַסטיש.

„ ,מיין טייערער פריינט', האָט ער געזאָגט, ,איך קאָן ניט באַגרייפן פאַרוואָס, ווי אַ לאָיאַלער, אפילו אַן איבערגעגעבענער רוס, האָט איר קיינמאָל ניט באַטראַכטן אייער אייגן לאַנד מער. איר גייט אומעטום אַנדערש־וואו. אפילו קיין אַמעריקע. נאָר אַצינד, זינט איר זייט דאָ צוריק ווידער און זינט איר זייט געקומען אַזוי ווייט, פאַרוואָס ניט גיין אַ ביסל ווייטער און זען וואָס אייער אייגן לאַנד טוט נאָך די אַלע יאָרן?'

„ער האָט געגעבן פּאַבלאָן אַ ברייטן שמייכל און געזאָגט, ,מיין טייערער פּאַבלאָ — נאָך אייך. נאָר איר דאַרפט פאָרן פריער. פון דעם אַלעם וואָס איך הער, זייט איר זייער באַליבט אין רוסלאַנד, נאָר ניט אייער מאָלעריי. נאָר ווען איר ווערט זיין דאָרט און דאָס אויס־פּראָווון אַ ווייל, וועל איך אפשר אייך נאָכפאָלגן. איך ווייס ניט; מיר'ן זען ווי איר ווערט אויפטאָן'.

„דאַן איז פּאַבלאָ פּלוצלונג געוואָרן בייסיק און אַ זאָג געטאָן, ,מיט אייך, דוכט מיר, איז דאָס אַן ענין פון געשעפט. דאָרט קאָן מען קיין געלט ניט מאַכן'. דאָס האָט געמאַכט אַ סוף צו דער פריינטשאַפט, גלייך אויפן אָרט. די שמייכלען זיינען נאָך געבליבן ברייט און אָנ־געזען, נאָר די אינוענדאָס זיינען געוואָרן קלאָרער און קלאָרער. און בעת מיר האָבן פאַרלאָזן, זיינען געווען צוויי מתים אונטערן טיש. פון יענעם טאָג אָן האָבן פּאַבלאָ און שאַגאַל מער ניט אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן.

„ווען איך האָב געזען שאַגאַלן גאָר לעצטנס איז ער נאָך אַלץ געווען צעווייטיקט פון יענעם פאַל. „אַ בלוטיקער ענין׳, האָט ער דאָס גערופן.

„ווירדזשיניא האָט פאַרלאָזן שאַגאַלן און מיר האָבן זיך געטראָפן מיט שאַגאַלס טאָכטער, אידאַ. זי איז געווען זייער צעטראָגן צוליב ווירדזשיניאַס פאַרלאָזן. „פּאַפּאַ איז אַזוי אומגליקלעך׳. פּאַבלאָ האָט אָנגעהויבן לאַכן. „לאַכט ניט׳, האָט אידאַ געזאָגט. „עס קאָן פּאַסירן צו אייך׳. פּאַבלאָ האָט גענומען העכער לאַכן. „דאָס איז די לעכערלעכסטע זאַך וואָס כ׳האָב ווען־ס׳איז געהערט׳, האָט ער געזאָגט.

„נאָר ניט געקוקט אויף די פּערזענלעכע צוויסטיקייטן מיט שאַגאַלן, האָט פּיקאַסאָ פאַרגעזעצט צו האָבן גרויס רעספּעקט פאַר אים ווי אַ מאָלער. איינמאָל ווען מיר האָבן דיסקוטירט שאַגאַלן, האָט פּאַבלאָ געזאָגט: „ווען מאַטיס וועט שטאַרבן, וועט שאַגאַל זיין דער איינציקער מאָלער, געבליבענער, וואָס וועט פאַרשטיין וואָס קאָליר מיינט. איך בין ניט באַגייסטערט פאַר די דאָזיקע העגער און אייזלען און פליענ־דיקע פידלען און דעם גאַנצן פאָלקלאָר, נאָר זיינע לייוונטן זיינען באמת געמאָלן, ניט בלויז אָנגעוואָרפן. אַ צאָל פון זיינע זאַכן וואָס ער האָט געמאַכט אין וואַנס איבערצייגן מיך, אַז עס איז ניט געווען קיינמאָל קיינער זינט רענואַ, וואָס האָט דאָס געפיל פאַר ליכט וואָס שאַגאַל האָט״.

„לאַנג נאָכדעם האָט שאַגאַל מיר געזאָגט זיין מיינונג וועגן פּי־קאַסאָ. „וואָס פאַר אַ געני, דער פּיקאַסאָ׳, האָט ער געזאָגט. „ס׳איז אַ רחמנות וואָס ער מאָלט ניט׳.״

איינער פון די גרעסטע פאַרלאַגן וואָס באַדינט די אַקאַדעמישע ספערן פון אַמעריקע, בארנס און נאָבל, האָט אין 1963 אַרויסגעגעבן דאָס אילוסטרירט ביכל „מאַרק שאַגאַל״, פון דזשאַק דאמאסי. ס׳איז באַצוועקט פאַרן סטודענט און איז מער אינפאָרמאַטיוו ווי אָפּשאַצעריש.

דער מחבר לאָזט שאַגאַלן אַליין רעדן און דורכדעם באַקומט דער לייענער אַן ערשט־האַנטיקע פאָרשטעלונג וועגן מייסטער. עס ווערט, למשל, קלאָר פאַרוואָס שאַגאַל האָט געמאָלן קי און קעלבער. ער דער־ציילט: „ניט ווייט אַוועק זיינען בהמות געשלאָכט געוואָרן, קי האָבן געמוהעט און איך האָב זיי געמאָלן״. אויך דערציילט ער אַז ער האָט ליב געהאַט צו אַרבעטן נאַקעטערהייט. טעאָריע און טעכניק האָבן אים ניט געהאָלפן אין דער אַרבעט. „איך האָב אַלץ צו פאַרדאַנקען דעם לעבן״.

שאַגאַל גלויבט שטאַרק אין דעם כעמישן צוזאַמענשטעל פון זיין טעמע פאַר אַ בילד. אים איז, למשל, שטאַרק געפעלן פראַנץ מארקס בילד, „אַ ווינט אין פעלד", דערפאַר וואָס עס האָט ניט בלויז געדאַנקען, נאָר אויך כעמישקייט.

אויף דער פראַגע וואָס ציט אים אַזוי צו מאָלן קלאָונס, ענטפערט ער: „ווער איז דען ניט קיין קלאַון, אפילו אָן אַ מיצל? אַ סך מענטשן שאַפן זייער אייגענעם צירק, אַזוי אַז זיי דאַרפן ניט באַזוכן דעם צירק".

דאָס ביכל ציטירט דזשוליען קעינ׳ס מיינונג, אַז מען קאָן ניט פאַרשטיין די קונסט פון מאַרק שאַגאַל, ניט האָבנדיק לכתחילה פאַר־שטאַנען זיין דורכאויס קאָמפליצירטע פערזענלעכקייט און האָבנדיק אים נאָכגעפאָלגט דורך זיין לעבן וואָס איז אַזוי רייך אין געשעענישן.

בלויז דער וואָס האָט טאַקע מיטגעלעבט מיט שאַגאַלן וועט קאָנען פאַרשטיין פאַרוואָס, דערלעבנדיק דעם טריאומף מיטן סופיט פון דער פאַריזער אָפּערא, האָט ער זיך דערמאָנט אין זיינע עלטערן, זאָגנדיק: „ווען מיין פאָטער און מוטער וואָלטן דאָ געווען . . . אָבער איך פיל אַז זיי זיינען דאָ, לעבן מיר". (ה. נאפטאָלין, „ישראל שטימע", אָקט. 28, 1964).

רעדנדיק וועגן שאַגאַלס דערגרייכונגען פאַרן יאָר 1964 דערציילט ה. אדאם פון פאַריז (אין „יידישע קולטור", ניו־יאָרק, דעצעמבער, 1964) אַז גראָד היי־יאָר איז וועגן שאַגאַלס דערגרייכונגען געשריבן געוואָרן מער ווי אין פריערדיקע יאָרן. ער האָט אין זיבען שאַגאַלס שאַפונגען צווישן 1961 און 1964. ער שטעלט זיך אָפּ אויף דער אויסשטעלונג אין דער פאַריזער גאַלעריי „מעגט"; אויף דער אויסשטעלונג אין דער שטאָט מעץ, וואו שאַגאַל צייכנט זיך אויס מיט זיינע וויטראַזשן; ער גייט אַריבער צו דער קאָלאָסאַלער מאַלעריי אויפן סופיט פון דעם פאַריזער אָפּערא־הויז; דעם וויטראַזש אין יו־ען; דער כבוד פון דער פאָסט־מאַרקע מיט זיין „די חתונה פון אייפל טורעם".

אין 1955 איז אין מינכען, מערב דייטשלאַנד, דערשינען: „צווישן טראום אונד טאַג". צייכנונגען פאָן מאַרק שאַגאַל, מיט איינער איינ־לייטונג פאָן ל. ג. בוכהיים.

די פאָררעדע עפנט זיך מיט אַ שאַגאַל־וויניעטקע: אַ ציגעלע מיט אַ פידעלע. די פאָררעדע פאַרנעמט 8 זייטן. דער שרייבער שטעלט זיך אָפּ אויף דעם לעבנס־וועג פון קינסטלער, אינפאָרמירט דעם לייענער מיט זיין ביאָגראַפיע, ציטירט שאַגאַלס מיינונג וועגן קונסט. די

איבעריקע 40 זייטן פאַרמאָגן שאַגאַל־צייכנונגען און אילוסטראַציעס, הויפּטזעכלעך אויף יידישע טעמעס, ווי „אין דער סוכה", „יום כיפור", „די מגילה". צום סוף איז פאַראַן דאָס ליד „מאַרק שאַגאַל" פון בלעין סענדראַס, אין אַ דייטשער איבערזעצונג.

די „ניו־יאָרק טאַימס" האָט אין איר זונטיקדיקער מאַגאַזין־סעק־ציע, וואָס איז געווען געווידמעט צום נייעם לינקאָלן צענטער פון לייטנדיקע קונסטן, (סעפּטעמבער 11, 1966) אָפּגעגעבן דעם שער־בלאַט צו איינעם פון די קאָלירנדיקע מוראַלן פון שאַגאַלס „דער טרי־אומף פון מוזיק". אין דעם אינהאַלט־פאַרצייכניש איז פאַראַן אַ פאָ־טאָגראַפיש בילד פון קינסטלער ווי ער שטייט ביי זיינער אַ צייכנונג. דאָס פאַרנעמט אַ העלפט פון אינהאַלט רובריק, מיט דער באַשרייבונג, אַז „די צוויי מוראַלן פון 79־יעריקן מאַרק שאַגאַל, וואָס זיינען אויפ־געדעקט געוואָרן לעצטע וואָך אין דעם נייעם מעטראָפּאָליטען אָפּערא הויז אין לינקאָלן צענטער, ווערן באַטראַכט פון דעם קינסטלער ווי הויכפּונקטן פון זיין פּראָדוקטיווער קאַריערע און ווי אַ צייכן פון דאַנקבאַרקייט צו דעם לאַנד פאַר דער אויפנאַמע, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן ווען ער האָט געדאַרפט אַנטלויפן פון דעם אָקופּירטן — דורך די נאַציס — פראַנקרייך, אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה". און ווייטער ווערט דערציילט דעטאַלן פון די מוראַלן.

דאָס שער־בלאַט פון דעם „ניו־יאָרק טאַימס מאַגאַזין" פון זונטיק, דעצעמבער 5, 1965, איז אויך געווידמעט צו שאַגאַלן. אויף דער פולער זייט ווייזט זיך ווי שאַגאַל זיצט און אַרבעט אויף זיין לייוונט פאַר דער סטעליע פון דער פּאַריזער אָפּערא. אין יענעם נומער געפינט זיך אַ לענגערער אַרטיקל פון עדוואַרד ראַדיטי א. נ. „אָרימער קליינער שאַגאַל פון וויטעבסק". דער אַרטיקל איז באַגלייט פון עלף שאַגאַל־צייכנונגען פון פאַרשיידענע פּעריאָדן, אַנהויבנדיק מיט זיין זעלבסט־פּאָרטרעט פון 1908, זעלבסט־פּאָרטרעט מיט זיבן פינגער, 1912, זעלבסט־פּאָרטרעטן, 1914־15, 1938, 1947, 1957.

דער שרייבער זאָגט, אַז ווען ער האָט באַזוכט שאַגאַלן אין פּאַריז, ווען דער קינסטלער איז אַלט געווען 77 יאָר, האָט שאַגאַל זיך כאַ־ראַקטעריזירט ווי דער „אָרימער קליינער שאַגאַל פון וויטעבסק", אין אָנגעזיכט פון זיין גרויסן דערפאָלג מיט זיינע אויפגאַבעס פאַר דער מעטראָפּאָליטען אָפּערא אין לינקאָלן צענטער אין ניו־יאָרק, פאַרן

סופיט אין דער פּאַריזער אָפּערא, פאַרן כנסת אין ישראל, פאַר דער אויסשטעלונג אין טאָקיאָ, א. אַ.

דער מחבר פון אַרטיקל ברענגט אַרויס צוויי אינטערעסאַנטע פאַקטן וואָס שפּיגלען אָפּ שאַגאַלס ווירקונג. ער דערציילט אַז אין מערב־דייטשלאַנד האָבן אַ צאָל דייטשן, וואָס פאַרנעמען פירנדיקע פּאָזיציעס אין לאַנד, זיך פאַרשאַפט שאַגאַל ליטאָגראַפיעס צו פאַרדעקן זייער פאַרגאַנגענהייט און זיי אויפגעהאנגען אויף די ווענט אין זייערע היימען. הויפּטזעכלעך זיינען די שאַגאַל־אַרבעטן אויף יידישע טעמעס . . .

צווייטנס, שטעלט זיך אָפּ דער שרייבער, וועלכער וואוינט אין פּאַריז, אויף דער שלעכטער פינאַנציעלער לאַגע פון די קונסט־הענדלערס אין פּאַריז, וואָס קאָנען ניט פאַרקויפן די בעסער־באַוואוסטע אַבסטראַקטע צייכנונגען, נאָר אַ גאַלעריי וואָס פאַרמאָגט אַ שאַגאַל־צייכנונג אָדער ליטאָגראַף, מאַכט גוטע געשעפטן. עס גייט אַרום אַ ווערטל צווישן די קונסט־הענדלער, אַז אַ שאַגאַל אַ טאָג שטעלט אָפּ דעם באַנקראָט, שרייבט ער.

ווייטער גיט ער איבער פּערזענלעכע שטריכן פון זיין באַגעגעניש מיטן קינסטלער. ער זאָגט, אַז כאָטש שאַגאַל פאַרשטייט און רעדט אויף פאַרשיידענע שפּראַכן, נאָר גאָר היימיש און פליסיק און לעבעדיק פילט ער זיך אין זיין וויטעבסקער יידיש.

ער פאַרענדיקט זיין לאַנגן אַרטיקל מיט פאָלגנדיקן פּאַראַגראַף: „כאָטש ער איז באַרימט אין דער היינטיקער צייט מיט זיין אילוסטרירן הויפּטזעכלעך רוסיש־יידישע טעמעס, וועט ער מסתם געערט ווערן פון קומענדיקע דורות — ווען ס׳וועט ניט בלייבן קיינער צו געדענקען נאָסטאַלגיש אָדער צו דערקלערן דעם קאָמפּלעקס פאָלקלאָר פון דער פאַרשוואונדענער געטאָ — ווי אַן אמת־לירישער מאָלער פון פשוטערע טעמעס וואָס זיינען אינספּירירט געוואָרן פון די אייביקע אמתן פון מוזיק, ליבע און נאַטור״.

מיין לעבן איז אַרבעט

שאַגאַל איז אָפט איינגעלאַדן געוואָרן אויפצוטרעטן מיט רעדעס אָדער האַלטן לעקציעס אין פאַרשיידענע לענדער. ניט איינמאָל זיינען דאָס געווען רעפעראַטן פאַר אַקאַדעמישע אינסטיטוציעס, אַמאָל קורצע באַגריסונגען פאַר אַלגעמיינע אונטערנעמונגען. דער פאַקט וואָס שאַגאַל האָט אָנגענומען אַזעלכע איינלאַדונגען, באַווייזט זיין אינטערעס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און עס איז ניט איינמאָל אַ חידוש וואָס ער האָט דאָס געקאָנט באַווייזן, אי צוליב זיין פאַרנומענקייט, אי צוליב די יאָרן.

ניט שטענדיק אָבער גרייכט זיין וואָרט צום אַלגעמיינעם עולם. עס בלייבט אויף די שפּאַלטן פון דער לאָקאַלער צייטונג און אַמאָל דאָס אויך ניט. וועט דערפאַר זיין אינטערעסאַנט איבערצוגעבן אַ פּאָר אויסצוגן פון איינער פון די לעצטע רעדעס וואָס שאַגאַל האָט געהאַלטן אין חודש מאי, 1963 אין שיקאַגער אוניווערסיטעט. די רעדע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין פּאַריזער ליטעראַרישן וואָכנבלאַט „לעטר פראַנסעז", מיט אַ פאָרוואָרט פון לואי אַראַגאָן, איר רעדאַקטאָר, וואָס האָט געהאַט, צווישן אַנדערן, צו זאָגן דאָס פאָלגנדיקע:

„מיר האַלטן פאַר וועזנטלעך צו געבן אונדזערע לייענער אַ טעקסט, וועלכן מיר האַלטן פאַר אַ געשעעניש, דערפאַר וואָס ער איז פון איינעם פון די גרעסטע מאָלער פון דער מאָדערנער צייט.

„קיינמאָל איז נאָך ניט געקומען אַזוי צום אויסדרוק מיט אַזאַ אינטענסיוויטעט דער מאָראַלישער קריזיס פון די קונסט־שאַפער פון 20טן יאָרהונדערט, ווי דאָס קומט אַרויס אין די באַהויפּטונגען פון מאַרק שאַגאַל.

„עס איז אויך אונדזער פעסטע איבערצייגונג אַז די אַרטיס־טישע שאַפונגען פון שאַגאַל איז אַ הערלעכער און בולטער באַוויז, וואָס לייקנט אָפּ די טעאָריע פון דער פאַטאַלער דעקאַדענץ פון דער קונסט. מען דאַרף כסדר האָבן אין זין די בילדער פונעם מאָלער בעת מען לייענט דאָס וואָס עס ברענגט אַרויס אין זיינע ווערטער אָט דער וואונדערבאַרער קינסטלער".

טיילן פון שאַגאַלס רעדע:

„איך קאָן מיך ניט אָפּהאַלטן פון דערקלערן, אַז די קונסט פון אַזוי געררופענעם וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער, אָדער די קונסט לשם פאַרגעניגן, האָט פונקט ווי די שפּייז קיין דויערנדיקע ווערט. היס־טאָריש קאָן אַזאַ קונסט גאַנץ פּאַוואָלינקע פאַרשווינדן.

„מען זאָגט, אַז אַ גוטער מענטש קאָן זיין אַ שלעכטער קינסטלער. ער וועט אָבער קיינמאָל נישט זיין קיין אַרטיסט, אויב ער איז ניט קיין גרויסער און אויך גוטער מענטש.

„איך ווייס געווי, אַז מאָלן די נאַטור איז איצט נישט אין דער מאָדע ביי געוויסע קינסטלער. מען דערקלערט אַז נאָך אַזעלכע מייס־טער ווי סעזאַן, מאַנע, גאָגען איז שוין ניטאָ מער קיין מעגלעכע גאונות, כדי אָפּצושפּיגלען די נאַטור.

„עס איז אָנגענומען, אַז ווי נאָר מעגלעך מיידט מען אויס די נאַטור. דאָס מאַכט אָבער אויף מיר דעם איינדרוק פון מענטשן, וועלכע ווילן אייך ניט קוקן גלייך אין די אויגן; איך האָב מורא פאַר אָט דעם פענאָמען און ווענד אָפּ מיין בליק פון אָט דעם מענטשן.

„די ענדערונגען סיי אין סאָציאַלן לעבן, סיי אין דער קונסט וועלן אפשר זיין זיכערע, ווען זיי וועלן קומען אויך פון אונדזערע נשמות און ניט בלויז פון אונדזערע קעפּ. וואָלטן מענטשן געלייענט אויפ־מערקזאַם די נביאים, וואָלטן זיי געקאָנט דאָרט געפינען ענטפערס אויף פאַרשיידענע לעבנס־פּראָבלעמען.

„איך שטעל מיר די פראַגע: צי זיינען ניט פאַראַן קיין אַנדערע רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן ווי די וועלכע מיר האָבן איבערגעלעבט?

„עקזיסטירט דען ניט קיין אַנדער באַזע פאַר דער קונסט אויסער דער דעקאָראַטיווער פאָרם, כדי זי זאָל געפעלן ווערן, אָדער גאָר די עקספּערימענטאַלע קונסט און די גרויזאַמע קונסט וואָס וויל איבער־שרעקן די אַנדערע מענטשן?

„ס'איז אפשר קינדעריש און נאַאיוו איבערצוחזרן דעם גרויסן

אמת — וועלכער איז באַקאַנט זייט אַ לאַנגער צייט — אַז די וועלט וועט אין אַלע אירע סעקטאָרן זיך קאָנען ראַטעווען נאָר דורך דער ליבע. אָן ליבע וועט די וועלט טריט נאָך טריט אונטערגיין.

„האָבנדיק אָפּגעלעבט אַ היפּש ביסל יאָרן האָב איך דערקענט די צאָלרייכע שלעכטע זייטן פונעם לעבן און פאַרשטאַנען, אַז עס איז לייכטער אַרויפצוקלעטערן אויפן באַרג מאָן בלאַן, ווי מיינען, אַז מען קאָן איבעראַנדערשן דעם מענטש.

„וואָס שייך דער קונסט האָב איך זייער אָפט געטראַכט וועגן דער פאַרב, וואָס איר נאָמען איז ליבע . . . ס'איז פאַר מיר אַ פאַרגעניגן צו טראַכטן וועגן דער יוגנט, אויף וועלכער מיר לייגן האָפענונגען, אַז זי וועט זיין אַן עכאָ פון אונדזערע אָנשטרענגונגען . . . ס'איז פאַר מיר אַ פרייד צו טרוימען אַז מיין רוף וועט ניט זיין ווי אַ שטים אין דער מדבר." (מער וועגן דעם — אין דער צווייטער טייל).

אָן ערך מיט צען יאָר פאַר דער געהאַלטענער רעדע האָט שאַגאַל געדרוקט אַ פאָררעדע צו אברהם סוצקעווערס ביכל לידער „סיביר", צו וועלכן ער האָט געמאַכט צייכנונגען.

איך האָב פאַר זיך די ענגלישע אויסגאַבע „סייביריא" (פאַרלאַג אבעלארד־שומאַן, 1961) און איך וועל ציטירן פון דער ענגלישער איבערזעצונג פון דער פאָררעדע:

„שאַגאַל דריקט אויס זיין באַגייסטערונג פון סוצקעווערן דעם פּאָעט און דעם קעמפער־פּאַרטיזאַן פון דער ווילנער געטאָ. ער דערציילט אַז דער פּאָעט האָט אים געבעטן צו אילוסטרירן זיין בוך און ער האָט אַוועקגעלייגט אַלץ אין אַ זייט דאָס צו טאָן. ער האָט אים נאָך דאַן ניט געהאַט געקענט פּערזענלעך, נאָר ווען ער האָט אים שפּעטער באַזוכט אין זיין היים, אין וואַנס, און אים געפּרואווט איבערגעבן עפּעס וועגן לעבן אין דער ווילנער געטאָ, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך צוגעהערט צו „אַ דרייצן־יעריק אינגל, מיט אַ בלאַס געזיכט, פון וועמעס מויל שפּאַרן אַרויס צונגען פון רויטן פלאַם". ער שרייבט: „סוצקעווער איז מיר נאָענט צום האַרצן. אַ צאָל פון זיינע פריערדיקע לידער דערמאָנען מיר שטריכן פון מיין אייגענעם וויטעבסק, בעת איך פלעג גיין איבער די גאַסן, איבער די דעכער און קוימענס, טראַכטנדיק אַז איך בין דער איינציקער אין שטעטל און אַז אַלע מיידלעך וואַרטן אויף מיר, און אַז די מצבות אויפן אַלטן

בית עולם הערן זיך צו צו מיר און אַז די לבנה און שטערן פאָלגן מיר נאָך אויף מיין וועג . . .

„נאָר וויטעבסק איז ניטאָ מער און ווילנע אויך ניט — און מיט זיי איז דאָס יידישע לעבן צעטרייסלט געוואָרן. בלויז אַ ווייטער קלאַנג איז פאַרבליבן . . .

„. . . דו האָסט אַ געפיל אַז די צייט איז געקומען ווען מיר יידן זיינען ניי־געבאָרן געוואָרן. מיר זיינען ניט אַ פאָלק וואָס שטאַרבט . . . עס ווערט גריילעך קלאָר אַז וואָס פרייער מיר זיינען, אַלץ יידישער זיינען מיר. און וואָס מער ייד מיר זיינען, אַלץ מער ווערן מיר מענטש . . . מיר זיינען איצט ווינציקער אין צאָל, נאָר שטאַרקער. מחמת אונדזער כוח ליגט אין אונדזער אינערלעכן אמת. קונסט און פּאָעזיע איז באַזירט אויף אַזאַ אמת״.

שאַגאַלס אילוסטראַציעס זיינען איינפאַך, געטריי צום טעקסט. דעם דיכטערס פּאָטער, אַ הויכע שוואַרצע פיגור, מיט אַ שוואַרץ היטל, מיט ווייסע הענט, אַ לבנה, אַ טיש, אַ ברויט מיט אַ מעסער, אַ פידל אין דער לופטן, שניי, פאַרפראָרענע שויבן, אַ פּאָר טונדרע־ביימער. די לידער־פּערזן זיינען אויך שאַגאַליש. נאָך אַ שאַגאַל אילוסטראַציע: דאָס אינגל רייט אויף אַ האָן און דער אָרום פון שניי רייט מיט מיט אים.

שאַגאַל האָט צו מיר אָפּט גערעדט וועגן זיינע אילוסטראַציעס צו ליעסינס ביכער לידער. ער האָט אַ סך געהאַלטן פון יענע אי־לוסטראַציעס, נאָר זייענדיק אין ניו־יאָרק האָט ער די ביכער ניט געזען, כאָטש ער האָט אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג זיי צו באַקוקן.

עס האָט אים געצויגן צו אילוסטרירן ביכער פון יידישע שרייבער, נאָר ער האָט זיך געשראָקן פאַר דעם שלעכטן פּאַפּיר, ביליקן אָפּדרוק און בכלל דאָס ניט אָפּשאַצן פון אַן אילוסטראַציע.

ווען כיל אראָן האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן זיין ווערק „בילדער און געשטאַלטן פון מאָנפּאַרנאַס״ אין פּאַריז, האָט שאַגאַל אים געשיקט אַ יידיש בריוול אין וועלכן ער שרייבט:

„איך האָב באַקומען אייער בוך. איך בין צופרידן וואָס אייער בוך איז ענדלעך אַרויס. עס איז ווי אַ דענקמאָל אי פאַר יידישע קינסטלער, אי פאַר אייך אַליין. ס׳איז גוט אַז כמעט אַלץ וואָס איר האָט געשריבן זאָל בלייבן. איך האָף אַז יידן וועלן עס אָפּשאַצן״.

ווען שאַגאַל איז געווען אין חיפה אין 1957 האָט ער געמאַכט אַ צייכנונג פאַר דער גרופּע יידישע שרייבער וואָס געפינען זיך דאָרט

און די צייכנונג איז אריין אין זייער דערשינענער זאַמלונג „חיפה״. ער לייגט דאָרט אויס חיפה אַזוי — חייפה. זיין נאָמען דערשיינט אין יידיש און אין לאַטייניש שריפט.

ס׳איז אַ שאָד וואָס שאַגאַל וואוינט ווייט פון יידישע שרייבער. די אידעאָלאָגישע צעריסנקייט קרענקט אים. אים איז טייער דאָס יידישע וואָרט.

עס איז מערקווירדיק ווי אינטערנאַציאָנאַל שאַגאַלס נאָמען איז. צו זיין 75טן געבוירנטאָג זיינען דורכגעפירט געוואָרן שאַגאַל־אויס־שטעלונגען אומעטום וואו מען האָט געקאָנט צונויפקלייבן אַ צאָל בילדער זיינע.

אין דעם קליינעם שטעטל לאַ האָיא, אין קאַליפאָרניע, איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן אַ „שאַגאַל 75טער געבוירנטאָג אויסשטעלונג״ און עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פיינער געדרוקטער אַלבאָם, אין בלוי און ווייס. די אויסשטעלונג האָט אָנגעהאַלטן פון אָקטאָבער 1 ביז נאָוועמבער 11, 1962. אין דער פאָררעדע ווערט איבערגעגעבן אַז דאָס איז צום ערשטן מאָל אויפן פאַסיפישן ברעג וואָס מען האָט צונויפגעבראַכט אַזויפיל שאַגאַל בילדער. עס זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן 118 צייכנונגען און ראַדירונגען.

אין דער אינטראָדוקציע פון דזשולס לאַנגסנער זאָגט זיך: „פאַר איבער אַ האַלב יאָרהונדערט האָט ער ווי דורך אַ נס פּרעזערווירט אַ זעלטענע אומשולד פון וויזיע, ניט געקוקט אויף די פאַרשיידענע אומוואַנדלונגען צו וועלכע ער איז געווען אויסגעשטעלט אין די קונסט־קרייזן און ליטעראַרישע קרייזן פון אייראָפּע און אַמעריקע״.

ער שטעלט זיך אָפּ אויף שאַגאַלס יידישקייט און דערקלערט: „אין די לעצטע הונדערט יאָר זיינען געווען ערשט־ראַנגיקע מאָלער און סקולפּטאָרן פון יידישן געבורט, ווי: פּיסאַראָ, מאָדיליאַני, סוטין, פּאַסין, ליפּשיץ, עפּשטיין, מאַן רעי, מארק ראָטקאָ, פיליפּ גאַסטאָן, צווישן אַנדערע. ניט אַזוי ווי יענע אַרטיסטן, האָט שאַגאַל אריינגע־וועבט זיין יידישע ירושה אין דער קאַנווע פון זיינען בילדער. אין דער אמתן, נאָר דורך נעמען אין באַטראַכט אָט־די יידישע ירושה קאָן מען אָפּשאַצן פולער זיין אַרבעט״. און דער שרייבער ווידמעט אַ פּאָר פּאַראַגראַפן צו דעם יידישן לעבן פון אַמאָליקן רוסלאַנד. ער דערקלערט אויך וועגן חסידים און מען געפינט אַן אָפּשפּיגל פון זייער גייסטיקייט אין זיינע ווערק.

דער קונסט־קאַלעקטאָר גערהאַרד פּינקוס איז פּאָרטראַטן אין קאַטאַלאָג מיט אַן אַרטיקל „שאַגאַל ווי אַ גראַווירער". אגב, פאַרמאָגט פּינקוס אַ גרויסע קאָלעקציע פון שאַגאַל ראַדירונגען און ליטאָגראַ־פּיעס. פון צייט צו צייט אראַנזשירט ער אַ פּריוואַטע שאַגאַל אויס־שטעלונג. איך האָב באַזוכט אַזאַ אויסשטעלונג אין לאָס אַנדזשעלעס און דערוויסנדיק זיך אַז איך בין פּערזענלעך באַקענט מיט די שאַגאַלס, האָט ער מיר געוויזן עפּעס וואָס ער האָט ניט געהאַט אויסגעשטעלט: דעם אָריגינאַל פון שאַגאַלס אילוסטראַציע צו פּרצעס „דער קונצנ־מאַכער", וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף אַ שטיקל ביליקן טאָוול פון אַ סידור, מסתם. פּינקוס האַלט דאָס אָפּגעשלאָסן. ער האָט באַצאָלט דערפאַר פינף טויזנט דאָלער, האָט ער מיר געזאָגט, און ער וועט עס ניט פאַרקויפן פאַר צען טויזנט אפילו.

פּינקוסעס אַרטיקל איז באַלערנדיק און אויטאָראַטיוו. ער זאָגט אַז שאַגאַלס קאָלירטע ליטאָגראַפּיעס צו „דאַפנעס און כלאָע", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1961, גייען ווייטער נאָך ווי זיינע „אַראַבישע נעכט" אין אַנטוויקלען קאָליר קאָמבינאַציעס און ביז אַהער נישט געזעענע ברילייאַנץ און פיינקייט.

עס זיינען אין פאַרשיידענע צייטן דערשינען אויסער אָפּהאַנד־לונגען אין זשורנאַלן און צייטשריפטן, ביכער און גרינטלעכע שטודיעס וועגן שאַגאַלס אַרבעט. דאָס וואָגיקסטע און וויכטיקסטע איז דר. פראַנץ מייערס אויסשעפּלעך דיקער באַנד „מאַרק שאַגאַל", וואָס איז אַרויס אין אַן ענגלישער איבערזעצונג.

פּראָפעסאָר וועַנטוריס ווערק וועגן שאַגאַלן ווערט באַטראַכט ווי אַ „מוז" פאַר יעדן וואָס וויל בעסער פאַרשטיין שאַגאַלס בילדער.

אין 1946 איז דערשינען „מאַרק שאַגאַל" פון דזשעימס דזשאַנסאָן סוויני, דער הויפּט פון דעם מאָדערנעם קונסט מוזיי אין ניו־יאָרק. דאָרט איז פאַראַן אַ פולער כראָנאָלאָגישער צעטל פון שאַגאַלס קונסט־גאַנג. עס וועט זיין מאָסגעבנדיק צו ברענגען אויסצוגן פון דעם אינ־פאָרמאַטיוון ווערק:

געבוירן יולי 7, 1887.

1915 — געהייראַט.

1922 — מוראַלן פאַר גראַנאָווסקיס יידישן מלוכה־טעאַטער; שרייבט זיין אויטאָביאָגראַפיע „מיין לעבן".

1926 — די ערשטע איין־מאַן אויסשטעלונג אין ניו־יאָרק.

1930 — אויטאָביאָגראַפיע דערשיינט אין פראַנקרייך.

1931 — באַזוכט מצרים, סיריע, פּאַלעסטינע; 1932 — האָלאַנד; 1934 — שפּאַניע; 1935 — פּוילן; 1937 — איטאַליע; 1941 — פאַר־אייניקטע שטאַטן; 1942 — מעקסיקע (אלעקאָ); 1944 — בעלאַס טויט.

די ערשטע אָנערקענונג האָט שאַגאַל באַקומען ניט פון מאָלער, נאָר פון די פראַנצויזישע באַרימטע דיכטער ווי אַפּאָלינער און ב. סענדראַרס, וואָס האָבן אים געווידמעט לידער.

ווינאַווער האָט אים געגעבן אַ מאַנאַטלעכן געהאַלט.

שאַגאַל האָט געזאָגט אַז זיינע דעקאָראַציעס פאַר „זשאר פּטיצא" (פייער פויגל) זיינען זיינע צער־אויסדרוקן פאַר בעלאַן.

ער האָט דערקלערט, אַז זיינע סעראַמיק־אַרבעטן זיינען זיינע קינדער פון צער.

סוויני זאָגט, אַז שאַגאַל איז דער גרעסטער קאָלאָריסט פון היינ־טיקער צייט.

די יידישע ביכער וואָס שאַגאַל האָט אילוסטרירט זיינען ביי סווינין פאַרצייכנט ווי פאָלגט:

1915 — פאַר פּרץ׳ס „קונצנמאַכער", ווילנע, פאַרלאַג קלעצקין.

1922 — דוד האָפשטיין, „טרויער", מאָסקווע, קולטור ליגע.

1933 — אָפּאַטאָשו — „אַ טאָג אין רעגענסבורג".

1938 — א. ליעסין „לידער", 32 צייכנונגען.

1944 — איציק פעפער „הימלאַנד", 8 צייכנונגען, איקאָר פאַרלאַג.

1945 — בעלא שאַגאַל „ברענענדיקע ליכט", 25 צייכנונגען, (אין יידיש); אין ענגליש — 36 צייכנונגען.

1946 — בעלא שאַגאַל „מיין ערשטע באַגעגעניש", 27 צייכנונגען, פאַרלאַג אָרדן, ניו־יאָרק.

אין יידיש איז זיין אויטאָביאָגראַפיע דערשינען קאַפּיטלעכוויז אין חודש־זשורנאַל „די צוקונפט".

אין 1957 איז דערשינען אַן ענגלישע איבערזעצונג פון וואָלטער ערבענ׳ס בוך „מאַרק שאַגאַל", וואָס איז געשריבן געוואָרן אין דייטש. אויך דאָרט איז פאַראַן ביז גאָר אינפאָרמאַטיווער און פערזענלעכער מאַטעריאַל וועגן דעם לעבן און שאַפן פון שאַגאַלן.

הענרי מילער, דער אַמעריקאַנער נאָוועליסט און מאָלער, האָט אָנגערופן שאַגאַלן „דער פּאָעט מיט די געפּאַרבטע פליגל".

אַ ציטאַטע פון מייקל באַלאַקס אַ פּאָעמע מאַרק שאַגאַל":

דיינע נעכט פון ליבע בליִען אויף
אין צווייַגן פון בעז
ביז די קילקייט פון אָוונט
ווערט אַ פלאַקערנדיקער איוון.

ערבען איז געווען שאַגאַלס אַ שכן און אַ נאָענטער פריינט און שאַגאַל האָט אים ניט איינמאָל פאַרטרויט זיינע געדאַנקען און געפילן, ווי:

„איך האָב ניט קיין אַמביציע צו זיין מאָדערן. אַבסטראַקט און ניט־אַבסטראַקט זיינען ניט קיין קריטעריע פאַר מיר. נאָך מיין מיינונג נאָך איז פאַראַן בלויז גוטע, עכטע מאָלעריי און — פאַרקערט. אַנדערש איז אַלץ אומוויכטיק.

„איך האָב געפּרוּווט אַריינברענגען מיין לעבן און מיינע בילדער אין אַ האַרמאָניע. מיין לעבן איז אַרבעט. איך ווייס בלויז פון אַרבעט. איך האָב ווינציק פריינט. איך פּרואוו נאָך אַלץ אָנצואווענדן מיינע אידייען וועגן מאָלעריי אין פּראַקטיק; איך בין גאָרניט זיכער צי דאָס גיט זיך מיר איין. דער אינטערעס וואָס מענטשן ווייזן אַרויס אין מיינע בילדער פאַרוואונדערט מיך״.

רעדנדיק וועגן זיין סעראַמיק־אַרבעט האָט שאַגאַל געזאָגט: „איך האָב ליב צו האָבן צו טאָן מיט ליים. עס איז דער דעליקאַטסטער פון אַלע מאַטעריאַלן. איך האָב ליב צו זיין האַרט לעבן דער ערד . . . איז דען פאַראַן עפּעס מער געהיימניספול ווי ערד און בלומען? אין דער זעלבער צייט, אַלץ דאַרף בלייבן אַן איינהייט, אין דער שאַפונג פון קונסט ווי אין דער נאַטור״.

„איך קאָן ניט פאַרשטעלן קריסטוסן פון שטאַנדפּונקט פון גלויבן אָדער דאָגמע. מיין בילד פון יעזוסן באַצוועקט צו זיין מענטשלעך, פול מיט ליבע און צער. איך וויל ניט אונטערשטרייכן דעם רעליגיעזן עלעמענט״.

„עס איז אַ גוטע זאַך צו עפענען טירן. וואָס דען פּרואוו איך דען טאָן? דאָס זיינען אַלץ קליינע פאַרזוכן, אייערע און מיינע. נאָר צו־זאַמען — און די פאַרזוכן פון אַנדערע מענטשן מיט דעם — קאָנען פאַררעכנט ווערן ווי אַ יש; פאַר מער קאָנען מיר ניט האָפן״.

אין 1959 זיינען דערשינען צוויי קעשענע־ביכלעך וועגן שאַגאַלן פון פראַנסואַ מאַטיי אין פּאַריז. זיי זיינען אַרויס אין ענגליש אין טודאָר־

פאַרלאַג, ניו־יאָרק. דאָס ערשטע איז „שאַגאַל 1909—1918״ און דאָס צווייטע, „שאַגאַל 1918—1939״.

ביידע ביכלעך פאַרמאָגן עטלעכע זייטן טעקסט, וואָס פּרוּוון פאַרטייטשן און אינפאָרמירן דעם לייענער. אין ערשטן ביכל זיינען פאַראַן 15 פּלאַטן, קאָלירטע רעפּראָדוקציעס פון שאַגאַלס בילדער פון 1909 ביז 1918, ווי: די כלה (בעלא) אין שוואַרצע הענטשקעס, דער געלער רבי, דער בעטלער פידלער, דאָס הויז וואָס ברענט, פּאַריז פון אַ פענסטער, דער ייד מיטן לולב, איבער וויטעבסק, דער שלח מנות טרעגער, דאָס גרויע הויז, געבורטסטאָג, דער טויער פון בית עולם און דער גרינער פידלער. די מערסטע פון די באַרימטע בילדער זיינען דאָס אייגנטום פון סאָלאָמאָן גוגענהיים. „דער טויער פון בית עולם״ איז אידאַ שאַגאַלס.

דאָס צווייטע ביכל ציטירט אַ מיינונג פון ליאָנעלא ווענטורי, וואָס איז ווערט איבערצוגעבן:

„עס איז ניט פאַראַן קיין אונטערשייד אין סטיל אָדער קוואַליטעט צווישן זיינע בילדער און גראַווירן . . .״

ווי עס איז ווערט איבערצוגעבן אַ ציטאַטע פון שאַגאַלן וועגן צירק־טיפּן:

„איך האָב שטענדיק געטראַכט וועגן קלאָונען, אַקראָבאַטן און אַק־טיאָרן ווי טראַגישע מענטשלעכע וועזנס וועלכע, לויט מיין פאַרשטאַנד, זיינען זייער ענלעך צו די מענטשן אין טייל רעליגיעזע בילדער. און אפילו איצט, ווען איך מאָל אַ קרוציפיקס אָדער אַן אַנדער רעליגיעזן סוביעקט, ווער איך כמעט אַרומגענומען פון דיזעלבע עמאָציעס וואָס כ׳האָב איבערגעלעבט ווען איך האָב געמאָלן צירק־טיפּן, און דאָך איז ניט פאַראַן קיין ליטעראַרישעס וועגן די בילדער, און עס איז מיר שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס איך געפין אַ פּסיכאָ־פּלאַסטישע ענלעכ־קייט צווישן די צוויי טיפּן פון קאָמפּאָזיציע״.

און נאָך אַ שאַגאַל ציטאַטע:

„די באַזע פון קונסט איז דער צושטאַנד פון דער נשמה. און דער צושטאַנד פון דער נשמה איז וואָס מענטשן רופן אָן ליטעראַריש און אילאָגיש, דער סאַמע פונדאַמענט פון לויטערקייט . . .״

אין צווייטן ביכל זיינען אויך פאַראַן 15 פּלאַטן, און ווי אין ערשטן, אַלץ שטאַרק פּאָפּולערע, ווי: קוביסטישע לאַנדשאַפט, די געליבטע, בלומען, זונטיק, די כלה מיטן טאָפּלטן פּנים, אַ מיידל אויף אַ פערדל,

דער לייכטער, דער ייד מיט דער ספר תורה (גלות), די „ניוד" איבער וויטעבסק (אידא האָט פֿאַזירט און דאָס בילד באַלאַנגט צו איר), דער כלהס שטול, חתן־כלה איבערן אייפֿל טורעם און פֿאַרנאַכט.

עס זיינען פֿאַראַן נאָך אַ צאָל ווייך־טאָוולדיקע שיינע ביכלעך מיט שאַגאַלס רעפּראָדוקציעס און קורצע, פֿיין געשריבענע איינלייטונגען. אויב מען קאָן זיך ניט איינשאַפֿן קיין אָריגינעל שאַגאַל בילד, קאָן מען אָבער קויפֿן קינסטלערישע פּרינטס און ליטאָגראַפֿן איינצוראַמען. די היגע מוזייען האָבן אַ סך פּאָסטקאַרטלעך־פֿאָרמאַט שאַגאַל רעפּראָדוקציעס, וואָס זיינען אימפּאָרטירט פֿון פֿראַנקרייך, דייטשלאַנד, האָלאַנד, ענגלאַנד, איטאַליע.

אין אַ שמועס מיט שמעון בייקערן („טאָג", פֿעברואַר 8, 1967) האָט שאַגאַל, וועלכער איז געווען דער גאָסט פֿון דער מעטראָפּאָליטען אָפּערא אין ניו־יאָרק, דערציילט אַז צו זיין 80טן געבוירנטאָג אין יולי וועלן במשך פֿון דריי חדשים געוויזן ווערן אין „לואוור" אַ 60־70 ווערק זיינע. פֿון דאָרט וועלן זיי געבראַכט ווערן אין זייער פּערמאַנענטער היים אין „מעסעדזש ביבליק שאַגאַל" אין ניס, אויף דער פּראָנצויזישער ריוויערא.

עס איז איצט אַרויס אין אַ דייטשער איבערזעצונג בעלא שאַגאַלס „ברענענדיקע ליכט".

גאָר אין גיכן וועט אין פֿאַרלאַג קראַמער פֿון זשענעווא, שווייץ, דערשיינען אין פֿראַנצויזיש „לידער פֿון שאַגאַל", מיטן מחברס האַלץ־שניטן. דאָס וועט זיין אַן איבערזעצונג פֿון זיינע לידער אין יידיש וואָס האָבן זיך געדרוקט אין פֿאַרשיידענע יידישע אויסגאַבעס. „דאָס זיינען לידער וועגן יידישע צרות, יידישע שטימונגען און אויך ישראל־מאָטיוון, וועלכע האָבן מיך אַדורכגענומען, נאָך מיינע באַזוכן אין דער יידישער מדינה.

„דער קינסטלער האָפֿט אַז ס'וועט קומען אַ טאָג ווען אויך אין סאָוועטן פֿאַרבאַנד וועלן פֿריי אויסגעשטעלט ווערן זיינע געמעלן וואָס ליגן אין דער מאָסקווער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי".

אין צייריך ווערט פֿלאַנירט אַ רעטראָספּעקטיווע אויסשטעלונג פֿון שאַגאַלס ווערק. עס ווערן דערוואַרט אַ גרויסע צאָל מאַלונגען זיינע וואָס וועלן אָנקומען פֿון סאָוועטן פֿאַרבאַנד. עס ווערט געשאַצט אַז דאָרט געפֿינען זיך איבער 150 שאַגאַל צייכנונגען פֿון זיינע ערשטע קינסטלערישע יאָרן.

צו דער שאַגאַל אויסשטעלונג אין טאָקיאָ אין אָקטאָבער 1966, וואָס איז דערעפנט געוואָרן פון דעם קעניגס ברודער, האָט שאַגאַל צוגעשיקט פאָלגנדיקע באַגריסונג:

„אין אַ צייט ווען טרערן זיינען כמעט פאַרשוואונדן און די וועלט פאַרשטעלט זיך הינטער אַ טראַגישן שמייכל, שיק איך אייך טייל פון מיינע אַרבעטן. איך גלויב אַז איר וועט דערקענען אין זיי מיינע טרוימען וועגן קונסט, וועגן לעבן אויף דער וועלט און וועגן לעבן ניט פון דער וועלט, וועגן זאַכן וואָס זיינען פאַראַן און וועגן זאַכן וואָס זיינען ניט פאַראַן".

און רעדנדיק וועגן קונסט לאָמיר פאַרענדיקן מיט שאַגאַלס אַרויס־זאָגונגען.

וועגן „פאָפּ" קונסט: „דאָס איז עפּעס וואָס ווערט אויסגעשפּיגן. אין קונסט מוז זיין לעבן און אַ נשמה, אַזוי אַז ניט בלויז קאָן עס געזען ווערן מיטן אויג, נאָר דורכגעפילט דורכן האַרצן".

וועגן אַבסטראַקטער קונסט: „דאָס איז דער אויסדרוק פון מאַנגל אין האָבן אַ זין. איך וויל דערמוטיקן דאָס אומקערן זיך צו אמתע ווערטן".

וועגן זיינע ביבל אילוסטראַציעס: „מען האָט מיך געבעטן צו אילוסטרירן די ווערק פון שעקספּיר. נאָר איך האָב קיין צייט ניט. נאָר צו דער ביבל וואָלט איך זיך אומגעקערט נאָכאַמאָל און ווידער־אַמאָל. כ'האָב ליב אירע העלדן, אריינגערעכנט די וואַנדערנדיקע מלאכים. די פּאַטריאַרכן זיינען פול מיט חן. די נביאים זיינען געווען אָרימע פּאָעטן און די קעניגן אמתע מענטשן. כ'בין אפילו גרייט צו פאַרגעבן דוד המלך פאַר זיין זינד מיט בת שבע. ס'איז געווען ליבע. און דאָס קאָן טרעפן מיט יעדן איינעם . . ."

וועגן טשאַרלי טשאַפּלין (אין אַ שמועס מיט דוד מאַטיס, 1957): „איך בין נאָענט באַקענט מיט טשאַפּלינען און מיר באַטראַכטן זיך ווי גוטע פריינט . . . איך באַטראַכט טשאַפּלינען פאַר איינעם פון די וויכ־טיקסטע קינסטלער פון אַלע צייטן".



יידישער קאַמער טעאַטער

אַזוי ווי אַקציע, באַוועגונג, איז איינע פון די הויפּט־שטריכן פון מאַרק שאַגאַלס לייוונטן, איז נאַטירלעך אַז דער טעאַטער איז פון תמיד אָן געווען און געבליבן ביי שאַגאַלן אַן אינטעגראַלער טייל פון זיין שאַפן.

טעאַטער איז דאָך איבערראַשונג, אַריינגעמען אַ שטיק לעבן אין די אייגענע הענט און עס אויספורמירן און געשטאַלטיקן און אָנטאָן אַ לבוש מיט אַ באַשטימטער קרעאַציע און פאָרם. אָט דאָ האָט דער אמתער קינסטלער, צי ס'איז דער דראַמאַטורג, אַקטיאָר אָדער סצענע־מאָלער, בינע־לייטער, מוזיקער און טאַנץ־מייסטער די געלעגנהייט און מעגלעכקייט אַריינצובלאָזן אַ נפש חי און דערקענען זיין איך אין דער פּראָדוקציע.

און דערפאַר וואָס שאַגאַל איז ניט געגאַנגען אויף קיין אויסגע־טראָטענע וועגן, דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ פּיאָנער אויף זיין געביט, איז אים אויך אָנגעקומען שווער אַריינצודרינגען אָדער זיך איינבירגערן אין טעאַטער. און כאָטש זיינע פאַרזוכן זיינען גלייך אָפּ־געשטעלט געוואָרן און צוליב דער אָדער יענער סיבה האָט מען ניט אָנגענומען זיינע פּראָיעקטן, איז אָבער זיין איינפלוס געוואָרן אומגע־הייער גרויס אויף דער סצענישער אַנטוויקלונג פון טעאַטער בכלל.

דאָס איז איבערהויפּט געווען קענטיק אין שאַגאַלס קורצווייליקער מיטאַרבעט אין מאָסקווער יידישן קאַמער טעאַטער וועגן וועלכן מען האָט אַ סך אָנגעדייט און ווינציק קאָנקרעט געשריבן. נאָר יעדער אָנדייט און די געשיכטלעכע זכרונות און אָפּשאַצן פון יענער היסטאָ־רישער צייט לאָזן ניט דורך צו דערמאָנען שאַגאַלס איינפלוס און אור־שפּרונג.

איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן אויף צוויי עדות פון יענער עפּאָכע. אין „די יידישע וועלט" (וואַרשע), נומער 2, מאַי 1928, האָט שאַגאַל אַן אַרטיקל א. ב. „מיין אַרבעט אין מאָסקווער יידישן קאַמער טעאַטער". דער אַרטיקל איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין די „גאָלדענע קייט", נומער 43, 1962, תל אביב.

אין יוסף שיינס בוך „אַרום מאָסקווער יידישן טעאַטער" (פּאַריז,

1964) געפינט זיך אַ קאַפּיטל א. ג. „מאַרק שאַגאַל אין מאָסקווער יידישן טעאַטער" און אַ פאָטאָ פון דעם מאקעט צו דער וואַנט־מאַלעריי פון מאָסקווער יידישן טעאַטער (1919), ווי אויך צוויי בריוו פון שאַגאַלן צו יוסף שיין אין שייכות צום ענין מאָסקווער טעאַטער. אויך אַ בילד „מזל טוב" לויט ש"ע, דעקאָראַציע פון מאַרק שאַגאַל.

וועמען זאָל מען געבן דאָס וואָרט אַפריער?

לאָמיר הערן וואָס דער נוגע־בדבר מאַרק שאַגאַל דערציילט וועגן יענער צייט. ער זאָגט:

„וועגן דער אַרבעט אין טעאַטער האָב איך שוין לאַנג געטרוימט. נאָך אין יאָר 1911 האָט טוגענדהאָלד עדגעץ געשריבן אַז די קעגנשטאַנדן לעבן ביי מיר. איך וואָלט געקאָנט — האָט ער געזאָגט — מאָלן פּסיכאָלאָגישע דעקאָראַציעס. כ'האָב זיך פאַרטראַכט. און באמת, אין פערצנטן יאָר האָט ער רעקאָמענדירט טאַיראָוו, דעם רעזשיסאָר פון מאָסקווער קאַמער טעאַטער, ער זאָל מיך פאַרבעטן צו מאָלן שעקספּירס „שטיפּעריינס פון ווינדזאָר". מיר האָבן זיך געטראָפן און אין גוטן פאַרנאַנדערגעגאַנגען".

אין די לעצטע פאָר ווערטער האָט שאַגאַל טרעפלעך איבערגעגעבן זיין גורל מיט טעאַטער־עקספּערימענטן פון יענער צייט. אָנגעהויבן מיט אַ פאַרנעם, אַ ראַזמאַך און באַלד האָט מען בשלאָסן אַז די כלה איז צו שיין, אַז צו־פרי איז שאַגאַל געקומען מיט זיינע פאַנטאַזיעס, מיט זיינע לופטיקע דעקאָראַציעס און סצענירונגען. דאָס וואָס איז אין 1918 אָנערקענט געוואָרן און געלויבט געוואָרן, נאָר באַלד אַרונטער פון דער סצענע, כאָטש דער גייסט האָט גענומען באַהערשן די וויטערדיקע ווענט, זשעסטן און פאָרמען און מען האָט גערעדט וועגן שאַגאַלישן סטיל, אָן שאַגאַלס מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען און דערהויבן — דאָס איז אַ 40 און 50 יאָר אַרום מקוים געוואָרן אין מעטראָפּאָליטען אָפּערא הויז אין ניו־יאָרק, ווען שאַגאַל האָט געמאָלן די דעקאָראַציעס פאַר „אלעקאָ" און „זשאַר פּטיצא" און לעצטנס דעם סופיט פון דער פאַריזער אָפּערא הויז.

שאַגאַל דערציילט וויטער:

„איך האָב זיך דערפרייט מיט גראַנאָווסקיס און אפרת'עס איינלאַדונג אין יאָר 1918 צו אַרבעטן אין דעם ניי־געעפנטן יידישן טעאַטער . . . וועגן גראַנאָווסקין האָב איך דאָס ערשטע מאָל געהערט אין פעטראָגראַד, בעת דער מלחמה; ער האָט דאָרט פון צייט צו צייט,

אַלס רײנהאַרדטס אַ תּלמיד, געשטעלט ספּעקטאַקלען מיט מאַסן־סצע־נעס . . . גלײכצײטיק האָט גראַנאָװסקי געשטעלט ספּעקטאַקלען מיט ייִדן פֿון פֿאַרשײדענע פּראָפֿעסיעס, װאָס ער האָט אױפֿגעקליבן פֿון אַלע זײטן. און זײ האָבן עס דערנאָך געשאַפֿן די סטודיאָ פֿון ייִדישן טעאַטער".

די פּיעסעס, דערצײלט ער, זײנען געװען אין סטאַניסלאַװסקיס רעאַליסטישן סטיל און זײ זײנען אים ניט געפֿעלן געװאָרן און ער איז געװען זיכער, אַז „דער ראָמאַן" צװישן אים און גראַנאָװסקין װעט זיך אַזױ גיך ניט אײנשטעלן.

„מ'האָט מיר פֿאָרגעלײגט צו מאַכן די װאַנט־מאָלערײ און די ערשטע אױפֿפֿירונג צו דער דערעפֿענונג פֿון טעאַטער. אַך, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אָט איז אַ געלעגנהײט איבערצוקערן דאָס אַלטע ייִדישע טעאַטער, דעם רעאַליזם, נאַטוראַליזם, פּסיכאָלאָגיזם און די צוגעקלעפּטע בערד. איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט . . . איך האָב געמאַכט אַ סקיץ. מיט אײן װאַנט בין איך אױסן געװען צו געבן אַן אַלגעמײנעם אָנװײז פֿון אַ מין אַרײנפֿיר צום נײעם ייִדישן פֿאָלקס־טעאַטער. די איבעריקע װענט און דער סופֿיט האָבן פֿאָרגעשטעלט קלעזמער, אַ בדחן, טענצערינס, אַ סופֿר און אַ ליבע־פּאָרל, װאָס טראָגט זיך איבער דער סצענע, ניט װײט פֿון פֿאַרשײדענע מאכלים, בײגל און פּרוכטן, געדעקטע טישן, געמאָלט אױף פֿריזן. אַנטקעגן־איבער — די סצענע מיט די אַקטיאָרן. די אַרבעט איז געװען אַ שװערע. דער קאָנטאַקט מיט דער אַרבעט האָט זיך גענומען אײנשטעלן".

נאָר ער איז ניט געװען זיכער מיט גראַנאָװסקין. ער האָט ניט געװאָונען זײן צוטרױ. און אַלײן האָט ער אױך ניט אָנגעקניפּט מיט אים אַן אינטימערע פֿאַרבינדונג. דער ראָמאַן איז געװען פֿון אַ קורצן פֿרײטיק. עס האָט זיך שאַגאַלן טײלמאָל אױסגעװיזן, אַז ער האָט אים געשטערט. נאָר אים צוהילף איז מיטאָמאָל געקומען שלמה מי־כאָעלס, „װאָס האָט געהונגערט פּונקט װי איך. ניט אײנמאָל איז ער צוגעקומען צו מיר מיט אױסגעסטאַרטשעטע אױגן און שטערן און מיט אױפֿגעשטעלטע האָר, אַ פֿאַריסענער נאָז און דיקע ליפּן — אין גאַנצן מאַיעסטעטיש".

אױך פֿאַר מיכאָעלסן איז שאַגאַלס צוגאַנג געװען נײ און ער האָט געבעטן בײם קינסטלער אַז ער זאָל באָרגן אַהײם די סקיצן כּדי ער זאָל זײ קענען שטודירן, זיך אײנלעבן אין זײ און זיך צוגע־װאױנען צו זײ און זײ אױך פֿאַרשטײן.

לאָמיר הערן וואָס מיכאָעלס האָט אים שפּעטער־צו געהאַט צו זאָגן:

„איר ווייסט, איך האָב שטודירט אייערע סקיצן, איך האָב פאַר־שטאַנען. איך האָב לחלוטין געענדערט מיין ראָל. אַלע קוקן אויף מיר און פאַרשטייען ניט, וואָס איז פאָרגעקומען".

אויך די אַנדערע אַקטיאָרן האָבן אָנגעהויבן זיך שאַרן צו שאַ־גאַלן, וועלנדיק זיך באַקענען נענטער מיט זיין צוגאַנג און זיינע לייוונטן. דעם לעצטן טאָג פאַר דער עפענונג האָט מען שאַגאַלן דער־לאַנגט אַלטע אָפּגעטראָגענע קליידער צו פאַרבן. אין די קעשענעס האָט ער געפונען שטיקלעך פון פּאַפּיראָסן, טרוקענע שטיקלעך ברויט. נאָר אַ פּאָר מינוט איידער דער פאָרהאַנג האָט זיך געדאַרפט אויפהויבן האָט שאַגאַל זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט גראַנאָווסקין וואָס האָט געהאַט אויפגעהאנגען אַ פּשוטן רעאַלן האַנטוך. שאַגאַל האָט דעם רעאַליזם ניט געקאָנט פאַרטראָגן. ער האָט אויסגעשריען:

— אַ פּשוטער האַנטוך?!

— ווער איז דאָ דער רעזשיסאָר, איך צי איר? — האָט גראַ־נאָווסקי געענטפערט.

און דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט שאַגאַלס דירעקטע מיטאַרבעט. נאָר שאַגאַל האָט זיך שפּעטער געטרייסט וואָס אין אַ יאָר אַרום האָט מען ביי גראַנאָווסקין, „לויט ווי איך הער, איבערגעשאַגאַלעוועט צוואַנציק מאָל אַזוי פיל".

מען האָט אים דאַן פאַרבעטן אין דער „הבימה" צו שטעלן דעם „דיבוק", נאָר אויך דאָרט האָבן די אַקטיאָרן געהאַט פאַרגעטערט סטאַניסלאַווסקיס טעאַטער. וואכטאַנגאָוו איז געווען פרעמד. ער האָט מיט אים ניט געפונען קיין בשותפותדיקע שפּראַך. אין יאָר 1922 האָט מען אים מיט ליבשאַפט פאַרבעטן אין סטאַניסלאַווסקיס צווייטן קונסט טעאַטער. ער האָט זיך אַ נעם געטאָן מיט לייב און לעבן, אָבער די גאַנצע טרופּע האָט פאַרסטרייקט: „ניין, ס'איז אומפאַרשטענדלעך".

שאַגאַל האָט אין יענער צייט געוואוינט אין מאלאכאווקע, אין די קינדערשע קאָלאָניעס. דאָרט האָט ער געהאַט גענוג צייט זיך צו פאַרטיפן און דערמאָנען וועגן זיין לעצטער באַגעגעניש מיט ש. אַנסקין אין 1915, ווען אַנסקי האָט צו אים געזאָגט:

„איך האָב אַ פּיעסע ,דער דיבוק' און נאָר איר איינער דאַרפט זי באַאַרבעטן. איך האָב געטראַכט וועגן אייך", און ער האָט אים אַ קוש געטאָן.

און נאָך האָט שאַגאַל זיך דערמאָנט:

"כ'האָב זיך דערמאַנט אין מיין עלטער־זיידן, וואָס האָט געמאָלט די שול אין מאָהילעוו און אָט האָב איך געוויינט: הלמאי האָט ער מיך מיט אַ הונדערט יאָר צוריק ניט גענומען לפחות פאַר אַ געהילף? איז אים איצט ניט אַ שאָד צו ליגן אין דער מאָהילעווער ערד צו זיין אַ מליץ יושר פאַר מיר? זאָל ער זאָגן מיט וואָס פאַר אַ נסים ער האָט געשמירט מיט זיין פענדזל אין שטעטל ליאָזנע. בלאָז אַריין אין מיר, זיידע מיינער בערדיקער, עטלעכע טראָפּנס פון יידישן אמת!"

אָנגעשריבן האָט שאַגאַל אָט־די זכרונות זיינע אין מאלאכאָווקע אין 1921.

אין יוסף שיינס בוך „אַרום מאָסקווער יידישן טעאַטער" געהערט דער אַריינפיר פאַקטיש צו שאַגאַלן. ער עפנט זיך מיט אַ רעפּראָדוקציע פון שאַגאַלס צוויי בריוו צום מחבר. דער ערשטער איז פון וואַנס, דאַטירט 9.8. 1963. דער צווייטער איז פון פּאַריז, דעצעמבער 10, 1962.

ער שרייבט צו שיינען: „אַ דאַנק אַ גרויסן פאַר אייער קיום אַרטיקל איבער מיין אַרבעט מיט דעם מאָסקווער יידישן טעאַטער. ס'איז גוט און האַרציק געשריבן". אויף שיינס בריוו אין וועלכן ער בעט ביי שאַגאַלן רעפּראָדוקציעס פאַר זיין בוך, ענטפערט שאַגאַל אַזוי: ער וואָלט מיט פאַרגעניגן געהאָלפן, נאָר ער קאָן דאָס ניט טאָן אין זיין צושטאַנד. און דאַן שרייבט ער אַזוי: „יאָ, דאָס איז שוין אַן אַלטע געשיכטע, זי האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן נאָך אין וויטעבסק, ווען גראַנאָווסקי איז געקומען אין יאָר, דאַכט זיך, 1918, בעטן מיך קומען קיין מאָסקווע און מיכאָעלס און אַנדערע זיינען געוועזן נאָך „גרינע" שילער, און אַלץ איז נאָך געוועזן אין ריינהאַרדטס (בערלין) און אַ ביסל סטאַניסלאַווסקי סטיל. איך בין גליקלעך, וואָס איך בין געוועזן באַ־פריינדעט מיט מיכאָעלסן, זוסקינען און אַנדערע און אפשר זיי אינספּי־רירט, געהאַט זייער ליבע . . . איך ווינטש אייך גליק צו שרייבן וועגן זיי און דעם טעאַטער. ווען איך וואָלט האָבן כח, וואָלט איך אויך געשריבן, אָבער די פּענע האַלט זיך ניט ביי מיר אין האַנט. און אפשר איז זייער שמייכל און אידעאַל אַ ביסל אין מיין קונסט".

„דער אָנהויב" הייסט דער ערשטער קאַפּיטל פון שיינס בוך. דער צווייטער קאַפּיטל טראָגט דעם טיטל „מאַרק שאַגאַל אין יידישן טע־אַטער". דאָס שטעלט שוין פעסט אַז ניט אין 1918, ווי שאַגאַל שרייבט אין זיין בריוו, נאָר „דאָס איז געוועזן סוף 1919, ווען אין דער שאַגאַל־

שטאָט וויטעבסק, זענען אָנגעפאָרן די יונגע שוישפּילער פון דער געגרינדעטער פּעטערבורגער טעאַטער סטודיע, מיט זייער קינסטלע־רישן אָנפירער, אַלעקסאנדער גראַנאָווסקי בראש. דאָ, אין וויטעבסק, וועלן זיי באַווייזן זייערע ערשטע סצענישע פּרוואון, צוגעגרייטע אין פּעטערבורג, פון „גאָט פון נקמה" און פון „אוריאל אקאָסטא", אָבער פאַר גראַנאָווסקין און מיכאָעלסן שטייט פאַר נאָך אַ וויכטיקע געשע־ניש: די באַקאַנטשאַפט מיטן שוין דאַן באַרימטן מאָלער מאַרק שאַגאַל.

„די דאָזיקע באַגעגעניש ווערט אַ גורלדיקע אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער".

שאַגאַל האָט אָנגענומען דעם איינלאַד און ער איז געקומען קיין מאָסקווע, וואו דער ניי־געגרינדעטער יידישער קאַמער טעאַטער האָט זיך געגרייט אויפצופירן די דריי שלום עליכם איינאַקטערס: „אַגענטן", „ס'אַ ליגן" און „מזל טוב".

יוסף שיין דערציילט: „אין איינע פון די שמאָלע געסלעך אַרום דער „ניקיטסקאַיאַ" באַקומט דער טעאַטער אַ קליינעם לאָקאַל מיט אַ בינע. בלויז 90 פּלעצער פאַר צושויער. טאָג־טעגלעך רעפּעטירט גראַנאָווסקי אויף דער קליינער בינע און אין דער זעלבער צייט מאָלט שאַגאַל די ווענט פון צושויער־זאַל".

דער געדאַנק אַז מען וועט שפּילן יידיש טעאַטער אין האַרץ פון מאָסקווע, אין שכנות מיט די באַרימטע רוסישע טעאַטערן, האָט די יונגע קינסטלער באַגייסטערט און אָנגעפילט מיט אַ יראת הכבוד. דאָ האָבן דאָך געשפּילט אין דער זעלבער צייט סטאַניסלאַווסקי, מאָס־קווין, לעאָנידאָוו, וואכטאַנגאָוו, יערמאָלאָווא.

ווי אַזוי האָט שאַגאַל געאַרבעט אין טעאַטער דאַן?

דערציילט ווייטער שיין: „פון דער בינע קלינגט דער זאַפּטיקער, פאָלקסטימלעכער שלום עליכם טעקסט. מאַרק שאַגאַל הערט זיך צו און זיין פּענזל מאָלט: יידיש לעבן, יידישן טרוים און יידיש טעאַטער. שאַגאַלן איז נאָענט די וועלט, די געשטאַלטן, דער הומאָר און די פיינ־לעכע ווירקלעכקייט פון ש"ע, אַ ווירקלעכקייט, וועלכע ער האָט אַליין איבערגעלעבט אין זיין וויטעבסק . . . אַזוי גייט פאַרביי דער ערשטער חודש. אויף די געמאָלטע ווענט זיינען שוין אַרויסגעבראַכט פאַר־שיידענע כאַראַקטערס און טיפּן . . . אַ שלל פון פאַרבן. יידישער קאַרניוואַל פון פּורים־שפּיל, וואו אַלץ באַוועגט זיך אין אַן עקספּרע־סיאָניסטישן עקסטאַז און דינאַמיזם. ש"ע־טיפּן געמישט מיט צירק־

אַקראָבאַטן. יידישע מוזיקאַנטן ווערן פאַרכאַפּט פון זייער שפּיל און טראָגן זיך מיט זייער מוזיק אין די הימלען . . . איבער דעכער פון שטעטל שוועבט, מיט זיין אויפגעעפנטן שירעם, דער שאַגאַל־ייד. און אַלץ צוזאַמען אַ סימבאָל פון טעאַטער און גראָטעסק. די גאַנצע וועלט — אַ בינע און די מענטשן — שוישפּילער".

ניט בלויז איז דער קליינער צושויער־זאַל אָנגעפילט געוואָרן מיט דער שאַגאַל אַטמאָספער פון זיינע פאַרבן און פאַנטאַזיע, נאָר ער האָט זיך גלייך גענומען צוגרייטן די קאָסטיומען פאַרן שלום עליכם אָוונט. דער שוישפּילער וועט דורך באַוועג, גרים און זשעסט שאַפן דעם שאַגאַל טיפּ און פאָרשטעל.

דאָס האָט אָנערקענט מיכאָעלס וואָס האָט אין דער ראָל פון מנחם מענדל יאַקנעהאָז געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין גרויסן דערפאָלג, אין אַ גרויסער מאָס, מאַרק שאַגאַלן. ער האָט וועגן דעם דערציילט אַזוי:

„אין דעם טאָג פון דער פּרעמיערע איז שאַגאַל געקומען אין מיין גרים־צימער. נאָכן צעלייגן די פאַרבן האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט געטיילט מיין געזיכט אין צוויי העלפטן. איינס געמאָלן אין גריק, דאָס צווייטע, אין געל. (מען זאָגט דאָך גרין און געל). מיין רעכטע ברעם האָט שאַגאַל אַרויסגעהויבן מיט צוויי צענטימעטער העכער פון לינקן. די קנייטשן אַרום נאָז און ליפּן זענען זיך צעגאַנגען איבערן גאַנצן געזיכט. די דאָזיקע קנייטשן ליניעס האָבן אַרויסגע־בראַכט דעם טראַגיזם פון מנחם מענדל . . . איך האָב אַריינגעקוקט אין שפּיגל און זיך איבערציגט, אַז דער גרים האָט געשאַפן דעם דינאַמיזם און עקספּרעסיע פון דער געשטאַלט.

גלייך ביים ערשטן באַריר האָט שאַגאַל באַוויזן אַריינצודרינגען אין דער שעפערישער אַרבעט פון טעאַטער און באַאיינפלוסט די רעזשי און דעם שוישפּיל. דאָס האָט גריילעך באַגריפן משה ליטוואקאָוו, וואָס האָט וועגן יענער עפּאָכע געשריבן אַזוי:

„פאַר די שלום עליכמשע סאָמנאַבולישע פיגורן, וועלכע זענען אויפגעברויזטע חלומות אויף אַ גאַנץ אויסגערעכנטן „וואָר", האָט דער טעאַטער געפונען שאַגאַלן, וועלכער האָט פון זיין זייט, געפונען דעם יידישן קאַמער טעאַטער. אַזאַ אידעאַלע צונויפגיסונג פון אַ טעאַטער און אַ קינסטלער ווערט זעלטן דערגרייכט. ש"ע פּערסאָנאַזשן, סצעניש פאַרקערפּערט דורך די אַרטיסטן, אין די קאָסטיומען און ראַמען פון שאַגאַלס דעקאָראַציעס איז אַ וואונדער־שיינע טעאַטראַלע שוישפּיל,

וועלכע גיט דעם יידישן צושויער אפילו אַ ליטעראַריש גייעם ש"ע."

אָפּשאַצנדיק די פאָרשטעלונג פון גאָלדפאַדנס „כישופמאַכערין" האָט ליטוואקאָוו געהאָט דאָס פאָלגנדיקע צו זאָגן וועגן אַ צווייטן מאָלערס דעקאָראַציעס:

„אין דער ,כישופמאַכערין' האָט דער העלער, לעבנסלוסטיקער, שאַגאַליזירטער רעאַליזם פון יצחק ראבינאָוויטש זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אמתע אַנטפּלעקונג פאַר די אויפגאבן פונם יידישן קאַמער טעאַטער".

אין די דעקאָראַציעס פון די מאָלער: ראָבערט פאַלק, נתן אַלט־מאַן, יצחק ראבינאָוויטש און ראַביטשעוו האָט זיך געפילט דער שאַ־גאַליזירטער סטיל. אין די צענדליקער בעטלער־הענט אין „מסעות בנימין השלישי", אין דער מיסטיק פון דער אויפגעשטאַנענער טויטן־וועלט פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", אין פאָלקסטימלעכן ליריזם פון „דאָס גרויסע געווינס".

יוסף שיין קומט צום פאָלגנדיקן אויספיר: „מאַרק שאַגאַל האָט ניט אויפגעהערט צו זיין אין „גאָסעט" (מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער) אויך דעמאָלט ווען ער איז שוין לאַנג געווען אַ תושב אין אויסלאַנד. אָפּט האָט מען דערמאָנט זיין נאָמען. זיינע מאָלערישע דעקאָראַטיווע טיילן זיינען געהאנגען אין דער פאָיע פון טעאַטער. ענדלעך האָט זיי מיכאָעלס גענומען צו זיך און פאַרהאנגען ווי אַ הייליקטום מיט אַ פרוכת (ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן).

„די צוויי גרויסע אויל בילדער האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פאַרביקע יידישע חתונה מיט קלעזמער און מחותנים אויפן פאָן פון אַ גראָטעסק יידיש שטעטל און אַ גרינע מגושמדיקע פרוי מיט אַ קליין דערשטויינט יידעלע ביי איר קני.

„לאָמיר האָפן, אַז שאַגאַלס דעקאָראַציעס פאַרן יידישן קאַמער טעאַטער וועלן נאָכאַמאָל דערזען די ליכטיקע שיין און מיר וועלן זיי קאָנען ווי געהעריק אָפּשאַצן".

וויטראַזשן

.1

יעדע נייע פאַזע פון שאַגאַלס אַרבעט איז אַ רעזולטאַט פון זיין לעבנס־פילאָסאָפיע. זיינע געמאָלענע שויבן זיינען געקומען אין אַ באַשטימטן פעריאָד פון די רייפע יאָרן, ווי זיי וואָלטן געזאָגט צו אים: געקומען די צייט ארויסצוגיין פון די חדרי־חדרים פון אַטעליע און מוזיי און זיך באַהעפטן מיטן דרויסן, אַז יעדער דורכגייער זאָל קאָנען קוקן און באַטראַכטן און זיך אָנזאַפּן מיט קאָלירן און באַרייכערן זיין פאַנטאַזיע.

ווי שאַגאַל האָט זיך אַליין אויסגעדריקט וועגן דעם אין זיין שמועס מיט דעם שרייבער קאַרלטאָן לעיק אין 1963:

„קונסט איז ניט עפּעס וואָס ווערט געמאַכט פאַר אַ מוזיי. קונסט גופא איז אין דער נאַטור פון עפּעס, וואָס איז הייליק, אַ מקום קדוש . . . ביז 1923 בין איך געווען רואיק, צופרידן, אַ מענטש, וואָס האָט פאַרטיק געמאַכט בילדער ווי יעדער איינער, גוט, שלעכט. אין יענעם יאָר האָב איך אָנגעהויבן מאָלן „דער פאַלנדיקער מלאך”, איך האָב דאָס ניט פאַרענדיקט ביז 1947, נאָר דאָס האָט מיר געגעבן דעם

שטויס. איך האָב דאָן דערפילט, אַז מאַכן בילדער אין דער סטודיא איז ניט גענוג. איך האָב געדאַרפט אַרויס פון דער אטעליע. דער אַרטיסט מוז אַרויס אין דרויסן און אַרבעטן אין דער טיף".

אַ קאָלירטע שויב פאַר אַן עפנטלעך פּלאַץ, ווי אַ טעאַטער, אַן אָפּערא, אַ קאַטעדראַל, אַ שפּיטאָל, אַפּעלירט צו ברייטע מאַסן. ס'איז ניט מער קיין באַהעלטעניש פאַר אויסדערוויילטע. אין דער זעלבער צייט איז דאָס אָבער ניט קיין אַלטעגלעכקייט. די קאָלירטע שויב רופט אַרויס יום־טובדיקייט, שיידט אָפּ דעם מיטוואָך פון שבת און ברענגט אַריין דעם שבת אין דעם מיטוואָך.

שאַגאַלס קאָלירטע שויבן זיינען דערפאַר אַן אַנזאַמל פון קינסט־לערס רייפקייט און שעפערישקייט, פון דערפאַרונג און לעבנס־חכמה.

די רעליגיעס האָבן פון תמיד אָן זיך באַנוצט מיט פאַרשיידענע פאָרמען פון קונסטן צו פאַרשטאַרקן זייערע פּאָזיציעס און אָנהאַלט אויף די מאַסן. טענץ, מוזיק און סקולפּטור האָבן באַווירקט. קאָלירטע שויבן מיט זייער רעליגיעזן אינהאַלט האָבן אַרויסגערופן ערפורכט און גערעדט צו דער פאַנטאַזיע. די קאָלירן האָבן זיך געבלענדט מיטן דרויסן, מיט די שטראַלן פון דער זון, וואָס האָבן באַלויכטן די טונקל־קייט פון דער קירך, סיי אינערלעך, סיי אויסערלעך. די קאָלירן האָבן אַרויסגערופן באַוואונדערונג ביים דאַוונער און אויסגעאיבט אַ דרך ארץ פאַרן אַרום.

שאַגאַלס הויפּט־דערגרייכונגען מיט דער שויבן־קונסט האָבן זיך אָנגעהויבן מיט די שויבן פאַרן קאַטעדראַל אין מעץ און מיט די ירושלימער שויבן. וואָס ווייטער נעמט ער זיך אָבער צו אַזעלכע עפנטלעכע פּלעצער ווי די אונא, אָפּערא הייזער, קאָנצערט־זאַלן, א. אַ.

צו דער דעפיניציע פון שאַגאַלס קוק אויפן דרויסן געהערן אויך זיינע אָפּישן וועלכע ער האָט געמאַכט אין פאַרשיידענע צייטן פאַר כלערליי צוועקן.

אין 1959 איז אַרויס אין לאָנדאָן אין צווימנער פאַרלאַג פערנאַנד מורלאָס פּראַכטפולע אויסגאַבע „די אָריגינעלע פּאָוסטערס פון בראַק, שאַגאַל, דאַפי, לעדזשער, מאַטיס, מירא און פּיקאַסאָ".

שאַגאַל איז דאָרט פאַרטראָטן מיט 14 אָפּישן. סיי זייערע קאָלירן, סיי זייער פאָרם פון אַטראַקציע, סיי זייער אינהאַלט ווייזן אונדז דעם ערנסט מיט וועלכן דער קינסטלער האָט זיך באַצויגן צום דרויסן.

דאָ ווילט זיך אָבער דערציילן וועגן דעם רושם, וואָס שאַגאַלס

קאָלירטע שויבן האָבן אַרויסגערופן אין דער קונסט־ליטעראַטור. ניט בלויז זיינען די קאָלירטע שויבן פון ירושלים דערשינען אין ביכער־פאָרם, אין פאַמפלעט־פאָרם און אַלבאָמען, נאָר מאָנאַטלעכע און וועכנט־לעכע נאַציאָנאַלע זשורנאַלן האָבן געפונען פאַר נויטיק צו ווידמען ספּעציעלע נומערן צו די שויבן.

עס ווילט זיך דערפאַר אָפּשטעלן אויף צוויי גרויסע זשורנאַלן, וואָס האָבן אין באַזונדערע לענדער געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון זייערע ערנסטע לייענער צו דער געשעעניש פון שאַגאַלס שויבן.

.2

עס איז ניט געווען קיין צופאַל וואָס דער פּאָפּולערער פראַנ־צויזישער מאָנאַטלעכער זשורנאַל „רעאַליטע", וועלכער דערשיינט אין צוויי באַזונדערע אויסגאַבן, אין פראַנצויזיש און אין ענגליש אין פּאַריז, האָט זיין וויכטיקסטע יום־טוב־קריסטמעס אויסגאַבע געווידמעט שאַגאַלס ירושלימער שויבן.

געשען איז דאָס אין דעצעמבער נומער 1962. דער פלאַם־פייער־דיקער שער־בלאַט איז אַ מאַנטאַזש פון וויטעבסקער אָרימע הייזלעך, פון אַ ישיבה בחור מיט אַ ספר תורה אין די הענט, פון אַ קירך מיט אַ יעזוס צלם, פון אַ מאַמע מיט אַ קינד, פון דעם קינסטלער מיט זיין פּאַליטרע, פון אַ יידן מיט זיין פידעלע, פון בלומען,ביימער, הענט, אַ זון, אַ לבנה, און נאָך טיפּישע שאַגאַלישע צייכנונגען. אין פראָנט פון דעם מאַנטאַזש איז דאָ אַ קאָלירט בילד פון שאַגאַלן, זיינע גרויע האָר צעפּאַטלט, די בלויע אויגן אָנגעשטרענגט אין ווייט, דאָס פּנים ערנסט און פאַרזאָרגט.

די רעדאַקציע פון זשורנאַל זאָגט וועגן שער־בלאַט דאָס פאָלגנדיקע:

„מאַרק שאַגאַל, וואָס ווערט דאָ געוויזן אין פראָנט פון איינעם פון זיינע לייוונטן, האָט לעצטנס זיך אויסגעצייכנט, ווי רוא און מאַטיס פאַר אים, אויפן געביט פון קאָלירטע שויבן, צייכענענדיק די פענסטער פאַר ירושלים ווייזט ער אַרויס זיין מייסטערשאַפט פון קאָליר און באַוועגונג, נאָר מחמת דעם יידישן געזעץ האָט ער ניט געקאָנט פאַר־שטעלן די מענטשלעכע פאָרם. אָנשטאָט דעם האָט ער זיך געווענדט צו דער נאַטור, הויפּטזעכלעך צו דער וועלט פון בעלי חי, צו פאַר־טרעטירן די צוועלף שבטים פון ישראל, פאַר דער סינאַגאָגע פון פּאָליקליניק".

אין דעם אינהאַלט אַנאָנסירט די רעדאַקציע דעם אַרטיקל פון ראי מעקמיולען, א. ג. „שאַגאַלס ירושלים פענסטער" און מאַכט פאָלגנ־דיקן קאָמענטאַר:

„דער נייעסטער פון די מאָדערנע מייסטערס דורכצופירן אַ קונסט־ווערק פאַר אַ געבעט־אָרט, האָט שאַגאַל אינקאָרפּאָרירט דעם גאַנצן רייכן און קאָמפּליצירטן סימבאָליזם פון יודאאיזם אין זיינע קאָלירטע שויבן".

דער אַרטיקל מיט די וואונדערבאַרע רייכע אילוסטראַציעס פון די שויבן פאַרנעמען פולע 14 זייטן. דער איבערקאָפּ לייענט זיך: „מאַרק שאַגאַלס נייעסטע מייסטערווערק".

דער שרייבער פון אַרטיקל האָט געהאַט פאַר זיך גאָר ניט קיין לייכטע אויפגאַבע צו שרייבן וועגן די קאָלירטע ירושלים־שויבן. ערשטנס, איז פאַר אים ניט געווען קלאָר צי די שויבן זיינען אַ רעלי־גיעזער מאָטיוו; צווייטנס, ווי אַזוי קאָנען זיי אויסגעטייטשט ווערן, און דריטנס, צי זיינען זיי טיפּיש־שאַגאַליש.

ער הייבט דערפאַר אָן מיט דעם, וואָס אַנדערע האָבן צו זאָגן וועגן דעם ענין: „עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן אין שאַגאַלס ציקל פון צוועלף קאָלירטע שויבן געפונען בלויז דאָס גוט־באַקאַנטע פאַרווילנדיקע אין שאַגאַלן; אַנדערע — איך גלויב אַ מינאָריטעט — האָבן אין זיי געפונען אַ פרישע און ניט דערוואַרטע פראָפונדיטעט".

ער דערציילט וועגן אַ בוך וועגן די שויבן, וואָס איז לעצטנס דערשינען אין פּאַריז, אַרויסגעגעבן פון אַנדרע סאַרעט, מיט אַ פאָר־רעדע און באַמערקונגען פון זשין לעימאַרי, מיט רעפּראָדוקציעס און דאָקומענטאַציעס. די רעפּראָדוקציעס זיינען אגב איבערגעדרוקט אין דעם נומער, ווי אילוסטראַציעס צום אַרטיקל.

דער שרייבער קומט צום שלוס, אַז מען דאַרף אין זינען האָבן פיר זאַכן וועגן די שויבן: זיי זיינען יידיש, זיי זיינען פּאָסט־היטלעריש, זיי זיינען פּאָסט־קוביסטיש און זיי זיינען טיפּיש־שאַגאַליש.

„די דאָזיקע שויבן, ניט געקוקט אויף זייער ראָמאַנטישער פאָרם און די גאָטיש־קריסטלעכע דערמאָנונגען, וואָס קאָלירטע שויבן האָבן שטענדיק, זיינען דורך און דורך יידיש. זיי זיינען דערפאַר אָן אָפּשפּיגל און אַ פאַרזוך צו לייזן די איקאָנאָגראַפישע פּראָבלעמען, וואָס די קריסט־לעכע קונסט האָט קיינמאָל ניט באַגעגנט".

ער שטעלט זיך געניי אָפּ אויף די פּראָבלעמען, וואָס שאַגאַל האָט

געהאַט פאַר זיך, האַבנדיק אין זינען די פאַרבאַטן פון אָפּבילדער אין אַ שול און דעם מאַנגל אין רעליגיעזע (יידישע) סימבאָלן.

„די צוועלף זין פון יעקבן דאַרפן ניט באַטראַכט ווערן ווי העלדן אָדער הייליקע, לויטן קריסטלעכן און גריכישן פּאַסאָן, נאָר ווי יעקב, נאָך זיין ראַנגלען זיך מיטן מלאך, איז געוואָרן ישראל, אַ לעבעדיקער מעטאַפאָר פאַר אַ גאַנץ פאָלק, אַזוי זיינען זיינע צוועלף זין געוואָרן די ערשטע פּאַטריאַרכן און דאַן מעטאַפאָריש די צוועלף שבטים".

דער שרייבער גיט דאַן איבער, אַז שאַגאַל האָט זיך באַנוצט הויפּט־זעכלעך מיט די ביבלישע טעקסטן פאַר זיינע שויבן. ער קומט צום שלוס, אַז „די שויבן זיינען אַ רעזומע פון זיין קאַריערע און זיי אַנט־האַלטן אַ טייל פון זיינע פאָרמולעס, ווי אויך אַ סך פרישע אינספּיראַציע".

ער אונטערשטרייכט ווייטער זיין יידישקייט און די ווירקונג פון וויטעבסק אויף זיין קונסט. די טעמעס פון די שויבן זיינען, לויט זיין אָפּשאַץ נאָך, ווי פאָלגט: פאַנטעאיזם, קריסטלעכע סימפּאַטיע מיטן גאַנצן באַשאַף, פּרימיטיווע פרייד, יידישע פאַרפרעמדקייט, אַ פאַר־לאָרענער גן עדן, אַן אוממעגלעכער פערזענלעכער צוריקקער, ישראל־דיקער פּאַטריאָטיזם, ביבלישע דראַמע און דער הימלישער פּראָצעס פון געשיכטע".

ער פאַרענדיקט זיין ווידערשפּרעכנדיקן אַרטיקל מיט פאָלגנדיקע פראַגעס און אויספירן:

„זיינען די דאָזיקע שויבן טאַקע וועגן די צוועלף שבטים אָדער אַזוי וועגן שאַגאַלן? וועגן ירושלים אָדער וועגן וויטעבסק? וועגן גאָט און געשיכטע אָדער וועגן פייגל און הערינג, וועגן גערעכטיקייט אָדער ליבע? . . . וואָס ער האָט געשאַפן איז אַ קאָמפּלעט פון קאָלירטע שויבן מעטאַפאָרן, וואָס יעדע קאָן מיט געוויסע באַגרענעצונגען, זיך לאָזן פאַרשיידן אויסטייטשן.

„ער איז אַ פּאָעט וואָס, אָנשטאָט צו שרייבן אַז זיין ליבע איז אַ רויטע רויז, וועט פּשוט ווייזן דעם לייענער אַ רויטע רויז".

דער נומער „רעאַליטע" אַנטהאַלט אַכט פול־זייטיקע רעפּראָדוק־ציעס פון שויבן. זיי זיינען מייסטערהאַפטיק ארויסגעקומען אין דרוק. די קאָלירן פריטשמעליען אייך פּשוט. לעבן יעדן בילד ווערט אי געגעבן אַן אויסטייטש פון די סימבאָלן און קאָלירן, אי דער טייל טעקסט פון דער ביבל ווי שאַגאַל האָט אים גענוצט.

די בילדער זיינען פון: ראובן (בלוי, גרין און רויט). שאַגאַל

האָט זיך באַנוצט מיט פאָלגנדיקער פראַזע: „מיין כח און מיין ערשטע קראַפט, נאָר ניט זיכער, ווי וואַסער".

שמעון און לוי: גרינע גריווע אויפן מלחמה־פערד . . . „פאַר־שאָלטן זייער כעס, ווייל ער איז שטאַרק. איך וועל זיי צעטיילן אין יעקב און זיי צעשפּרייטן אין ישראל". אַן ערד־קוגל. בלוי און פיאָלעט.

לוי: אַ מגן דוד און די פיר העראָלדישע חיהלעך איבערן אָרון קודש. שאַגאַל דערמאָנט ניט די קללה, וואָס יעקב האָט אויך אויף לוי'ן אויסגעגאָסן. דער לוי האָט דאָך געהאַט אַ קינסטלערישע פונקציע און די העל־געלע און גרינע קאָלירן גייען גוט מיט דער בלויער קאָמפּאָזיציע פון דער שמעון שויב.

יהודה: פלאַם־פייערדיקער אָרום, ווייס, בלוי, געל אין דער מיט, דער לייב. „יהודה, דיך וועלן לויבן דיינע ברידער, דיין האַנט וועט זיין אויפן נאַקן פון דיינע פיינט".

זבולון: אַ רויט און בלויע שיף מיט אַ גרינעם מאַסט טראָגט זיך דורך אין אַ שטורעמדיקן ים ביי דער אונטערגייענדיקער זון. „זבולון וועט וואוינען ביים באָרטן פון ימען" און שאַגאַל האָט געשטעלט אין צענטער צוויי באַלעבאַטישע פיל־קאָלירטע פיש.

יששכר: אַ בייניקער אייזל מיט אַ מילד־בלוי פּנים מיט אַ פויגל אויף זיין רוקן. און שאַגאַל האָט אונדז געגעבן אַ גרינע פרילינגדיקע לאַנדשאַפט. „פריי זיך, יששכר, מיט דיינע געצעלטן".

יוסף: אַ שופר פון אויבן אַנאַנסירט די פריידיקע העלע קאָלירן פון דער קאָמפּאָזיציע. „אַ פרוכטיק בוימל ביי אַ קוואַל איז יוסף. די צווייגן שפּרייזן איבער דער מויער".

און בנימין: אַ פילקאָלירנדיקע ראָד קאָן זיין אַ סימבאָל פון דעם וואָס דרייט זיך: די ערד, די סעזאָנען, דער ציקל פון געשיכטע. „בנימין איז אַ וואָלף וואָס פאַרצוקט".

יעדע שויב רופט אַרויס אין אונדז אַנטציקונג סיי מיט די קאָלירן, סיי מיט דער פאַנטאַזיע וואָס זי רעגט אָן אין אונדז.

די לייענער פון „רעאַליטע" האָבן אין זייער קריסטמעס־שאַגאַל־נומער באַקומען עפּעס וואָס זיי וועלן ניט אַזוי גיך אַוועקלייגן אין אַ זייט. זיי וועלן זיך אומקערן צו דעם. זיי וועלן אַ נעם טאָן זייער ביבל שטודירן דעם קאַפּיטל בראשית מ"ט און באַוואונדערן די קראַפט פון דעם פּראָדוקטיוון, קרעאַטיוון, איבער 70־יאָריקן מאַרק שאַגאַל.

און נאָך אַלע סברות און דריי מיטן גראָבן פינגער באַקומט זיך

אַ קלאָר בילד פון יעדן שויב, אַ פאַרשטענדלעך, ביבלישע סימפאָניע פון קאָלירן און קאָמפּאָזיציע.

.3

אויך דער אָנגעזעענער אַלטער זשורנאַל „אַטלאַנטיק מאָנטלי", וואָס דערשיינט אין באָסטאָן, האָט געווידמעט אַ ספּעציעלע ביילאַגע צו שאַגאַלס קאָלירטע שויבן, אין זיין יולי 1963 אויסגאַבע. זי אַנט־האַלט 27 צוויי־עמודיקע זייטן. די אַרבעט איז פון דעם קונסט־קרי־טיקער קאַרלטאָן לעיק און זי הייסט: „דער קינסטלער ביי דער אַרבעט: מאַרק שאַגאַל".

דעם שרייבער איז געלונגען צו פאַרברענגען מיט שאַגאַלן אין קאַטעדראַל פון מעץ, בעת דער קינסטלער האָט צוגעגרייט די שויבן דאָרט. שאַגאַל האָט געאַרבעט און גערעדט און דער שרייבער האָט פאַרשריבן און אַלץ אָפּגעדרוקט. ער האָט שאַגאַלן קיין טובה דערמיט ניט געטאָן. ניט אַלץ האָט געדאַרפט אַרויסגעבראַכט ווערן אין דער עפנטלעכקייט. שאַגאַל האָט געמאַכט באַמערקונגען וועגן פּיקאַסאָן, וועגן כרושטשעוון, וועגן גאָט, וועגן זיך אַליין, באַמערקונגען אין אַן עמאָציאָנעלן מאָמענט, וואָס מען האָט שפּעטער חרטה דערויף. נאָר פאַרפאַלן. עס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן שוואַרץ־אויף־ווייס און טויזנטער ערנסטע לייענער האָבן געלייענט און געשטוינט.

דער שרייבער הייבט אָן מיט דעם, וואָס אַ פראַנצויזישער זשורנאַל האָט געשריבן, אַז שאַגאַל איז דער סאַמע באַליבטסטער מאָלער פון אונדזער צייט און אין זיין עלטער איז ער דער אומדערמידלעכסטער אַרבעטער פון אַלע הייננטיקע קינסטלער.

ער דערציילט, אַז די אויסשטעלונג פון די ירושלימער שויבן אין פּאַריז אין 1961 האָט געשלאָגן אַלע רעקאָרדס פון באַזוכערשאַפט, אַריינגערעכנט פּיקאַסאָס. אין ניו־יאָרק האָבן מענטשן געוואַרט צוויי און אַ האַלב שעה אין דרויסן צו קאָנען אַריין אין מוזיי פון מאָדערנער קונסט צו זען די אויסשטעלונג.

ער האַלט, אַז פאַרשיידנאַרטיקער ווי די שויבן אין ירושלים, זיינען די שויבן, וואָס שאַגאַל האָט געמאַכט פאַרן קאַטעדראַל פון מעץ.

שאַגאַל האָט זיך באַקלאָגט פאַרן שרייבער, אַז ס'איז מאָדנע, ווי די פראַנצויזן זיינען קעגן אַן אויסלענדער. דו לעבסט דאָ אָפּ די מער־סטע יאָרן פון דיין לעבן. ביסט אַ פראַנצויזישער בירגער. דו גיסט

דיינע 20 בילדער דעם מוזיי פון מאָדערנער קונסט. דו אַרבעטסט אומזיסט, דעקאָרירנדיק די קאַטעדראַלן. און דאָך זיינען זיי קעגן דיר. ביסט ניט איינער פון זיי.

דאָ איז שאַגאַל אַריינגעגאַנגען אין איינצלהייטן וועגן די שוועריקייטן וואָס ער האָט געהאַט אַלס אויסלענדער און ייד מיט זיין קונסט.

„ס׳איז שטענדיק געווען אַזוי. ווען אמבראַיז וואָלאר האָט באַשטעלט מיך צו אילוסטרירן די פאַבלען פון לא פאָנטעין, וואָס פאַר אַ גערודער און געשריי איז דאָס געוואָרן! מענטשן האָבן געשריבן בריוו צום רעדאקטאָר אין אַלע צייטונגען. אונדזער לא פאָנטעין! אונדזער נאַציאָנאַלער לא פאָנטעין איז אילוסטרירט געוואָרן פון אַ רוס! ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט ווי צו דער נאַציאָנאַלער אַסעמבלי. דעפּוטאַטן האָבן זיך אויפגעשטעלט און געהאַלטן פּראָטעסט רעדעס. וואָלאר האָט דערקלערט, אַז לא פאנטעין האָט געליען פון עזאָפּ, פון די גריכן, פון אָריענטאַלישע לעגענדעס — אפילו פון רוסלאַנד — און אַז איך בין פונקט דער מענטש וואָס קאָן דאָס אַלץ צונויפפלעכטן. ענדלעך האָבן זיי זיך איינגעשטילט״. נאָר, דערקלערט שאַגאַל, אַז כאָטש ער האָט געהאַט פאַרטיק געמאַכט די 100 ראַדירונגען אין 1926, איז דאָס בוך ערשט דערשינען אין 1952 דורך טעריאַד.

„און די ביבל! וואָס פאַר קאַשע מען האָט פאַרקאָכט וועגן דעם! רואָ איז געווען אויפגעקאָכט וואָס וואָלאר האָט געבעטן מיך — אַן אויסלענדער און אַ ייד — צו אילוסטרירן אַ בוך, וואָס ער האָט געפילט איז מיט רעכט איבערגעגעבן געוואָרן צו אים צו אילוסטרירן — אַ גוטער פראַנצויז, אַ גוטער קאַטאָליק, אַ גוטער בורזשואַ. ער האָט וואָלארן פאַרשאַפט גענוג צרות כל זמן ער האָט געלעבט. אפילו נאָך וואָלארס טויט, האָט רואָ געפונען אַ וועג ווי אָפּצוצאָלן אים דערפאַר. נו, אָט אַזוי זיינען זיי. מען קאָן ניט דערוואַרטן אַז זיי זאָלן זיך ענדערן איבערנאַכט״.

דער שרייבער דערציילט אַז שאַגאַל האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף די שויבן פון קאַטעדראַל אין מעץ און דאָס איבערגעלאָזט, כדי אָפּצוגעבן צוויי יאָר צייט פאַר די ירושלים שויבן, וועגן וועלכע ער ווידמעט פאָלגנדיקן פאַראַגראַף:

„שאַגאַל האָט גענוצט פיר באַזישע קאָלירן פאַר אַ ספּעציעל־פּראָצעסירטן גלאָז — רויט, גריק, געל און בלוי, וואָס איז אויסדריקלעך זיינס — און באַשאַפן אַ סימבאָלישע רעפּרעזענטאַנץ פון די צוועלף

שבטים פון ישראל; ניט קיין אילוסטראַציע פון זיי, נאָר אַ טראַנס־פּאָזיציע אין טערמינען פון לויטערן קאָליר און די בלומען און חיות פון זיין אייגענעם קעניגרייך, וואָס נעמט אַריין הימל און ערד. דאָס זיינען געווען דערמאָנונגען פון זיינע חדר־יאָרן — די מנורה, די ספר תורה, דער מגן דוד, ייִדישע אותיות, און אַנדערע דעראינערונגען פון זיין דערציאונג אין דער געטאָ פון וויטעבסק. הענט וואָס האַלטן דעם שופר און אַ באַזונדער אויג דאָ און דאָרט זיינען די נאָענטסטע אימאַזשן וואָס דערמאָנען אין מענטשן. אַלע צוועלף שויבן זיינען באַ־פעלקערט פון פיש, פייגל — טייל טראָגן קרוינען, חיות פון צווייפל־האַפטיקן אָפּשטאַם און פלאַנצן מכל המינים".

פאַרן קאַטעדראַל אין מעץ האָט שאַגאַל געמאַכט פאָלגנדיקע שויבן: „אברהמס קרבן", „יעקב ראַנגלט זיך מיטן מלאך", „יעקבס חלום", „משה פאַרן סנה".

אין „אברהמס קרבן" (עקידת יצחק) האָט שאַגאַל געשאַפן עפּעס וואָס איז געטריי דער מעשה פון חומש, נאָר ערגעץ־וואו איבערן קאָפּ פון אברהמען און ביי די אויסגעשטרעקטע אָרעמס פון מלאך איז קענטלעך אַ קליינער קרייץ מיט אַ סילועט פון אַ פיגור, וואָס ווערט באַשווערט פון קרייץ . . . עס וואָלט געווען טשיקאַווע צו הערן פון קינסטלער אַליין, וואָס דאָס באַדאַרף באַדייטן.

די פיר דערמאָנטע שויבן זיינען רעפּראָדוצירט אין „אַטלאַנטיק מאַנטלי", און די פולע קאָלירן אויף אַ הינטערגרונט פון גלאַנציקן שוואַרץ.

ס'וועט זיין אינטערעסאַנט צו דערמאָנען דאָ אַ פּאָר באַמערקונגען, וואָס שאַגאַל האָט געמאַכט צום שרייבער, ביי דער אַרבעט.

„קאָלירט גלאָז איז ווי דער קערפּער פון אַ פרוי. עס דאַרף באַקומען אויפמערקזאַמקייט און ליבע איבער יעדן סקווער סענטי־מעטער".

„יעקב האָט זיך געראַנגלט מיטן מלאך און איך ראַנגל זיך מיט יעקבן און מיטן מלאך".

„מען האַלט אין איין פאָדערן פון מיר, אַז איך זאָל אָנשרייבן דעם צווייטן באַנד פון ,מיין לעבן', אָנהויבן פון 1923 ביזן היינטיקן טאָג. איך וואָלט עס וועלן טאָן, נאָר איך בין מיד".

„איך האָב ניט מער קיין כח. אַחוץ, איז דאָס ניט מיין מעטיע. אפשר בין איך פויל. עס קומט מיר פשוט ניט אויס זיך צו נעמען דערצו.

איך האַלט אין איין פּיקן, אין איין פּיקן. ס'איז אַ מין משוגעת, אַ אידיאָטישקייט. נאָר וואָס דען קאָן איך טאָן? אויף דעם קליינעם פּלאַנעט, אין אונדזער וועלטל, מסתּם די קלענסטע פון אַלע, פון מי־ליאָנען אַנדערע, וואָס האָט דען אַ זין? פריינטשאַפט, אַ פּרוּוו צו ליבן, צו מאַכן אַ קינד, ניט אַנצולאָדן זיך מיט פאַלשער אינטעלעקטואַליטעט און גאווה פון לעבן. קוקט אויף זשיד'ן. געשטאָרבן ווי אַ הונט און קיינער לייענט אים מער ניט. קוקט אויפן שפּאַניער. ער שפּייט אויף גאָט. גאָט וועט אין גיכן אויף אים שפּייען. גאָט, וואָס האָט געמאַכט די מיליאָנען פּלאַנעטן, וועט שפּייען אויף אים דערפאַר וואָס ער איז שטאַרקער. יאָ, דער שפּאַניער מיט אַלע זיינע מיליאָנען און זיינע אַלע קאָנוויילערס און די איבעריקע, גאָט וועט שפּייען אויף אים, אַזוי ווי ער וועט שפּייען אויף כרושטשעוון. נאָר ער שפּייט ניט אויף קינדער. דאָס קינד איז דער געני, ניט דאָס גאַנצע וויסן וואָס אַ מענטש זאַמלט אָן, מחמת גאָט איז שטענדיק שטאַרקער".

ווייזט אויס אַז די מיטאַרבעטער אַרום האָבן אים אויסגעהערט און גאָרניט געענטפערט.

איך בין געווען שאָקירט צו לייענען דאָס אויבערשטע, קענענדיק שאַגאַלן און וויסנדיק אַז אַזעלכע רייד וועלן אים שפּעטער באַנג טאָן און זיכער שאָדן ברענגען. איך האָב אין אַ בריוו אויסגעדריקט מיין באַדויערן און אים געפרעגט צי האָט ער פריער ניט איבערגעלייענט וואָס לעיק האָט געשריבן. איך האָב קיין ענטפער אויף אָט דעם פּונקט ניט באַקומען, כאָטש שאַגאַל האָט מיר געענטפערט וועגן אַנדערע פּונקטן. דער אויסדרוק „דער שפּאַניער" איז פאַר אַזאַ יידיש־סענ־סיטיוון מענטשן ווי שאַגאַל, וואָס באַקלאָגט זיך אויף אַנטיסעמיטישע אויסברוכן קעגן אים, גאָרניט טאַקטיש. וואָס ער זאָל ניט האָבן קעגן פּיקאַסאָן, נאָר זיין אויסברוך וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן עפנטלעך, ווי זיין אַטאַקירן פון דער העלער הויט כרושטשעוון, ווען זיין טאָכטער אידאַ האָט אין מאָסקווע באַקומען די דערלויבעניש אַרויסצושיקן פון דאָרט אַ צאָל שאַגאַל־בילדער צו דער אויסשטעלונג אין יאַפּאַן, האָט שאַגאַלן מער שאָדן געבראַכט ווי נוצן. גאַנץ מעגלעך אַז מען האָט געהאַלטן אין אַרויסנעמען שאַגאַלס בילדער פון די קעלערן אין לע־נינגראַד און זיי „רעהאַביליטירן".

נאָך אַ פּאָר שאַגאַליזמען וואָס לעיק ברענגט אַרויס אין זיין אַרטיקל.

„איך האָב ליב זיך צוהערן צו מיינונגען פון מענטשן. איך פאָלג

ניט תמיד, נאָר איך הער זיך צו. דעם איינציקן מענטשן צו וועמען איך וועל זיך ניט צוהערן איז דער שפּאַניער. איך וועל זיך קיינמאָל ניט צוהערן צו אים״.

„... מיין פֿרוי איז קעגן מיין ספּעציאַליזירן זיך אין פּאַלעסטינע. זי איז ניט קיין נאַציאָנאַליסטקע. איך אויך ניט. נאָר איך האָב ליב די ביבל. און איך וועל זיך ניט איינקויפֿן קיין אָרט אין דעם פֿראַנ־צויזישן פּאַנטעאָן דורך אָפּזאָגן זיך צו אַרבעטן פֿאַר די אָרימע מענטשן אין ישׂראל אויב זיי פֿאַרלאַנגען עס פֿון מיר.

„סיי־ווי וועלן די פֿראַנצויזן זאָגן וועגן מיר דאָסזעלבע, צי איך וועל אַרבעטן פֿאַר ישׂראל צי ניט. שאַגאַל באַלאַנגט דאָרט, וועלן זיי זאָגן. ס׳איז אין זייער בלוט. אָט אַזוי זיינען זיי — און איך וועל ניט טאָן עפּעס אָדער אָפּזאָגן זיך צו טאָן עפּעס מיט דער האָפֿענונג אַז די פֿראַנצויזן וועלן האָבן אַ בעסערע מיינונג וועגן מיר. איך טו דאָס אַלץ אומזיסט. איך גיב בילדער פֿריי צום מוזיי נאַציאָנאַל ד׳אַרט מאָדערן, פֿאַר פֿראַנקרייך, ניט פֿאַר אַנדערע לענדער. און וואָס געשעט? ס׳איז אַ ביסל ווי דאָן קיכאָט. אמת, זיי האָבן פּאַרזיסט די פּיל אַ ביסל. ווינצ׳יקסטנס, זאָגן זיי, ,אַ גרויסער קינסטלער׳, נאָר דאָרטן, אין ישׂראל, וואו ער באַלאַנגט.

„איר ווייסט וואָס איך וואָלט געטאָן ווען איך וואָלט געהאַט מיין אויסוואַל? איך וואָלט מער ניט געמאָלן קיין בילד צום פֿאַרקויפֿן. איך וואָלט מער ניט געהאַט קיין אַנדער אויסשטעלונג אין אַ גאַלעריי, אין פּאַריז אָדער ערגעץ אַנדערש, וואו מענטשן קומען אַריין און לייגן אַוועק אַ פּעקל געלט צו קויפֿן מיינס אַ בילד צו דעקאָרירן זייער וואוינונג אָדער דערפֿאַר וואָס זיי טראַכטן אַז ס׳איז אַ גוטע אינוועס־טירונג. איך וואָלט פֿאַרבראַכט די רעשט פֿון מיינע טעג אין מאָלן די ביבל, ווי איך זע עס, און אויב איך וועל האָבן דעם כּח און די צייט, לאָזן אַ שליחות, אַן אָנזאָג — מיין, – Messages Bibliques – איר ווייסט, דער מעיאָר פֿון וואַנס איז דערווילט געוואָרן צו זיין אַמט דערפֿאַר, וואָס ער האָט אונטערשטיצט אַ בירגער־פּעטיציע וואָס האָט פֿאָרגעשלאָגן, אַז די שטאָט זאָל שאַפֿן אַ צענטער פֿאַר מיין Messages Bibliques. זיין קעגנער וואָס איז געווען קעגן דער אידייע איז דורכגעפֿאַלן. איצט האָט די שטאָט באַשטימט אַ שטיק לאַנד פֿאַר דעם צוועק. אַלץ וואָס זיי דאַרפֿן איז אַ געביידע אַלץ אַריינצונעמען״.

„אין אָנהויב האָבן זיי מיר פֿאָרגעשלאָגן אַן אַלטן טשאַפּל פֿון

זיבעצנטן יאָרהונדערט. ס׳באַלאַנגט צו דער שטאַט, נאָר די קירך האָט אַ רעכט צו האַלטן ,מעסע׳ דאָרט. נאָר איך האָב דאָס ניט געוואָלט. איך באַצוועק צו אינספּירירן אַ רעליגיעז געפיל אויף מיין אייגענעם אופן דורך ברענגען אַ שליחות, נאָר איך וויל ניט קיין פּריסטער אָדער וועלכע ס׳איז פאַרבינדונג מיט פּאַרמעלע דאָג־מעס — קאַטוילישע, יידישע, אָדער וועלכע ס׳איז אַנדערע. איך וויל בלויז שאַפן אַן אַטמאָספּערע פאַר מעדיטאַציע און שליחות. אַבסטראַקטע מאַלעריי איז דער אויסדרוק פון דער אַפּוועזנקייט פון אַ באַדייטונג. איך וויל דערמוטיקן אַ צוריקקער צו די אמתע ווערטן דורך די — Messages Bibliques —

שאַגאַל האָט גערעדט באַריכות וועגן זיין פּלאַן. ער איז געניגט אַז אַזאַ צענטער זאָל זיין וואו ער געפינט זיך, נאָר עס אַרט אים ניט אויב ערגעץ אַנדערש. „אַמאָל טראַכט איך, אַז עס וואָלט געווען גוט צו האָבן די Messages Bibliques אין אַמעריקע. איך האָב ליב אַמעריקע. מענטשן זיינען דאָרט אָפנהאַרציק. ס׳איז אַ יונג לאַנד מיט אַלע מעלות און חסרונות פון יוגנט. ס׳איז אַ מחיה צו פירן אַ ליבע מיט אַזעלכע מענטשן. נאָר מיין אויסשטעלונג אין מוזיי פון מאָדערנער קונסט אין ניו־יאָרק איז פאַרגעקומען מיט 17 יאָר צוריק. זינט דאַן זיינען געווען דריי מיראָ אויסשטעלונגען; דריי אָדער פיר פון פּיקאַסאָ, נאָר מער ניט פאַר מיר״. דער שרייבער האָט אים דערמאָנט וועגן זיין אויסשטעלונג פון די שויבן לעצטן יאָר, אויף דעם האָט ער געענטפערט אַז דאָס איז געווען עפּעס ספּעציעלעס.

שאַגאַל האָט דערקלערט אַז ער גרייט צו אילוסטראַציעס צו צוויי ביכער פאַרן טעריאַד פאַרלאַג: איינס „לאַ סירק״, מיט שוואַרץ און ווייס־גראַוויורן און אַ בוך פון זיינע אייגענע לידער, אילוסטרירט מיט האָלץ־גראַוויורן. צום ערשטן מאָל וואָס ער טוט עס. עס וועט אים דויערן אַ יאָר אָדער צוויי, נאָר ער וועט פאַרברענגען אַ דריי־פיר יאָר אויף „לאַ סירק״.

„נאָר די קאָלירטע שויבן אינטערעסירן מיך מער ווי אַלץ. וואָס איך וויל אַרויסבאַקומען פון גלאָז איז די פאַנטאַסטישסטע זאַך, ווי אַ קינד, און זאָל דאָס זיין די הויפּט־זאַך״.

אויף דער פראַגע ווען ער וועט פאַרטיק מאַכן די מעץ שויבן, האָט שאַגאַל געענטפערט: „ס׳איז שווער צו זאָגן. איך האַלט אין פאַרענדיקן דאָס צווייטע פענסטער מיט דריי לאַנצעטן: משה מיט די

לוחות, דוד און בת־שבע, ירמיהו און די יידן אין גלות. עס בלייבט נאָך איבער איין שויב: דער גן־עדן".

„סעזאַן און מאַטיס האָבן געמאַכט בילדער געלאַסענערהייט. אויך וואַן גאָג. זיי זיינען ניט געשפּרונגען אין דער לופטן. נאָר מיר אַנטשפּרעכן די היינטיקע צייטן. הייסע מלחמה, קאַלטע מלחמה".

„אפשר זאָל איך זיך אָפּרוען, זיצן אין מיין סטודיאָ און האַלטן אין מאָלן קליינע בילדער. גייסט אַריין אין אַ מוזיי, דו זעסט אַ שטיל־לעבן אָדער אַ לאַנדשאַפט. אפשר באַקוקסט דו דאָס. אָדער גייסט עס פאַרביי און קוקסט ניט אויף דעם. מוזייען זיינען פול מיט מיסט . . . נאָר גיי אַריין אין בראַנקאַצי טשאַפּעל. מאַסאַקיאָ הייבט דיך אויף און וויקלט דיך אַרום. צען טויזנט שטיל־לעבנס זיינען ניט ווערט איין פוס פון מאַסאַקיאָ. ס'איז דאָרט פאַראַן אַ פרוי מיט אַ קינד אין אירע אָרעמס, וואָס פאַרשאַטנט אַלע מאַטיס־בילדער אין אַלע מוזייען אומעטום.

„אין מיין קאָפּ זע איך אַ סך זאַכן, נאָר איך ווייס ניט צי איך וועל דאָס קאָנען רעאַליזירן. אויב כ'וועל האָבן די מעגלעכקייט, די כוחות. איך קאָן ניט טאָן אַלצדינג".

עס איז קענטלעך פון דעם לאַנגן אַרטיקל, אַז שאַגאַל האָט זיך געהאַט אַראָפּגערעדט פון האַרצן פאַרן שרייבער. מעגלעך, אַז דאָס אַרבעטן אין אַ קאַטעדראַל האָט געווירקט אויף דער שטימונג פון קינסטלער פון וויטעבסק און פון קינדער־חדר.

עס איז קלאָר, אַז ווי שאַגאַל האָט ניט אַרומגענומען זיין קוק אויף דער וועלט און אירע פּירונגען, ווי ער האָט זיך ניט געהאַט צו באַקלאָגן, אַז פראַנקרייך באַטראַכט אים נאָך אַלץ ווי אַן אויסלענדער, איז ער ווייט פון וויטעבסק ניט אַוועק.

דער גרויסער נס איז, וואָס ער האָט אַריינגענומען דאָס וועלטלעכע מיט די פּראָבלעמען פון קאָסמאָס אין זיינע אָרעמס און זיי באַהויכט מיט אַ דאַאיקן און ניט־דאַאיקן לעבנס־אָטעם.

דער צווייטער נס איז, וואָס שאַגאַל איז געבענטשט געוואָרן מיט ריזיקע אוצרות, פון וועלכע מיר געניסן און זיינען גרייט ווייטער צו שעפּן פון זיינע קוואַלן.

דורך זיינע „שויבן" האָט ער פאַר אונדז געעפנט אַן אַ שיעור פאַרמאַכטע פענסטער און עס האָט אַריינגעשטראָמט דורך זיי אַ העל ליכט, וואָס באַלייכט די פינסטערע חדרים פון אונדזער לעבן.

דער ערדישער מאַרק שאַגאַל

וואָס מער מען פאַרטיפט זיך אין די בילדער פון מאַרק שאַגאַל — און פאַרטיפן זיך מוז מען — אַלץ פרישער קומען זיי אַרויס, אַלץ גרעסער ווערט דער חידוש פון זיין צויבער.

איין זאַך איז זיכער — שאַגאַל איז אַ פענאָמען אין דער וועלט פון קונסט. אין זיין טאָג־טעגלעכער פשטות שטעקט אַ פילאָסאָפיע, אַ לעבנס־פילאָסאָפיע. אַנשטאט צו זוכן סתרי־תורה, דאַרף מען צוגיין צום טאָג־טעגלעכן קוואַל פון פאָלקלאָר און די טירן צו שאַגאַלס געהיימע קאַמערן וועלן זיך אויפפראַלן.

דער אמת איז, אַז שאַגאַל איז פון וויטעבסק ניט אַרויס. ס'איז אין זיין בלוט, אין זיין בליק, אין זיין געהירן. דער גרויסער נס איז, וואָס ער האָט אַריינגענומען דעם וועלטאַל מיט די קאָסמישע פּראָבּלעמען אין זיינע אָרעמס און זיי באַהויכט מיט אַ דאַיקן און ניט־דאַיקן לעבנס־אָטעם.

נאָך אַ נס איז, וואָס שאַגאַל איז געבליבן יונג אין זיין האַרץ, אין זיין מח, אין זיין אויג און טעמפּעראַמענט — קרוב צו זיין 80טן געבוירנטאָג. און דאָס וואָס ער גרייט זיך נאָך צו באַווייזן, דאָס וואָס ער באַווייזט כסדר אין זיין ענגסטן קרייז — עפּנט פאַר אונדז די ברייטסטע פּעריפעריעס און דרינגט אַריין אין אונדזער מהות און רעגט אָן צו טראַכטן און דערפילן זיין טרוים אוןווירקלעכקייט.

ער איז געבענטשט מיט ריזיקע עשירות, שאַגאַל, און ער טיילט אויס זיינע פאַרמעגנס צום כלל און מיר געניסן פון זיי און מיר זיינען גרייט צו שעפּן און שעפּן פון דעם ריינעם קוואַל.

שאַגאַל איז אַזוי טיף־מענטשלעך און מענטשלעך־פּשוט. זיין קריכן אין די הימלען איז אַ פאָלקסטימלעכער, אַ חסידישער, אויף די פליגל פון יידישן ווערטל און פאָלקס־אַרט.

זיין חתן־כלה, זיין מאַמע מיטן קינד, זיינע ליבעס־סצענעס, וואו דער מאַן איז דער האָן און די פרוי שטרעקט ארויס אירע פולע בריסט צום באַשערטן, זיין פאַרהערלעכן שוואַנגערשאַפט און האָבן דעמזעלבן מיטגעפיל צו דער קו, ווי צום מענטשן — אַלץ, אַלץ רעדט צו אונדז אויף אונדזער לשון און מאַכט אונדז מער באַוואוסט־זיניק צום זין פון לעבן, צו די עלעמענטאַרע נייגונגען און רייצונגען פון קדמונים אָן.

שאַגאַלס קאָלירן באַרוישן אייך, נאָר זיי זיינען ניט אויסטערליש. זיי זיינען דער אויסדרוק פון אַ הללויה צום לעבן און אַלע רעגונגען פון דער נאַטור, צום אויפגאַנג, צום זיין און געניסן. ווי טראַגיש די געשעעניש זאָל ניט זיין, ווי פינסטער דער הימל איז, — שטעקט הינטער אים אַ רעגנבויגן. שאַגאַל איז אַן אָפּטימיסט אפילו אין זיין טיפן צער. זייער זעלטן מאָלט ער מיט שוואַרצע פאַרבן. זיינע שוואַרץ־ווייסע גראַווירונגען זיינען באַחנט פון אַ פאַרבאָרגענעם געלעכטער און שקאָצעריי.

ניט קיין וואונדער וואָס ער איז פאַרליבט אין כלי־זמרים. זיי זיינען אַ טייל פון אים, פון זיין קוק אויף דער וועלט. יידל מיטן פידל, בערל מיטן באַס, איז ניט בלויז אַ ווערטל, נאָר אַן ענטפער אויפן טראַדיציאָנעלן „אוי־וויי". אַלץ אין שאַגאַלס בילדער שפּילט און באַוועגט זיך, וואָלט איך געזאָגט, מוזיקאַליש, צום ריטם פון טאַנץ, פון לעבנס־טאַנץ.

און איז דען ניט דער כלי־זמר אַ לעבעדיקער יאַט, וואָס פייפט

אויף דער וועלט מיט אירע צרות? שטעקט דען ניט הינטער זיין אויפטריט אַ כאַפּט־עס־דער־וואַטנמאַכער פילאָסאָפיע?

אָט אַזוי שילדערט ער זיי, שאַגאַל. דער פידלער מיטן גריגעם פּרצוף און פיאָלעטעווער קאַפּאָטע און וואוילינגערישן היטל וואָס אויף אַ זייט, מיט די געקעסטלטע הויזן, איין שוך שוואַרץ, דער צווייטער געל, איין האַנט גרין, די צווייטע העל־גרוי. ער זיצט אויף אַ בענקל, נאָר עס זיצט זיך אים ניט. וויפל יידישער הומאָר ליגט אין דעם בילד!

און ניט אומזיסט איז שאַגאַל אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין אַקראָ־באַטן, פּאַיאַצן, קונצנמאַכער און צירק־לייט בכלל. ער פילט זיך ווי איינער פון זיי.

און די הענער — די אַגרעסיווע מאַנצבילן, מיט די גיריקע בליקן, ווידעראָמאָל אַן אַנצוהערעניש אויף דעם מאַנצביל מיט זיינע גלוסטן. און די טענצערקע מיט איר פעכער און זיין באַליבטע כלה און פרוי בעלא מיט די שוואַרצע הענטשקעס — אַזוי מענטשלעך, אַזוי ערדיש.

דער טויער פון אַלטן בית עולם איז ניט שוואַרץ געמאָלן. דער בית עולם פאַרמאָגט די לעבעדיקע בלוי און פיל־פאַרביקייט פון דער לעבעדיקער נאַטור, ווי ער וואָלט אונדז געוויזן אַז דאָס איז אויך אַ טייל פון אונדזער עקזיסטענץ.

ער כאַפּט זיך צו צום שלח־מנות־טרעגער ווי צו עפּעס רעכטס, עפּעס וואָס איז אַריין אין זיין בלוט און ער איז אים מקנא וואָס ער טראָגט זיך, שוועבט ממש, צו דערגרייכן די יידישע היים און ברענגען מכל טוב. שיינט טאַקע אַרויס פון דעם בילד די פרייד פון פּורים אין שטעטל.

נעמט אפילו די בעטלער. זיי באַלאַנגען צו דעם מין וואָס פאַדערט, וואָס האָט זיין אָרט אין דער געזעלשאַפט, ווי ער ווערט פאַרבונדן מיט אַ יידישער חתונה, וואָס קאָן זיך ניט באַגיין אָן אים.

און ווער האָט עס אויסגעטראַכט אַז יידן האָבן ניט ליב קיין בלומען? ניט בלויז האָט בעלאַ געבראַכט בלומען פאַר איר חתן מאַרק, נאָר אַ בוקעט בלומען ביי אונדז הייבט אונדז ממש אין דער לופטן און ביזן לעצטן טאָג וועלן מיר געדענקען דעם עפּיזאָד וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ בלומען־בוקעט.

שאַגאַלס וויטעבסקער הייזלעך זיינען געוואָרן באַרימט איבער דער וועלט. ניט בלויז פיגורירן זיי אַצינד אין די „מוזיקלס״ אויף

כלערליי שפראַכן, נאָר אין די שלום עליכם ביכלעך, וואָס זיינען איבערזעצט געוואָרן אויף יאַפּאַניש און כינעזיש זיינען די אילוס־טראַציעס אימיטאַציעס פון שאַגאַלס שטובן. זיי זיינען, ווי אַלץ וואָס שאַגאַל האָט געמאָלן וועגן וויטעבסק, ווייט אַרויס פון דער ענגער אַטמאָספערע. איר קאָנט זיי אָנמעסטן אויף שלום עליכמס, פּרצעס, אַש׳ס און וויסנבערגס הייזלעך. זיי זיינען די בעסטע אילוסטראַציעס פון יידישן שטעטל בכלל.

רעכנט צו די צוויי־פּנימדיקייט און מיטן קאָפּ־אַראָפּאיקע און אויסטערלישע טיפן, וואָס מיר זעען אַמאָל ווען מיר פאַרמאַכן די אויגן און עפענען דעם מח.

און די ציגן וואָס באַגלייטן געוויינטלעך די כלי־זמרים און דעם גלות־יידן בכלל און די קירך־שפּיצן און די יעזוסעס, וואָס ווי זיי ווערן געשילדערט אין דער קונסט מיט אַזויפיל מעלאָדראַמאַטישן טראַגיזם, קומען זיי ביי שאַגאַלן אַרויס, אָן טרויער, אָן פּאַטעטיק, נאָר אָפט מיט אַ פרעג־צייכן.

קוקט זיך איין און לעבט זיך אַריין אין שאַגאַלס אויטאָפּאָרטרעטן און איר וועט דערקענען אין זיי אַ גוט־ברידערישקייט, אַ פּשוטן חי־וקים, וועמען איר קאָנט איינלאַדן צו זיך אויף אַ גלעזל טיי.

זיי זיינען אונדז בכלל נאָענט, שאַגאַלס מאָלונגען, זיינע טעמעס און זיינע אינטערעסן. ווי אייגן עס זיינען אונדז די אילוסטראַציעס צו בעלא שאַגאַלס ביכער „ברענענדיקע ליכט" און „די ערשטע באַ־געגעניש"! ווי ער וואָלט אַריינגעקומען צו אונדזער זיידן אין שטוב אַריין און אַלץ אָפּגעמענטשלט.

און די ביבל־פּאָרטרייטשונגען שאַגאַלס זיינען אַזוי קלאָר, אַז ווען דער רבי אין אַמאָליקן חדר וואָלט זיי געהאַט פאַר די קינדער, וואָלטן אַ סך שמיץ און פּעטש פאַרמידן געוואָרן.

און די פאַנטאַסטישע „אַראַבישע נעכט" און גאָגאָלס „טויטע נשמות" און לאַפאָנטענס פאַבלען און די קינסטלערישע שאַפונגען צו די לידער פון ליעסין, איציק פעפער און סוצקעווער, זיינען זיי ניט אַ טייל פון אונדזער ערדישקייט און קלאָרקייט?

און די אילוסטראַציעס צו זיין אויטאָביאָגראַפיע „מיין לעבן" . . . און די דעקאָראַציעס און קאָסטיומען־צייכנונגען צו „אַלעקאָ", „פייער פויגל", „דאַפניס און כלאָע", און די באַהאַלטענע ערשטלינגען פאַרן יידישן מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע און די פרעסקאָס און מוראַלן

אין פאַרשיידענע לענדער פאַר עפּנטלעכע פּלעצער, ווי אָפּערא הייזער, די „יו ען", „כנסת" און די קאַלירטע שויבן אין ירושלים, אין מעץ און זיינע אַפּישן פאַר פאַרשיידענע צוועקן און זיינע סעראַמיק־אַרבעטן און די פּלענער וואָס ליגן נאָך אין זיינע פעסטע פּויסטן — ווער קאָן באַנעמען דעם פאַרנעם פון אַ מאַרק שאַגאַל, צו זיין אַכציקסטן געבוירנטאָג!

דרינגען מיר דערפון אַרויס, אַז שאַגאַל איז ווייט פון צו זיין דער סטודיאָ קינסטלער. אין דער אמתן ציט אים דאָך צום דרויסן, צו די ברייטע מאַסן, וואָס זאָלן איינזאַפּן די קונסט און דורך זיי זאָל ער קלאָר מאַכן זיין לעבנס־גאַנג.

דערפאַר האָט שאַגאַל ליב צו לאָזן הערן פון זיך, דורך אַן אינטערוויו, אין וועלכן ער רעדט מער וועגן זיינע אָנשויאונגען, ווי וועגן דער טעכניק פון זיין קונסט. אים גייט מער אָן ווי די וועלט זאָל זיך נוהג זיין, ווי וואוהין עס גייט די קונסט.

און אויב שאַגאַל רעדט וועגן זיך ווי וועגן אַ קינד, אָדער ער איז חל צו שאַפן דעם איינדרוק אַז ער איז היפשלעך נאַאיוו אין די דרכים פון אונדזערע טעג — איז דאָס ניט ביי אים אַזאַ מאַניער, נאָר ער ברענגט אַרויס דעם אמת פון זיינע רייד און מחשבות אויף דעמזעלבן שטייגער, ווי ער פאַראייפאַכט זיין קונסט דורך די ציגן און חתונות.

מחמת דאָס קינד און די ציג און די שוואַנגערשאַפט און דאָס פידעלע זיינען דער וואונדער וואָס דאַרף אונדז דערהאַלטן ביים לעבן. פשטות דערקלערט, דאָס נאַאיווע גיט אַן ענטפער אויף גאָר אַ סך פאַרוויקלטע פּראָבלעמען.

שאַגאַל איז דער איינציקער און דער אָריגינעלסטער ביי אונדז יידן אין דער וועלט פון קונסט. ער איז אונדזער בן־יחיד און ער איז אויסגעבענקט נאָך דער יידישער אָנערקענונג, ווי שטאַרק די וועלט זאָל אים ניט אָנערקענען.

ער פילט זיך היימיש מיט זיין פראַנצויזיש און רוסיש, נאָר אינדערהיים איז ער ערשט ווען ער רעדט מאַמע־לשון, די שפּראַך פון זיינע וויטעבסקער יידן און זיין גרויסע אינספּיראַציע איז געבליבן — שלום עליכם און פּרץ.

די ביבל איז פאַר אים דער מקור פון נעכטן און היינט. וויפל ער שעפּט פון איר, ווייזט זיך אים אויס אַז ער דאַרף ערשט אָנהויבן

אויפסניי. די אָנגעוווייטיקע געשעענישן פון דער וועלט היינט־צו־טאָג זיינען אים שטאַרק נוגע, נאָר היימיש פילט ער זיך ערשט, ווען ער קאָן ווערן אינטים מיט דער וועלט.

זיינע בילדער זיינען אינטים; זיין צוגאַנג צו דער וועלט איז אינטים. ער האַלט אַז ליכט איז ליבשאַפט, אַז העלע קאָלירן ברענגען פרייד און מוט. און מחמת אונדזער וועג איז אָפט פאַרנעפּלט און פאַרפינסטערט, הייבט ער אויף פאַר אונדז זיין פיל־קאָלירנדיקן לאַמ־טערן און עס ווערט אונדז דערפון ליכטיק, וואַרעם און ליב.

צו גאַסט

יענעם זונטיק נאָכמיטיק זיינען מסתם מיליאָנען מענטשן געזעסן אין זייערע היימען און געוואַרט אויף גאָר פּראָמינענטע געסט, וועלכע מען האָט ניט געדאַרפט אויפנעמען מיט כיבוד, נאָר וואָס האָבן אַליין געבראַכט די באַטעמטע זאַכן אין הויז אַריין.

געקומען זיינען זיי, די געסט, פון פאַרשיידענע לענדער און וועלט־טיילן. און זיי זיינען געווען געבענטשטע קינסטלער, די גדולי־הדור — הענרי מור פון לאָנדאָן, מיראָ פון איטאַליע, אַלבערטאָ דזשיאַקאָמעטי פון דער שווייץ, אַלעקסאַנדער קאַלדער, סטואַרט דעיוויס און מאַרק שאַגאַל פון וואַנס, פראַנקרייך. געבראַכט האָט זיי די באַחנטע און באַהאַוונטע קונסט־מבינ'טע איילין סאַרינען. געקומען זיינען זיי אַלע דורך דעם וואונדערבאַרן קאָמוניקיר־מיטל — טעלעוויזיע.

זיי האָבן געוויזן זייערע ווערק און גערעדט וועגן זיי. גערעדט טעכניש, פּראָפעסיאָנעל, געענטפערט אויף די פראַגעס פון איילין סאַרינען. איר זענט געזעסן ביי זיך אין אַ באַקוועמער פאָזע און געלערנט און הנאה געהאַט און אפשר געוואָלט פרעגן פראַגעס און אפשר געטרוימט פון האָבן עפּעס פון די מייסטערס ביי זיך אין הויז.

די וועלט פון מאָדערנער קונסט — אַזוי אינטערעסאַנט און ניי, אַזוי פאַרכאַפּנדיק און אויך צעטומלענדיק, ווי די היינטיקע ציוויליזאַציע. ווער עס האָט זיך דערשראָקן, און ווער עס האָט ניט באַגריפן, און ווער עס האָט פאַרשטאַנען.

נאָר פון די אַלע דערמאָנטע קינסטלער איז ווי אין אַ זייט געשטאַנען מאַרק שאַגאַל. ער האָט זיך ווי ניט אַריינגעפּאַסט אין קרייז פון זיינע קאָלעגן. ער האָט ניט גערעדט וועגן זיין טעכניק, ניט אַרויסגעבראַכט קיין פּראָפעסיאָנעלע בייקייטן ווי די אַנדערע. ער איז אפילו ניט געווען מאָדערן אין דעם אָנגענומענעם זין פון די דעפיניציעס.

ער איז אַריינגעקומען צו דיר אין הויז ווי אַ גוטמוטיקער שכן, ווי אַן אַלטער באַקאַנטער, וואָס וויל זיך מיט דיר דורכשמועסן אינטים און דו דערוואַרטסט, אַז ער זאָל זיך נאָכפרעגן אויף דיין געזונט־צושטאַנד און אויפן וואוילזיין פון דיינע קינדער און אייניקלעך.

ער איז געקומען צו דיר מיט זיין „ביבליש וואָרט״, ווי ער וואָלט זיך אַליין דעפינירט. זיינע ווערק וואָס ער האָט דיר געוויזן זיינען געווען אַזוי נאָענט מענטשלעך, ווי אַ טייל פון דיר. דאָס אָרעמע געסל פון שטעטל (וויטעבסק); די חתן־כלה וואָס שוועבן אין דער לופטן שטאַרק פאַרליבטע און פאַרחלומטע; די פשוטע מענטשן, יידן אָרעם געקליידט, נאָר מיט אַ פידעלע אין די הענט. די פּאָעטישע פשטות פון טאָג־טעגלעכקייט, דאָס פּאָזיטיווע אין אונדזער עקזיסטענץ.

איז ער אפשר געווען דער איינציקער פון די חשובע געסט, אָט דער 78־יעריקער מאַרק שאַגאַל, וואָס האָט גערעדט צום האַרץ פון צוהערער און צוזעער. גערעדט אַזוי איינפאַך און אויך פאַרשטענדלעך, אַזוי נאָענט צו די פאַרלאַנגען און טרוימען פון מענטשן, אַזוי ערדיש און אינטים.

און געזאָגט האָט ער: „ווען איך עפן אויף די אויגן אינדערפרי ווילט זיך מיר זען אַ בעסערע וועלט, אַ וועלט פון פריינטשאַפט און ליבע. דאָס אַליין קאָן מאַכן דעם טאָג שענער און ווערט צו לעבן״.

און נאָך האָט ער געזאָגט: „אַז איך דערזע אַ שמייכל פון מיין פרוי אויף איר פנים, דאַן צעשמייכלט זיך אַלץ אין מיר, נאָר דאַן״.

אויף דער פראַגע וועגן זיין אינטערעס און אַרבעט אויף קאָלירטע שויבן, האָט ער געענטפערט אַזוי: „איך האָב ליב די דאָזיקע אַרבעט, דערפאַר וואָס זי אָפּעררט מיט ליכט. איך וויל, אַז עס זאָל זיין ליכט אויף דער וועלט. וואו ס'איז קיין ליכט נישט פאַראַן, איז קיין ליבע נישטאָ, איז קיין גאָט נישטאָ. און ליבע איז דער אינהאַלט פון דער וועלט״.

און ווען מען האָט געוויזן די קינסטלער אין זייערע היימען און סטודיאָס, איז עס אויך געווען שאַגאַלס אַטמאָספער וואָס האָט אייך דערוואַרעמט. גערעכט איז געווען איילין סאַרינען ווען זי האָט געזאָגט: ער האָט מיט זיך מיטגענומען זיין קינדהייט אויפן גאַנצן לעבן.

וועלכער ייִנגל האָט ניט ליב געהאַט קיין טויבן? שאַגאַל האַלט ביי זיך טייבעלעך, נישט צו עסן, נאָר צו באַוואונדערן זייער שיינקייט, זייערע קאָלירן, זייער נאָענטקייט צום מענטשן. די קאַץ איז אַ מיט־עסערקע ביי זיין טיש. ער האָט ליב די וועלט פון בעלי־חיים, נאָר נישט קיין מויז, זאָגט ער, טיפּיש־יידיש.

און אַזוי האָבן מיר געזען שאַגאַלס קרייז: אַ ייד אַ גייער, חתן־כלה, אַ בינטל בלומען, אַ ציג, אַן איינגעפאַלן הייזל, אַ קעצל, אַ קלאָון.

דאַכט זיך, אַז זיין גאַנץ לעבן אָפּעריִרט ער, שאַגאַל, מיט די זעלבע טעמעס. ער עקספּערימענטירט ניט מיט עפּעס נייס ווי די אַנדערע קינסטלער. נאָר זיינע אינטערעסן זיינען די אייביקע אַלט־נייע אינטערעסן, נאָך וועלכע עס זיינען אויסגעהונגערט דער קבצן ווי דער עושר — ליבע, שיינקייט, זיכערקייט, דאָס בלימל אַרום דיר, דאָס פידעלע אין די הענט פון אַ פּשוטן חי־וקים. מחמת וויפל מאָל מיר זאָלן ניט האָבן געזען שאַגאַלס חתן־כלה און זיינע ציגן, וועלן מיר דען ניט געפינען עפּעס נייס אין זיי?

דער 78־יאָריקער שאַגאַל רעדט ניט וועגן זיין עלטער, מאָלט ניט וועגן אַלטקייט. ער איז און ער וועט פאַרבלייבן ניט דער אַנזאָגער פון טרויער פון סוף, נאָר דער פּאָעט פון ליבע, דער פאַרליבטער אין ליכטיקע קאָלירן, דער פּראָקלאַמירער פון ערדישער פרייד, פון לעבן.

דערפאַר — וואָס ליכט דערוואַרעמט, ליכט דערהויבט, ליכט דער־נעענטערט.

אים איז אייגן אַלץ וואָס איז מענטשלעך, וואָס באַפּרוכפּערט און באַלעבט אונדזער ערד.

האָבן מיליאָנען מענטשן אין אַ זונטיקדיקן נאָכמיטיק געהאַט גרויסע געסט ביי זיך אין הויז. זיי האָבן געלערנט, זיי האָבן גענאָסן, זיי האָבן געשטוינט, נאָר איינער פון זיי, מאַרק שאַגאַל, איז געקומען צו זיי מיט אויגן אָנגעזאַפּט מיט ליבע פאַר זיי, מיט ווערטער פון פריינטשאַפט און מענטשלעכקייט.

און געוויזן האָט מען די פּרוכט פון זיין מי — אַן אָפּשפּיגל פון מענטשלעכע פאַרלאַנגען, טרוימען און דערגרייכן — ליבע, צאַרט־קייט, ליכטיקייט, שיינקייט.

און געוויזן האָט מען פאַר די אַלע מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער און ראַסן — אַ פּשוטן יידן, מיט אַ יידיש היטעלע און אַ לאַנגער קאַפּאָטע, דעם קבצן פון שטעטל, וואָס באַגלייט מאַרק שאַגאַלן אויף זיין לעבנס־וועג איבער גאָר דער וועלט.

און די וועלט האָט געזען, אַז דאָס איז געווען שאַגאַל אַליין, אָט דער אָרעמער, פאַרטראַכטער ייד, וואָס טראָגט דאָס זעקל אייביקע לאַסטן און גייט און גייט. און וואו ער קומט, ווערט ליכטיק, ווערט וואַרעם. ס׳איז די וואַרעמקייט, וואָס שטראַלט אַרויס פון אים, וואָס באַהעפט אים מיט זיין ברודער מענטש.

אָפּפּאָר

נעכטן, דינסטיק, דעם 14טן יוני, 11:30 אינדערפרי, איז אויף דער פראַנצויזישער שיף „ליבערטי" אָפּגעפאָרן צו זיך אַהיים אין פראַנקרייך דער וועלט־באַרימטער מאָלער מאַרק שאַגאַל מיט זיין פרוי.

ווען איך האָב זיך פאַריקן זונטיק געטראָפן מיט אים אין בראַנדעיס אוניווערסיטעט, בעת ער האָט באַקומען דעם ערן־טיטול, „דאָקטאָר פון געזעץ", האָט ער פאָרגעשלאָגן אַז איך זאָל קומען צו דער שיף.

שוין אויפן דעק, ווען איך האָב געפרעגט ביי אַ שיף־באַאַמטן וואו שאַגאַלס קאַבינע געפינט זיך, האָט זיך זיין פּנים צעשמייכלט און ער האָט געזאָגט: „איך האָב דעם גרויסן כּבוד צו זיין באַקאַנט מיט אים און זיינע ווערק".

שאַגאַלס קאַבינע (נומער 255) איז געווען פול מיט באַזוכער. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געזוכט פּלאַץ פאַר אונדז צו זיצן. דאָס אייציקע פרייע פּלאַץ איז געווען אויפן בעט. צו זיין פראַנצויזישן סעקרעטאַר האָט ער געזאָגט אין פראַנצויזיש: „דאָס זיינען מיינע יידישע פריינט". און איז אַריבער אויף יידיש און געענטפערט אויף אונדזערע פראַגן.

נאָך זייענדיק אין ניו־יאָרק מיט אַ צוויי וואָכן צוריק האָט ער געבעטן, אַז איך זאָל אים ברענגען עטלעכע קאָפּיעס פון דעם בוך „די ערשטע באַגעגעניש" פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, בעלא שאַגאַל. איך האָב אים אויך געבראַכט דוד מאַטיסעס בוך „די וועלט פון טשאַרלי טשאַפּלין", אין וועלכן עס געפינט זיך שאַגאַלס צייכנונג פון טשאַפּלינען. שאַגאַל האָט זיך מיט דעם בוך שטאַרק דערפרייט.

עס זיינען אַריינגעקומען נאָך באַגלייטער און איינער האָט דעם קינסטלער אַדרעסירט: „דר. שאַגאַל", האָט ער זיך געווענדט צו מיר און געזאָגט: „איך האָב שוין צוויי דאָקטאָר־טיטולן, נאָר דאָס העלפט

ניט, איך ווער אַלץ שוואַכער . . . אַלץ וואָס איך וויל איז אַרבעטן, נאָך אַרבעטן״.

ווען איך האָב געפרעגט מאַרק שאַגאַלן וועגן דער טעמע פון זיין פּראָיעקטירטן מוראַל (וואַנט-געמעל) אין בראַנדעיס אוניווער־סיטעט, האָט ער זיך אָנגעבייזערט גוטמוטיק: „עס וועט מיר נעמען מער ווי אַ יאָר דאָס צוצוגרייטן און איר ווילט שוין אַ טעמע״.

ביים געזעגענען זיך האָט ער געבעטן איבערגעבן הארציקע גרוסן פון אים צו אַלע באַקאַנטע. זיינע בלויע אויגן זיינען געווען אָנגעצונדן, זיין קינסטלערישן פּנים איז געווען אויסדרוקספול און זיך געטראָגן, ווי זיינע קונסט-ווערק, העכער איבער אַלע דעכער . . .

אויף דער בינע פון דער מעטראָפּאָליטן אָפּעראַ

די גילדענע ליכט לעשן זיך ווי ניט־ווילנדיק אויס, עס דערהערן זיך די נשמהדיקע טענער פון טשאַיקאָווסקיס מוזיק, דער ריזיקער פאָרהאַנג עפנט זיך פּאַוואָליע פאַנאַנדער און דו בלייבסט זיצן אַ פאַרגאַפטער פון די פאַרכישופנדיקע דעקאָראַציעס פון אונדזער גרויסן יידישן מאָלער, מאַרק שאַגאַל.

און וואָלסטו ניט געוואוסט פריער, אַז מאַרק שאַגאַל האָט געמאָלן די דעקאָראַציעס, וואָלסטו זיי סיי־ווי תיכף דערקענט. אָט איז די וואַנט־מאָלעריי אין טיפן בלוי, וואָס מאַניעט צו זיך, וואָס רעדט צו דיר אין אַזאַ פּאָעטיש־לעבעדיקער שפּראַך און עס דוכט זיך דיר, אַז וואָס מער דו קוקסט זיך איין אין די בלויע פאַרבן, אַלץ מער אָטעמט פון זיי מיט פרישקייט און יוגנט. און אָט, העט־אויבן אויף דער מאָלעריי, שטייט טראַציק דער רויט־רויטער האָן, דער עכט־שאַגאַלישער האָן, וואָס דער קינסטלער האָט אַזוי קלוג באַנומען זיין וויכטיקייט אין אונדזער וועלטל; דער זכר (זאָכער), דער אייביקער עָר, וואָס שטאָלצירט אַזוי מיט זיין מענלעכער קראַפט, דער ראַמעאָ פון אַלע מינים, דער ליבעס־העלד צווישן מענטשן, וואָס האָט אין זיך אַלע קאָמישע שטריכן פון הענדל און האָן.

טיפער בלוי — און איבער אים דער רויטער האָן, ווי אַ רויט האַרץ. און שוין האָט איר דעם לייט־מאָטיוו פאַרן גאַנצן באַלעט, „אלעקאָ".

נאָר פריער אַ פּאָר ווערטער וועגן אינהאַלט. אַלעקסאַנדער פּושקין

האָט פאַרפאַסט די באַרימטע פּאָעמע „ציגיינער״, פון וועלכן דער העלד איז אלעקאָ. טשאַיקאָווסקי האָט אָנגעשריבן די מוזיק און דער גרויסער באַלעט־מייסטער לעאָניד מאסין און מאַרק שאַגאַל האָבן דערפון געמאַכט דעם באַלעט „אלעקאָ״.

מאַרק שאַגאַל איז אַרויסגערופן געוואָרן קיין מעקסיקא סיטי אין זומער פון 1942, וואו דער באַלעט איז איינגעשטודירט געוואָרן. ער האָט געזאָלט מאַכן די דעקאָראַציעס, נאָר ער האָט געטאָן אַ סך מער ווי דאָס. ער האָט באַנומען פּושקינס פּאָעמע אויף זיין אייגענעם קינסטלערישן אופן און אַ דאַנק אים האָט זיך באַקומען אַ נייער באַלעט. שאַגאַל האָט אויך געצייכנט די קאָסטיומען, איבער וועלכע מאַדאַם בעלא שאַגאַל האָט געהאַט די אויפזיכט. נאָך דער ערשטער אויפפירונג אין מעקסיקא סיטי, זיינען די שאַפער פון באַלעט אַרויסגערופן געוואָרן אַכצן מאָל.

עס האָט פּאַסירט עפּעס נייעס אין באַלעט טעאַטער. אַנשטאָט די דעקאָראַציעס זאָלן זיין די סטאַטיסטן, אַזוי צו זאָגן, זיינען זיי אין „אלעקאָ״ אַרויסגעקומען די מיוחסים, ווי די פּרימא־באַלערינע, ווי די אַטראַקציע פון דער אונטערנעמונג. און די קאָסטיומען וואָס די טענצער טראָגן, שפּילן מיט, טאַנצן מיט. זיי זיינען אַזוי אָריגינעל און פּאַרכאַפּנדיק, אַז זיי קאָנקורירן גרייליך מיט די גראַציעזע פיגורן און באַוועגונגען פון די טענצער.

און ווען מ׳גיט אַ טראַכט, אַז עס זיינען געמאָלן געוואָרן 75 קאָסטיומען און יעדער קאָסטיום האָט זיך זיין אינדיווידועלן פּרצוף און חן, דאַן קאָן מען אָפּשאַצן די וואונדערלעכע אַרבעט וואָס שאַגאַל האָט אויפגעטאָן אין „אלעקאָ״.

.2

דער סיפור המעשה פון דער פּאָעמע איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר שאַגאַלס טאַלאַנט. דער רוסישער שטאָטישער יונגערמאַן אלעקאָ פאַרליבט זיך אין דער ציגיינערין זעמפירא און ער ווערט אַן אייגענער אין ציגיינערשן טאַבאָר. די ציגיינערקע איז די טאָכטער פון הויפּט. אין אָנהויב ענטפערט זי ווייליק אויף אלעקאָס ליבע־דערקלערונגען, נאָר שפּעטער געווינט איר ליבע אַ צווייטער ציגיינער און אלעקאָ שטורעמט פון איפערזוכט, ביז ער הויבט אָן ליידן פון אַ קאָשמאַר.

ער גייט אַרונטער פון זינען און ער דערשטעקט זיין ליבעס־קעגנער און זיין געליבטע. איר פאָטער וויל ניט נעמען קיין נקמה. זיין שטראָף פאַר אַלעקאָן איז, אַז ער זאָל אויף שטענדיק פאַרלאָזן די צי־גיינער אַטמאָספערע. גיי און קום מער ניט צוריק.

דער באַלעט איז איינגעטיילט אין פיר סצענעס. שאַגאַלס בלוי און רויט דעקאָראַציע פון דער ערשטער סצענע סימבאָליזירט די ליבע (בלוי) און אייפערזוכט (רויט). ס'איז נאַכט. די נאַכט־ציגיינער האָבן דאַביוועט אַ פערד; די קאָרטן־וואָרפערקע און דאָס ציגיינערל און די גאַנצע זאָרגלאָזיקייט שפיגלט זיך אָפּ אין טאַנץ.

אין די ווייטערדיקע צוויי סצענעס איז העלער טאָג. אַלע זיינען וואַך און גרייט פאַרן אַרבעטס־טאָג. די אַקראָבאַטן און די גאַסן־טענצער, די פּאַיאַצן און די באַנדורע־שפּילער. די דעקאָראַציע איז אַ לויב־געזאַנג — אין פאַרב — צום ליכט און לעבן.

און אָט איז אַ טייכל און אַ שיפל און אַ שאַגאַלישע בעריאָזקע (מיטן קאָפּ אַראָפּ) און אַן עכט אוקראַיניש פעלד פון גאָלדענע זאַנגען און איבער אַלץ שיינט די רויטע זון, ניין, ניט איין זון, נאָר צוויי זונען — איינע ווי אַ ריזיק שטיפעריש אויג און די צווייטע, ווי אַ מין קרוין, ווייל די זון זעט דאָך אַלץ און זי איז דאָך די קרוין פון באַשאַף און אין אַ ווינקל ליגט דאָס שטעטל. ניין, עס ליגט ניט, נאָר עס דרייט זיך אַרום דער זון. אַזוי זעט אַלץ שאַגאַל און אַזוי באַנעמט דאָס דער צושויער און ער טראָגט אויף זיך די פליגל פון קינסטלערס פאַנטאַזיע און ער פילט זיך גוט אין שאַגאַלס געזעלשאַפט, ווייל דער קינסטלער איז געבענטשט מיט אַ קלוגן הומאָר, מיט אַן אייגנאַרטיקן שטיפערישן חן און עס ווערט אייך קיינמאָל ניט לאַנגוויילי מיט שאַגאַלס פאַרבן און פיגורן און מאָלערישע איינפאַלן.

3.

מיר דוכט זיך, אַז קיינער קאָן ניט אַזוי באַנעמען שאַגאַלן ווי מיר יידן, ווייל יעדער האָט זיינער, יעדע פיגור פון פערד, יעדער בוים און יעדע ציג זיינע איז אַזוי עכט־יידישלעך.

אין דער דריטער סצענע שפּילן די קאָסטיומען אַן אָנגעזעענע ראָלע, קאָסטיומען פון פּויערים און פּויערטעס, פון אַ האַרמאָשקע־שפּילער און פון דאָרפישע קינדער.

די דעקאָראַציע פאַר דער פערטער, לעצטער סצענע, איז אַ מין בילד פון דער אַמאָליקער פּעטערבורג, מיט שאַגאַלס פּאַראַפראַזע אויף דעם דענקמאָל פון פּעטער דעם גרויסן אין פאָדערגרונט. אַ ברענענדיקע קאַנדעלאַברע ווי אַ סימבאָל פון רייכן לעבן; שפּיצן פון דענקמאָלער און קירכן און פּאַלאַצן און גרויסע און קליינע געביידעס — די אַמאָליקע „סטאָליצע".

אלעקאָס קאַשמאַר. ער איז אין דער הויפּט־שטאָט, צווישן לוקסוס און אָרימקייט; אַריסטאָקראַטיע און דאָס פאָלק; די פּאָליציי טרייבט די מאַסע. דער פּאָעט נעמט זיך אָן פאַרן פאָלק. שפּאַנונג אויף דער בינע. אין זיין קאָשמאַר מישן זיך אויס פאַרשיידענע אויסטערלישע פיגורן — פוקסן און פיש, אַ באַבע און אַ „דור", אַ פלעדער־מויז און אַ האָן, אַ פּאַנאַרטשיק און אַ קוטשער, אַ קניאַז און אַ גאָראָדאָוואָי — און סיי די טענצער, סיי די מוזיק און די קאָסטיומען ווירקן אויף אייער אויג און אויער און דרינגען אין בלוט אַריין. אַ וועלט פון קאָנטראַסטן און קאָנפליקטן — אַ דועל און אַ טייוול וואָס לאַכט. פון דראַמע־רייץ צו שטאַרקער שפּאַנונג. דער ברויזנדיקער פּושקין און דער טיף־פילנדיקער טשאַיקאָווסקי און דער שוועבנדיקער לעאָניד מאַסין און דער אַלץ־זעענדיקער וויטעבסקער ייד מאַרק שאַגאַל, וועמעס פאַרבן פילאָסאָפירן אַזוי פילבאַר און פאַנטאַסטיש.

און ניט־ווילנדיק גיסטו אַ טראַכט, אַז דער גרויסער קינסטלער שאַגאַל לעבט מיט אונדז אין ניו־יאָרק און מיר, יידן, שאַצן אים ניט אָפּ. וויפל יידן האָבן דען זיין אויסשטעלונג געזען, וויפל זיינען צו זיין „אלעקאָ" געקומען?

אין דער שטילקייט פון זיין אַטעליע שאַפט ער זיין קונסט און אויף זיין באַשיידענעם אופן נעמט ער אָן אָנטייל אין אונדזער געזעלשאַפטלעך יידיש לעבן. ער איז אַ מיטגליד פון יידישן קאָמיטעט פון שרייבער און קינסטלער. און אַלץ איז אים טייער און ער שטרעבט צו אייניקייט, צו גאַנצקייט, אָט ווי ער איז אַליין — גאַנץ און שעפעריש פערפעקט.

אַ פילם

געזען אַ פילם וועגן מאַרק שאַגאַל, אַ פילם וואָס איר טאָרט ניט פאַרפעלן צו זען. ער פאַרנעמט 26 מינוט און ניט נאָר בלויז זעען מיר די וואונדערבאַרע קאָלירן פון שאַגאַלס יידישע בילדער, נאָר אַ דאַנק דעם גרויסן לייוונט, קומען די בילדער אַרויס בולטער און יעדער דעטאַל לאָזט זיך קלאָרער זען. דאָס באַווייזט ווי באַלערנדיק ס'איז די פילם־טעכניק.

מיר זעען שאַגאַלס וויטעבסקער הייזלעך, די יידישע חתונה, דעם פידלער אויפן דאַך, זיינע ציגן און הענער. די געשעענישן פון דער וועלט, ווי מלחמה, אַנטיסעמיטיזם, מיטן קאָפּ אַראָפּ. ווינסענט פּרייס, דער נאַראַטאָר, מאַכט קלאָר דעם טייטש פון די בילדער און דער עולם זיצט פאַרגאַפט.

צום סוף זעען מיר שאַגאַלן אין זיין קינסטלערישער היים אין דרום־פראַנקרייך, ווי ער שפּאַצירט אַרום און שטודירט די בלומען און די טייבעלעך און ווי ער האַלט די פּאַליטרע אין האַנט און מישט די פאַרבן.

דער עולם ווייזט־אַרויס זיין באַגייסטערונג דורך אַפּלאָדירן דאָס וואָס ער האָט נאָר־וואָס געזען אויפן לייוונט. און געזען האָט ער ווי מאַרק שאַגאַל שטרעקט אויס זיינע הענט צו דער וועלט און ווייזט איר ווי זיין מלאך איז אַראָפּגעפאַלן אַ צעבלוטיקטער, אַ סימבאָל פון מלחמות אויף דער וועלט.

זיין ייד זיצט אַ טרויעריקער מיט דער ספר תורה און האָט ניט וואו צו גיין. זיין יידישער יעזוס הענגט אויפן קרייץ און פון יעדן בילד ווייזט זיך דער דראַנג נאָך שלום, נאָך שיינקייט און ליבע פון לעבן.

איבער דעכער

איר לייענט מסתם אין דער „מאָרגן־פרייהייט“ א. סוצקעווערס אויפטרייסלענדיקע באַשרייבונגען וועגן דער ווילנער געטאָ. דערציילט ער אַן עפּיזאָד ווי אין דרויסן האָט דער מערדערישער טויט אָוועקגעריסן אַן אויפהער און יעדער איינער האָט זיך געריכט, אַז ס׳קומט זיין לעצטע שעה. נאָר אינעווייניק אין אַ פּולן זאַל זיינען יידן געזעסן און זיך איינגעהערט צו דער לעקציע פון קינסטלער שער וועגן די מאָלערייען פון מאַרק שאַגאַל. און ווען באַמבערס זיינען געפלויגן איבער דער געגנט, האָט קיינער זיך ניט באַהאַלטן אין קעלער, נאָר געבליבן זיצן און געהערט די לעקציע.

היינט ווערט צוויי וואָכן זינט עס האָט זיך אין וויכטיקסטן קונסט־מוזיי אין ניו־יאָרק, אין „מוזיי פון מאָדערנער קונסט“ (53טע גאַס צווישן פינפטער און זעקסטער עווענין) געעפנט די גרויסע אויסשטעלונג פון מאַרק שאַגאַל.

דאָס איז די גרעסטע אויסשטעלונג פון שאַגאַלס קונסט דאָ אין לאַנד. פאַר דעם צוועק האָט זיך דער מוזיי צוגעגרייט כמעט אַ יאָר צייט. מען האָט געדאַרפט וואַרטן אויפן סוף פון דער מלחמה, כדי אויסצוגעפינען צי די דייטשע קאַניבאַלן און וואַנדאַלן האָבן ניט צעשטערט זיינע בילדער. די מוזייען אין האָלאַנד, בעלגיע און פראַנקרייך איז געלונגען אויסצובאַהאַלטן שאַגאַלס מאָלערייען. ווען דער ניו־יאָרקער קונסט־מוזיי האָט זיך צו זיי געווענדט, האָבן זיי די בילדער אויסגעליען און מיט גרויס פאַרזיכט און אָנשטרענגונג זיינען פון פאַרשיידענע לענדער פון אייראָפּע אָנגעקומען אַ צאָל בילדער שאַגאַלס.

פאַרנעמט די שאַגאַל־אויסשטעלונג פולע צוויי שטאָק אין מוזיי. איז דאָס באמת אַ געשעעניש אין אונדזער קולטור־לעבן, וואָס עס געפינען זיך דאָרט זיינע 62 אויל־בילדער און אַ סך מער גראַפישע אַרבעטן. און אַ געשעעניש איז אויך וואָס די אויסשטעלונג וועט אָנהאַלטן ביז סוף יוני. זייער, זייער זעלטן ווען אַ לעבעדיקער קינסטלער איז צו דעם זוכה און נאָך זעלטענער טרעפט דאָס מיט אַ יידישן קינסטלער, וואָס מאָלט יידישע בילדער.

נאָר ווי אַזוי איז אָט די אויסערגעוויינלעך פרײדיקע דערשיינונג אין אונדזער קולטור־לעבן אויפגענומען געוואָרן פון דער יידישער עפנטלעכקייט? יידישע קונסט איז אַן ענין וואָס ווערט מערסטנס איג־נאָרירט אין דער יידישער פרעסע. איין אויסנאַם איז די „מאָרגן־פרייהייט". דר. אייזיק קלומאַקס זאַכלעכע אָפּשאַצונגען איבער יידישע מאָלער דאַרפן פאַררעכנט ווערן צווישן די ווערטפולע דערגרייכונגען פון אונדזער צייטונג.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן ווי אַ קינסטלער פילט פאַר דער דער־עפענונג פון זיין אויסשטעלונג. מאַרק שאַגאַל איז געוואוינט צו האָבן אויסשטעלונגען און מען האָט וועגן אים געשריבן פיל ביכער אין אַ סך שפּראַכן. נאָר די איצטיקע אויסשטעלונג איז אַנדערש.

ניט ער האָט אויסגעשטעלט, נאָר מען האָט אים אויסגעשטעלט. דער באַרימטער קונסט־מבין דזשעימס סוויני האָט געמאַכט דעם אויסוואַל און דעם סדר פון די בילדער און ער האָט אויך געהאָלפן צונויפּשטעלן אַ קאַטאַלאָג פון שאַגאַלס אַרבעטן, וואָס ווערט אַרויס־געגעבן פון אַ צאָל קונסט־מוזייען איבערן לאַנד און וואָס וועט איינגיכן דערשיינען.

צום ערשטן מאָל האָט דער ניו־יאָרקער און אַמעריקאַנער קונסט־ליבהאָבער אַ מעגלעכקייט צו זען שאַגאַלס אַנטוויקלונג, שאַגאַלס קינסט־לערישע שטאַפּלען — פון 1908 ביז היינט־צו־טאָג.

מיר איז געווען אינטערעסאַנט צו זען און צו הערן ווי אַזוי דער עולם וועט אויפנעמען שאַגאַלס בילדער. די דערעפענונג איז פאָרגעקומען אין אָוונט, פון 8 ביז 11. דאָס איז געווען די פּרעמיערע, ווען עס זיינען געקומען די איינגעלאַדענע געסט פון מוזיי און קונסט־קריטיקער און קינסטלער.

איך ווייס ווי מאַרק שאַגאַל האָט זיך געפילט אין טאָג איידער די אויסשטעלונג איז דערעפנט געוואָרן. ער איז אויפגעשטאַנען אַן אומ־רואיקער, אונטערן איינדרוק פון אַ מאָדנעם חלום. מען האָט געדאַרפט אַרויסרופן פּאָליצײ, דערפאַר וואָס מען האָט זיך געקליבן שטערן די אויסשטעלונג. מען האָט ניט געוואָלט דערלאָזן צו אַן אויסשטעלונג פון יידישע טיפּן, פון יידן מוזיקאַנטן, פון יידישע חתונות, פון יידישן שטעטל. אַזוי האָט זיך שאַגאַלן געחלומט.

און שאַגאַל האָט זיך צומאָרגנס געפרעגט: אין דען ניט מעגלעך,

אַז אויך דאָ אין ניו־יאָרק, זאָלן אַנטיסעמיטן פּרואוון שטערן אַזאַ אויסשטעלונג?

עס האָט טאַקע שיעור ניט געהאַלטן דערביי, אַז מען זאָל אַרויס־רופן פּאָליציי, נאָר צוליב אַ פּאַרקערטער סיבה — צוליבן גרויסן ענטוזיאַזם וואָס ניו־יאָרק, די קונסט־ליבנדיקע ניו־יאָרק, האָט אַרויס־געוויזן צו דער אויסשטעלונג.

עס איז פּשוט געווען אוממעגלעך צוצוקומען צו דער אויסשטע־לונג אין דעם פּראַכטפולן, זייער גראַמען „מוזיי פון מאָדערנער קונסט". אַזאַ געדרענג, אַזאַ ריזיקן עולם האָט דער מוזיי זעלטן געזען. מען שאַצט, אַז פיר טויזנט מענטשן זיינען יענעם אָוונט געקומען צו דער שאַגאַל אויסשטעלונג.

עס איז געווען איינע פון די שווערסטע זאַכן צו זען די בילדער יענעם אָוונט און נאָך שווערער — זיך איינצוהערן וואָס מענטשן האָבן געזאָגט וועגן זיי. אַלץ וואָס מען האָט געקאָנט דערפילן איז געווען די יום־טובדיקע שטימונג וואָס עס האָט געהערשט צווישן דעם מענטשן־שטראָם.

דאָ האָט איר געקאָנט הערן רעדן אַלע לשונות, איבערהויפּט פראַנצויזיש און רוסיש. דאָ האָט איר געקאָנט זען די עלעגאַנטסטע דאַמעס און די שענסטע יונגע פרויען און בכלל די אינטערעסאַנטסטע פּנימער.

איר האָט געקאָנט הערן אויסרוף־צייכנס — „ווי וואונדערלעך!", „גרויסאַרטיק!", „אויסערגעוויינלעכע פאַרבן!", „ווי אָריגינעל!"

3.

קאָן איך ניט קאַווירן, אַז אַלע זיינען געווען עכט באַגייסטערט. ביי אַ געוויסן ליידיקגייער קלאַס איז קונסט אַ מאָדע־זאַך און אַ צייט־פאַרטרייב. ניט פאַר דעם עלעמענט האָט שאַגאַל געשאַפן זיינע פאָלקס־יידן און זיין פּשוטע חתן־כלה. גראָד די וואָס האָבן אַריינגעזאַפּט אין זיך זיין קונסט, זיינען געבליבן שטיין ווי פאַרכישופט פאַר זיינע בילדער און לאַנג, לאַנג זיי באַטראַכט, ניט ווי יענע וואָס האָבן מיטן פּענסנע אַ בליק געטאָן, אַרויסגעזאָגט אַן אויסרוף־צייכן און ווייטער שפּאַצירט.

בין איך אין אַ רואיקן נאָכמיטיק נאָכאַמאָל אַוועק זען די אויס־שטעלונג און — דעם עולם. ווידער געווען אַ מענטשן־שטראָם, נאָר

ביסט פון קיינעם ניט געשטויסן געוואָרן. ווידער געהערט אַלערליי לשונות, אַריינגערעכנט אונדזער מאַמע־לשון.

האָט מיך פאַראינטערעסירט אַן עלטער פּאָר־פאָלק פון גרענד רעפּידס, מישיגען. געקומען צוגאַסט אויף פּסח צו די קינדער, אויס־געפונען וועגן דער אויסשטעלונג און אָט זיינען זיי דאָ. האָט דער ייד זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון די דעקאָראַציע־צייכנונגען צו שלום עליכמס „ס׳אַ ליגן" און „מזל טוב", וואָס געפינט זיך אין מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. איז ער בכלל געווען אויסער זיך שטאָלץ און באַגייסטערט וואָס שאַגאַל האָט אויף זיינע גרויסע קאַנווּעס געהאַט יידישע בוכשטאַבן. קיין מבין אויף קונסט איז דער ייד, באַטירלעך, ניט, נאָר ער האָט זיך איבערגענומען, וואָס צווישן דעם קריסטלעכן עולם דאָ האָט ער געקאָנט לייענען וואָס עס שטייט אָנגעשריבן אויף די בילדער און, איבערהויפּט, וואָס ער פאַרשטייט זאַכן, וועלכע זיי פאַרשטייען ניט.

— נו, אַז איר וועט אָט יענעם הויכן, דאַרן ענגלישמאַן געבן אַ מיליאָן דאָלער, אַז ער זאָל אייך דערקלערן וואָס עס מיינט דער ייד אין טלית און תפילין, וועט ער דען דאָס פאַרשטיין?

אַזוי האָט דער ייד געפּרוווט איינטייטשן מיט מיר. אַן ענלעכן געפיל האָבן אויך געהאַט אַ פּאָר יידישע יוגנטלעכע, צו וועלכע איך האָב זיך איינגעהערט. זיי זיינען געווען שטאָלץ ביי זיך, וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען די יידישקייט אין שאַגאַלס בילדער. זיי האָבן מיטאַמאָל אַנטדעקט, אַז עס איז פאַראַן אַ יידישע קונסט. עטלעכע זיינען בכלל געווען דערשטוינט אויסצוגעפינען, אַז שאַגאַל איז ניט קיין פראַנצויז, נאָר אַ ייד.

ביי שאַגאַלס אילוסטראַציעס צו דער ביבל האָט דער עולם פאַרבראַכט אַ לאַנגע צייט. בכלל האָט יעדע יידישע טעמע אַרויסגערופן אַ לאַנגע באַטראַכטונג ביי יידישע צוזעער.

אָט איז אַ פּרוי געשטאַנען מיט אירע צוויי קינדער, אַ ייִנגל פון אַ יאָר 12 און אַ מיידל פון אַ יאָר 14 און זיי געפּרוּאווט דערקלערן די פּרעכטיקע „חתונה". „פּונקט אַזוי האָבן אָט־די טיפּן אויסגעזען אין מיין שטעטל", האָט זי געזאָגט.

און אַ יונגע יידישע פרוי, אָרים געקליידט, האָט געזאָגט צו איר חברטע וועגן שאַגאַלס „אַ הויז אין וויטעבסק": „איך וועל דאָס בילד אין מיין לעבן ניט פאַרגעסן. איך קאָן דערפון ניט אַוועקגיין".

איך האָב איר געגלויבט. איך האָב די אויסשטעלונג געזען אַ פּאָר מאָל און יעדעס מאָל ציט עס איך צום יידן אין טלית און תפילין. ער דרינגט אייך דורך, דער ייד, און ער זאַפּט זיך איין אין בלוט. דורות יידן רעדן פון אים אַרויס. ער איז דער אייביקער ייד.

קומט אָפּט אויס צו הערן ווי מענטשן זאָגן, אַז זיי הויבן ניט אָן צו פאַרשטיין קיין בילדער, איבערהויפּט שאַגאַלס בילדער. מיר דוכט זיך אָבער, אַז שאַגאַל איז זייער איינפאַך אין זיין קונסט, מען דאַרף אים פריער קאָנען דערפילן, וועט מען אים דאַן אויך פאַרשטיין. און גאָר גרינג דאַרף זיין פאַר איינעם וואָס איז באַוואָפנט מיטן יידישן לעבנס־אַרט, מיטן יידישן פאָלקלאָר, צו קאָנען אָפּשאַצן די וואונדערלעכע ווערק פון גרויסן יידישן מייסטער מאַרק שאַגאַל.

(„מאָרגן־פרייהייט״, אַפּריל 23, 1946)

אַרן קורצ׳ס „מאַרק שאַגאַל״

אין 1947 איז אין ניו־יאָרק דערשינען אין בוך־פאָרם אַרן קורצס פּאָעמע „מאַרק שאַגאַל״. ס׳איז אַ ווערק פון 93 זייטן, גרויס פאָרמאַט, מיט רעפּראָדוקציעס פון שאַגאַלס אַרבעטן.

די פּאָעמע איז באַזירט אויף ביאָגראַפישן מאַטעריאַל און פּאָעטישע אויסטייטשונגען פון די בילדער.

„איך וויל אייך דערציילן אַ מייסע.
איך וויל אַ לעגענדע דערציילן פון היינטיקער צייט.
פון אַ וויטעבסקער ייד און אַ ציגעלע אַ ווייסער,
וואָס גייט ווי זיין ליכטיקער שאָטן שטענדיק ביי זיין זייט״.

דער דיכטער האָט אַריינגעפלאָכטן אין זיין פּאָעמע פערזן פון

יידישן פאָלקלאָר ווי אַ נאָענטע קרובהשאַפט צו דער שאַגאַל טעמאַטיק. ס'איז אַ טיפּיש קורצ'שע פּאָעמע פון אַ סך רייד, רייכקייט פון לשון און אָפטע איבערחזרונגען, וואָס איז אין קעגנזאַץ, דוכט מיר, צו שאַגאַלס פּאַליטרע פון דערגרייכן מאַקסימום רעזולטאַטן מיט ווינציק שטריכן און נאָך ווינציקער עפעקטן.

א. קורצס פאַנטאַזיע פאַראַלגעמיינערט שאַגאַלס פשטות און לייגט אַריין טייטשן אין שאַגאַלס סימבאָליק, וואָס גרייכן ווייט־ווייט איבער דער מאָלערס קוק אויפן לעבן. מען פאַרגעסט, אַז קורץ באַצוועקט צו דערציילן אַ מעשה וועגן שאַגאַלן.

„ווער עס קאָן שאַגאַלן — קען
דאָס לעבן.
שטעל זיך
צווישן וויטעבסק און פּאַריז.
שטעל זיך צווישן מאָסקווע און מאַדריד, פּאַראיינס וועסטו
די וועלט דערקענען, און דעם מענטש, און זיך — דעם ייד.
די מאָס פון העכסטן וויסן איז
דער איינציקער מאָמענט: ווען דו באַנעמסט דעם סוד, דעם אָפּענעם,
וויפל מענטשן אויף דער וועלט עס האָבן ניט קיין באָד אין הויז.
ווי אַ טראָפּן רעגן האַלט זיך אויף אין ים —
האַלט זיך אין דעם מענטש דערדאָזיקער מאָמענט, דעמאָלט קוקסטו
אַף דער וועלט
דורך אַ שטוב אָן וואַסער,
דורך אַ הויז אָן שויבן — און האָסט די וועלט אַ נאַקעטע
דערקענט".

קורץ ציט ווייטער דעם פאָדים פון זיין פילאָסאָפיע און דערגרייכט אַזוי צו מענדעלען, פּרצן, גאָרקין און דערגרייכט צו

„ביי די וועלט־געבענטשטע וועגט פון סטאַלינגראַד".

דער דיכטער נוצט ווי אַ לייט־מאָטיוו —

„אונטער סראָליקס וויגעלע שטייט אַ קלאָר ווייסע ציגעלע".

די מעשה אין אַלגעמיין וועבט זיך אַרום די רעפּראָדוקציעס פון שאַגאַלן וואָס געפינען זיך אין בוך.

איינגעגעבן ביז גאָר האָט זיך קורצן זיין ליד צו שאַגאַלס „איבער דעכער".

„איבער דער
שטאָט
פליען פייגל. איבער דער
שטאָט
פליען שטערן.
איבער די דעכער גייט
די זון.
איבער די דעכער גייט
די לעוואָנע.
איבער די דעכער פליען די האָפנונגען פון קליין און גרויס.
איבער די דעכער טראָגן זיך
די זעאונגען פון דיכטער, און מיט זיי —
זייביידע —
ער און זי — אינאיינעם
אינאיינעם ווי צוויי לייכטע, לאַנגע, דינע סילועטן
ליכטיקע
פליען, פליען
צום אייגענעם הימל איבער דער שטאָט.
זייער ליבע גרייכט אין יעדער שטוב — ווי די זון,
ווי די לעוואָנע.
און ווי הויך זיי פליען ניט — זעען זיי אַלע נאָענט
איבער די דעכער,
איבער די בוידעמער —
וואו די צייט הערט ניט אויף צו פלעכטן פליגלען
אַף לאַנגאָניקע ליבע־טרוימען.
פליען ביידע,
האַלדזן זיך
און שפּיגלען זיך אין דווינע פליענדיק,
און פליענדיק
האַלדזן זיי גאַנץ וויטעבסק.

קורצן געלינגט אין איין שורה צו אַסאָציאירן —

יידל מיטן פידל,
בערל מיטן באַס:
שפּיל מיר אויף אַ לידל...
פ ו ן מ אַ ר ק ב י ז מ אָ נ פּ אַ ר נ אַ ס ״.

ביי קורצן איז שאַגאַל דורכאויס אַ מאָלער פון יידן, וועגן יידן און פאַר יידן.

די אַקראָבאַטן, קונצנמאַכער און אַנדערע צירק־טיפּן ביי שאַגאַלן פאַרבינדט קורץ מיט דער פּורים־שפּיל. ער באַנעמט שאַגאַלן אויף זיין אייגענעם אופן און עס באַקומט זיך מער קורץ ווי שאַגאַל.

ווען די פּאָעמע איז דערשינען, האָט שאַגאַל געמאַכט צו מיר פאָלגנדיקע באַמערקונג:

„ער איז אַ סימפּאַטישער ייד, קורץ, און אודאי בין איך אים דאַנקבאַר וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אַזויפיל אַרבעט אין דער פּאָעמע, נאָר איז דאָס טאַקע וועגן מיר? עס איז שווער מיך צו דערקענען, ווי מיינט איר?״

קורצס פּאָעמע איז אַרויס אין אַן ענגלישער איבערזעצונג, זי איז אויך דערשינען אויף אַ לאַנג־שפּילנדיקן רעקאָרד מיט קורצ׳ס אייגענער פאַרלייענונג. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער פאַר־לייענער און דער רעקאָרד העלפט בעסער צו פאַרשטיין די לאַנגע פּאָעמע.

סיי קורצס פּאָעמע און סיי זיין רעקאָרד געפינען זיך אין אַ סך יידישע היימען און זיי העלפן דעם לייענער און צוהערער צו פאַרטיפן זיך אין שאַגאַלס לעבן און ווערק. אין אַ צאָל קרייזן האַלט מען אַז קורצ׳ס „מאַרק שאַגאַל״ איז זיין קרוין־ווערק.

מאַרק שאַגאַל האַלט אויס דעם עקזאַמען

איך בין געווען ביי דער דערעפענונג פון מאַרק שאַגאַלס אויס־שטעלונג פון זיינע לעצטע בילדער אין דער מאַטיס גאַלעריי. דאָרט האָבן זיך געפונען די אָנגעזעענסטע קונסט־קריטיקער פון ניו־יאָרק, קאָלעגן קינסטלער און אַזוי מבינים פון קונסט. דער באַוואוסטער יידישער מאָלער וואלקאָוויץ איז געשטאַנען אין מיטן זאַל אַ פאַרגאַפטער און ניט געקאָנט געפינען גענוג ווערטער אויסצודריקן זיין באַגייסטערונג.

— ער איז ניט בלויז דער גרעסטער מאלער פון יידישן פאָלק, נאָר איינער פון די גרעסטע אויף דער וועלט — האָט ער געהאַלטן אין איין לויבן.

פנימער האָבן געלויכטן, אויגן זיינען געווען אָנגעצילט אויף די יידישע טיפּן און קוקנדיק אויף שאַגאַלס ציגן און יידן, וואָס „שוועבן העכער איבער אַלע דעכער", האָסטו זיך דערמאָנט אין לידער מיט וועלכע אונדזערע מאַמעס האָבן אונדז איינגעוויגט. „דאָס ציגעלע וועט פאָרן האַנדלען, מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען".

ביים אַרויסגאַנג פון זאַל ליגט אַ קאָפּיע פון אַן ענגלישן בוך פון פּראָפעסאָר וועגטורי וועגן שאַגאַלן. און אָט האָט אַ זשורנאַל וועגן טאַנצן געווידמעט אַ פולן נומער צו שאַגאַלס דעקאָראַציעס און קאָסטיומען צום באַלעט „אַלעקאָ" און צו סטראַווינסקיס באַלעט „דער פייער פויגל". און דער שיקאַגער אוניווערסיטעט האָט איינגעלאַדן שאַגאַלן צו רעדן וועגן זיין קונסט. און פון גאַנץ אייראָפּע קומען די טעג אָן שאַגאַלס בילדער וואָס פאַרשיידענע מלוכה־מוזייען לייען אויס דעם היגן „מוזיי פון מאָדערנער קונסט" פאַר אַ שאַגאַל אויסשטעלונג, וואָס וועט זיך עפענען קומענדיקן חודש.

נאָר מיט צווייַ וואָכן צוריק האָט שאַגאַל זיך מיטאַמאָל דערפילט זייער פאַרלאָרן — קינסטלעריש. ער גרייט זיך צו מאַכן דעקאָראַציעס צו סטראַווינסקיס באַלעט „דער גוטער סאָלדאַט", וואָס וועט אויפגעפירט ווערן צו אַ פעסטיוואַל פון מעטראָפּאָליטען קונסט־מוזיי. שאַגאַל האָט ניט געוואוסט, אַז עס איז פאַראַן אַ יוניאָן פון סצעניש ע אַרטיסטן און אַז ער דאַרף זיך אַנשליסן אין זיי כדי צו מאַכן דעקאָראַציעס פאַרן נייעם באַלעט. איז ער געווען זייער צופרידן צו ווערן אַ יוניאָן־מאַן, האָט ער מיר דערקלערט. נאָר ניט צופרידן איז ער געווען, ווען ער האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון דער יוניאָן, אַז ער דאַרף קומען אַ שבת אינדערפרי האַלטן עקזאַמען, צי ער איז גענוג קוואַליפיצירט צו קאָנען באַלאַנגען צו דער יוניאָן פון סצעניש ע אַרטיסטן פון „אַמעריקען פעדערײשאָן אָף לייבאָר".

— מייַן ספּעציאַליטעט איז שטענדיק געווען דורכצופאַלן אין יעדן עקזאַמען.

ניט ווייל עס איז אים, דעם גרויסן קינסטלער, ניט אָנגעשטאַנען צו האַלטן עקזאַמען, נאָר ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט דורכפאַלן.

— איך האָב קיין אײן עקזאַמען אין אַ קלאַס־צימער קיינמאָל ניט אויסגעהאַלטן — זאָגט שאַגאַל און זיין פּנים איז זייער ערנסט, נאָר זעענדיק, אַז איך לאַך, צעשמייכלט ער זיך אויך און פאַרלאַנגט פון מיר, אַז איך זאָל אים גלויבן . . .

— איך בין שוין ניט קיין יונגערמאַנטשיק. איך, למשל, וועל ניט קאָנען מאַכן דעקאָראַציעס פאַר אַ מיליאָנערסקן פּאַלאַץ. אויב, לאָמיר זאָגן, די יוניאָן וועט מיך שיקן אַהין אַרבעטן, אָדער הייסן, ביים עקזאַמען, מאָלן אַזאַ זאַך. איר פאַרשטייט, איך קאָן בלויז מאָלן קרומע וויטעבסקער הייזלעך, אַ יידישע חתונה, אַ יידישע ציג . . .

דאָך האָט שאַגאַל געענטפערט דער יוניאָן אַ בריוו, אַז עס וועט פאַר אים זיין אַ גרויסער כבוד קומען צום עקזאַמען. די יוניאָן האָט אים געהייסן מיטברענגען זיינע מכשירים: פּינזלס, באַרשטן, פאַרבן, לינעיקעס, בליישטיפטן, פּאַפּירן; געהייסן אים מיטברענגען „סאַמפּלס" פון זיין אַרבעט; אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל קומען אין אַרבעט־קליידער און אויך מיטברענגען פאַר זיך סענדוויטשעס, מחמת דער עקזאַמען וועט זיך פאַרציען און ער וועט אָנגיין אָן איבעררייס. ער וועט דאַרפן אָפּגעבן עקזאַמען — אין מעכאַנישע צייכנונגען, אַקוואַרעלן און דע־

קאַראַציעס. דער עקזאַמען וועט פאַרקומען אין דער געביידע פון דער יוניאָן לעבן דער 24טער גאַס.

.2

שאַגאַל איז געווען נערוועז, ווי אַ שילער פאַר אַ שול־עקזאַמען. נאָר דער געדאַנק, אַז ער וועט ווערן אַ יוניאָן־מאַן, זיין איינער פון מיליאָנען אָרגאַניזירטע אַרבעטער — אַט דער געדאַנק האָט אים אָנגעפילט מיט אַנטשלאָסנקייט צו ווערן אויסהאַלטן דעם עקזאַמען.

ער איז אַוועק אין „מוזיי פון מאָדערנער קונסט״ און געליען זיינע אַרבעטן, זיי זאָלן אים דינען ווי „סאַמפּלס״. ער האָט איינגעפּאַקט זיינע פּאַפּקעס און פאַרבן און באַרשטן און ליניעס און פּאַפּיר אין איין גרויסן פּאַק. ער האָט זיך אָנגעטאָן זיינע אַרבעט־בגדים און גאַנץ פרי אַוועק אין דער יוניאָן. אַזוי ווי ער קאָן ניט קיין ענגליש, האָט ער באַשטעלט זיך צו טרעפן מיט זיין איבערזעצער אין דער יוניאָן.

צוויי זאַכן האָט אָבער שאַגאַל געהאַט פאַרגעסן: 1. צו עסן פרישטיק און מיטצונעמען מיט זיך סענדוויטשעס, און 2. זיינע שפּאַקולן.

דערמאָנט האָט ער זיך אין די צוויי לעבנס־וויכטיקע זאַכן כדי צו קאָנען אויסהאַלטן אַן עקזאַמען, ערשט ווען ער איז שוין געשטאַנען ביי דער יוניאָן־געביידע.

ער איז געקומען גאַנץ פרי. נאָר פאַר אים זיינען שוין געשטאַנען אַ סך פאַך־אַרבעטער און געוואַרט ביז די טירן פון דער געביידע וועלן זיך עפענען. שאַגאַל האָט זיי באַטראַכט. יונגע, געזונטע אַמעריקאַנער, מיט אַרבעט־פּעק אונטער די אָרעמס. איינער האָט דעם אַנדערן באַקוקט. באַלד וועט מען דאַרפן ווייזן וואָס מען קען. פילן זיי זיך אויך נערוועז ווי ער? מסתמא קאָנען זיי מאָלן פאַר די רייכע הייזער, ניט אַזוי ווי ער, שאַגאַל, וואָס קומט מיט זיין באַגאַזש אָרעמע, קרומע יידישע וויטעבסקער הייזלעך.

איז ער אַזוי געשטאַנען אַ מינוט צען אין ריי. מיטאַמאָל האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ געפיל, אַז מיט אַ ליידיקן מאָגן קאָן מען קיין עקזאַמען ניט אויסהאַלטן. ער מוז עפּעס נעמען אין מויל אַריין. האָט ער איבערגעלאָזט זיין פּאַק ביי דער וואַנט און אַליין איז ער אַריין אין דערבייאיקן דראַג־סטאָר כאַפּן אַ „סענדוויטש״. ער האָט זיך געאיילט, נאָר ווען ער איז צוריקגעקומען זיינען די טירן פון דער יוניאָן

שוין געווען אָפּן און אַלע עקזאַמען־קאַנדידאַטן זיינען געזעסן אין אַ גרויסן קלאַס־צימער ביי זייערע אַרבעט־טישן.

שאַגאַל שטייט מיט זיין פּאַק און וואַרט. מיטאַמאָל קומט אַרויס פון אָפיס אַ מיטליעריקער מאַן מיט אַ רויט פּנים און גייט צו צו אים.

— איר זייט מר. שאַגאַל?

— און ווער זייט איר?

— איך בין מר. טאָמסאַן, דער דירעקטאָר פון דער יוניאָן.

מר. טאָמסאַן האָט אים געבעטן צו וואַרטן עטלעכע מינוט, ווייל „מיר האָבן איצט אַ זיצונג צו באַקלערן אייער ענין".

.3

אַ גרויסער צימער מיט אַ גרויסן טיש. אַרום טיש שטייען זיבן מענטשן — דער עקזאַמעניר־קאָמיטעט. דער פּרעזידענט נעמט אַ וואָרט און אַדרעסירט שאַגאַלן. איינציקע ווערטער פאַרשטייט ער, שאַגאַל. ער הערט דאָס וואָרט „עקסעפּציאָן", זאָגט ער, און ער פילט אין יענעמס טאָן, אַז „עס איז גוט פאַר יידן".

דער איבערזעצער דערקלערט אים, אַז דער פּרעזידענט האָט געזאָגט, אַז „נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט אייערע פאַרדינסטן און אייערע אויסגעצייכנטע אויפטוען אויפן געביט פון קונסט, מאַכן מיר דעם ערשטן מאָל אין אונדזער יוניאָן אַן אויסנאַם און מיר נעמען אייך אַריין אַלס מיטגליד אָן אַן עקזאַמען".

„איך בין געווען צופרידן" — זאָגט שאַגאַל — „אַלץ וואָס איך האָב געקענט טאָן, איז געבן יעדן איינעם די האַנט און זאָגן: ,מערסי, מערסי — זיבן מאָל'."

דאַן האָט זיי שאַגאַל איינגעלאַדן צו זיך „אויף אַ קאָקטעיל, מאָנטיק פיר נאָכמיטיק".

— „פיר אַזייגער מאָנטיק אַרבעטן מיר" — האָבן זיי דערקלערט.

האָט זיך שאַגאַל געזעגנט מיט אַ „מערסי" און אַ האַנט־דרוק. נאָך אַרויסגייענדיק פון דער געביידע איז ער אַריין אין אַ ליקער־קראָם און אַרויפגעשיקט אין דער יוניאָן פלעשער וויסקי מיט אַ דאַנק־קאַרטל.

„די גאַנצע פּראָצעדור האָט אויף מיר געהאַט אַ גרויסע ווירקונג", האָט געזאָגט שאַגאַל, „איך האָב באַקומען אַ שטראָם ליבע צו אַמעריקע.

עס איז מיר גוואַלדיק געפעלן געוואָרן דער גייסט פון דער יוניאָן־באַוועגונג. מיר דוכט זיך, אַז אויך די יוניאָן איז געווען זייער צופרידן פון מיין האַנדלונג. איך בין געקומען אָן באַדינגונגען, אין מיינע אַרבעט־קליידער, גרייט צו האַלטן דעם עקזאַמען, כאָטש איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל דורכפאַלן . . . איך פיל זיך איצט, ווי אַ טייל פון אַ גרויסער זאַך. איך ווייס, אַז פאַר איין יוניאָן־מאַן וועט זיך די גאַנצע גרויסע יוניאָן אָננעמען. עס איז גוט צו זיין אַ יוניאָן־מאַן. איך בין שטאַרק אַצינד".

און דאָס קינסטלערישע פנים האָט געשטראַלט און די שיינע בלויע אויגן זיינע האָבן אויסגעדריקט גלויבן און מענטשנליבע.

מערץ, 1964

25-7-1963

"LES COLLINES"
VENCE (A. M.)

ליבער סקווייער ראַמטש

איך בין געווען זייער צופרידן באַקומען אייער וואָרט
דאָס האָט מיר דערמאָנט ווי ווען איך בין געווען ראָמטש
ליידער זייער אומגליקלעך. און איר מיט אייער געבורטנאָג
סי' פּויטיי. (און צו מיר באַזונדער) האָט מיר געהאָלפן
פאַר באַלאַנסירן איר געסטער אַרויסגעבן. איך בין
צופרידן אַז אייער נאָך איין גרויס געוואָרן. איך האָב אַז
ער וועט זיין די שיינער גענטש און אייך. און וועט ליב
האָבן, קולטור און קונסט. (איך אויך נישט... שאַגאַל

לידער פון מאַרק שאַגאַל

מיין ווייטע היים

(אויטאָביאָגראַפישע פּאָעמע)

1

עס קלינגט אין מיר
די שטאָט, די ווייטע,
די קלויסטערס ווייסע
אין די שולן. די טיר
איז אָפן. דער הימל בליט.
דאָס לעבן פליט אַלץ ווייטער.

עס בענקט אין מיר
די גאַסן קרומע.
מצבות גראָע אויף אַ באַרג,
עס ליגן טיף די יידן פרומע.

אין פאַרב אין פלעקן,
אין ליכט, אין שאָטן
שטייט מיין בילד פון ווייטן,
איך וויל מיט דעם מיין האַרץ פאַרדעקן.

ניט זוכט מיך היינט, ניט זוכט מיך מאָרגן,
איך בין אַנטלאָפן פון זיך אַליין.
איך וועל פאַר זיך אַ גרוב פאַרזאָרגן
איך וועל צעגיין אין גרוים געוויין.

2

עס דאַכט זיך מיר, איך זע דעם פֿאָטער,
וואָס ליגט אין ווייטן אין דער ערד.
אַ גאַנצע נאַכט געבעטן האָט ער.
פֿון אַלץ איז ער געוואָרן פּטור,
געטויט האָט אים אַ קאַלטע שווערד.

דו האָסט אין שול געוואָרט אויף נסים,
אַ טרער, אַ ביטערע פֿלעגט פֿאַלן אויף דיין באָרד.
אברהמען און יצחקן, פֿאַר יעקבן דעם זיסן
פֿון הארצן האָסטו אויסגעוויינט אַ וואָרט.

אין שווייס האָסטו געהאָרעוועט אַ לעבן,
און וויינען פֿלעגן ווייגען דיינע הענט.
אַ בלייכער און אַ שטומער פֿלעגסטו אונז עסן געבן —
די קינדער דיינע אין אָרעמע פֿיר ווענט.

דו האָסט געלאָזן מיר ירושה —
דיין אַלטן, אויסגעוועפּטן ריח.
דיין שמייכל פֿליסט אין מיינע חושים
צו מיר אַריבער איז דיין כח.

עס שוועבט אין לופֿט די טויטע מוטער,
זי אָטעמט קוים און וויינט אַליין.
„וואו איז מיין זון, און איצט וואָס טוט ער?
געוויגט אַמאָל האָב איך זיין מולטער.
זאָל זיין געבענטשט זיין וועג און ריין.

„אין ווייטיק האָב איך אים געהאָדעוועט, געטראָגן.
געזויגט האָט ער ביי מיר מיין ערשטע קראַפֿט.
און פֿאַר אַ האַנט צו לייטן האָב איך אים געבראַכט.

„וואו ביסטו איצט, מיין זון?
דו ביסט אין מיין זכרון.
עס נעכטיקט טיף אין מיר אַ שטערנדיקע נאַכט.
און רואיק האָט זי מיר די אויגן צוגעמאַכט״.

פון דיר איז נאָר געבליבן ביינער.
די יונגע שיינהייט איז ניטאָ.
דו ליגסט אַליין צווישן שטיינער,
נאָר מיך האָסטו פאַרלאָזן דאָ.

איך וואָלט געקושט דיין זאַמד און גראָזן
און ווי דיין שטיין, וואָלט איך געוויינט.
אין מיין נשמה וואָלט איך איבערלאָזן
און ווי אַ מלכה דיך געקרוינט.

עס פליט דער קאָפּ פון אַלטן רבין
צו מיר אַנטקעגן מיט אַ גרוס:
„מיין תורה האָב איך דיר געגעבן,
מער וועט ניט זיין ביי מיר דיין פוס״.

ניטאָ מיין לערער מיטן פענזל, ניטאָ זיין בערדעלע.
אַ גזלן אים געהרגעט פאַר אַ צווייער.
אוועקגעפירט האָט אים אַ שוואַרץ פערדעלע
אויף יענער וועלט אים דורכן טויער.

עס האָט פאַרלאָשן זיך זיין לאָמפּ.
עס גיט אַ קוק אין שטוב אַ וואָלקן.
אַנטקעגן אים שטייט, ווי אַ גלאָמפּ
פאַרשפּאַרט דער קלויסטער מיט אַ פלאָקן.

דיין בילד, דאָס יידישע, אין בלאָטע
פאַרשמירט אַ חזיר מיטן עק.
איך האָב מיין לערער, שוין חרטה,
וואָס איך בין לאַנג פון דיר אַוועק.

דערמאָנט זאָל זיין דיין נאָמען — דוד,
מיין יונגער ברודער איז פאַרוויסט.
אַוועק פון לעבן אָן אַ כבוד
און קיינער וויים נים, וואו ער ליגם.

עס לאַכן, וויינען מיינע שוועסטער.
אין טירן שטייען זיי ביינאַנד.
זיי קוקן אוים עפּעס אין פענצטער
און זוכן גליקן נאָכאַנאַנד.

אַ הויז אַן אַלטע, אָן אַ פענצטער
און פינצטער איז אין איר ביינאַכט.
אַרוים פון איר בין איך דער ערשטער
און אויסגעשטרעקט האָב איך די האַנט.

איך זע דעם טייך, דאָס וואַסער קילע,
צום ברעג אין אָוונט גיי איך צו.
ער פליסט אין מיר אַריין אַ תפילה,
וואָס זינגט אין אָפּגרונט און אין רו.

דו גייסט צו מיר מיט לאַנגע האָר
מיט ליבע, צאַפּלדיק, אַנטקעגן.
און אויגן שענקסט דו מיר אַ פּאָר,
און שטענדיק וויל איך ביי דיר פרעגן:

וואו זענען מיינע ווייסע בלומען
פון אונדזער חופה אויף די וועגן?
צום ערשטן מאָל צו דיר געקומען,
אַ גאַנצע נאַכט ביי דיר געלעגן.

די לבנה האָבן מיר פאַרלאָשן
און אָנגעצונדן ווייסע ליכט.
מיין ליבע האָט צו דיר געפלאָסן
און אָפּגעעפנט דיין געזיכט.

די ביסט מיין ווייב פאַר מיר געוואָרן,
ווי מאַנדל־זים אויף לאַנגע יאָרן.
עס שענקט דיין בויך מיר אַ מתנה —
אַ טאָכטער שיין, ווי ראש השנה,
אַ דאַנק דיר, גאָט פון אָרון־קודש
פאַר יענעם טאָג פון יענעם חודש.

3

אָ, גיי אַראָפּ מיין ווייסער וואָלקן,
און נעם אַרויף מיך אין דער הויך!
איך הער ווי אונטן קלינגען גלאָקן
און פון די הייזער גייט אַ רויך.

עס וויל אַ וואָרט מיין מויל זיי זאָגן
צו זיי, פאַרשאָטענע מיט שניי.
ביז וואַן מיין אָטעם וועט מיך טראָגן,
וועט מיין נשמה זיין מיט זיי.

האָסטו מיך ניט, מיין שטאָט, פאַרגעסן?
עס רינט דיין וואַסער אין מיין גוף.
אויף דיינע בענק בין איך געזעסן
און אַלץ געוואָרט אויף מיין באַרוף.

וואו הייזער שטייען אויסגעקרומטע
און צום בית־עולם פירט אַ וועג,
וואו רינט אַ טייך, אַ ברייט־צעשווימטער
האָב איך געחלומט מיינע טעג.

ביינאַכט אין הימל פליט אַ מלאך,
מיט ווייס האָט ער פאַרבליצט די דעכער.
ער זאָגט מיר אָן — אַ גרויס מהלך —
מיין נאָמען וועט ער הויבן העכער.

איך האָב צו דיר, מיין פאָלק, געזונגען.
ווער ווייס, צי דיר געפעלט מיין ליד.
אַ שטימע גייט פון מיינע לונגען
און מאַכט מיך טרויעריק און מיד.

געמאָלט פון דיר האָב איך די בילדער
די בלומען, וועלדער, הייזער, מענטשן.
איך מאָל דיין פּנים, ווי אַ ווילדער,
און טאָג און נאַכט וויל איך דיך בענטשן.

געמאָלט די ווענט האָב איך די העלע,
די קלעזמער, טענצער אויף דער בינע.
מיט פאַרבן בלויע, רויטע, געלע
האָב איך געפאַרבט זיי, ווי אַ שכינה.

געשפּילט, געזונגען און געשפּרונגען,
געשפּילט האָט איר אַן אַלטן מלך,
געשפּילט מיט מיר און מיך דערשלונגען.
עס איז געווען אַזוי פריילעך.

עס גייט אַריבער מיין לבנה
פון יענעם לאַנד צו מיר צו גאַסט.
עס פאָכעט מיר אַ רויטע פאָנע,
איך כאַפּ זיך אויף אויף אונזער גאַס.

די וועלט איז דאָרטן אַ באַנייטע
משפּחות נאָענטע און ווייטע,
אַ חתונה געמאַכט אָן מיר,
און ווינטן טראָגן זיך פון איר.

איך הער די קולות פון דער ווייטן,
ווי מענטשן שטויסן זיך אין פרייד.
פאַרכאַפּט אַ לעבן, אַ באַפרייטן
מיט הייסע ביקסן און מיט רייד.

אָ, קריכט אַרוים פון טיפע גריבער
די מומעס, פעטערס און די זיידעס.
איר זײט, מיט מזל, פרייע בירגער.
איך בין פון וויטן אייער עדות.

דו שווייגסט מיין לאַנד,
דו ווילסט מיין האָרץ זאָל זיין צעבראָכן?
אויף קני אויסבעטן מיינע טעג?
אין מיר זאָל זיך אַ פייער קאָכן,
און דיר פאַרלאָזן מיין פאַרמעג?

איך וועל מיין בלוט, פאַרחלומטע דיר שיקן,
מיין אָטעם, ביסלעכוויז וועט רינען, ווי אַ טרער.
די לופט וועט זיך אַ בלויע וויגן
און שטיל ביים פלאַנקען וועל איך ליגן.

ביסטו, מיין לאַנד, אויף מיר אין כעס?
כ׳בין אָפן ווי וואַסער, פאַר דיר, אין אַ פלאַש.
דו האָסט מיך שוין לאַנג אין די וויטן פאַרוואָרפן,
וועל איך צו דיר קומען אויף אייביק צו שלאָפן,
און דו וועסט פאַרשיטן מיין קבר מיט אַש.

4

מיין פאָלק, דו אָרעמער, דו האָסט ניט מער קיין טרערן,
עס גייט פאַר אונז ניט מער קיין וואָלקן און קיין שטערן.
געשטאָרבן משה אונזערער, ער ליגט שוין לאַנג
אין זאַמד
געבראַכט דיך און פאַרטריבן צוריק פון אונזער לאַנד.

פאַרשוויגן שטום זענען די לעצטע אונזערע נביאים
זיי האָבן דורכגעשריען זייער האַלז פאַר אייך.
מען הערט ניט מער דעם ניגון פון יענע שירים,
וואָס האָבן זיך פון מויל געגאָסן, ווי אַ טייך.

און אַלע ווילן אין דיין האַרצן צעברעכן דיינע לוחות,
צעטרעטן ווילן זיי דיין אמת און דיין גאָט.
אַ וועלט אַ שולדיקע, וויל צאַפּן דיינע כוחות
און אין דער ערד נאָר לאָזן דיר אַן אָרט.

מען יאָגט, מען שלאָגט מיין פאָלק פון אַלע זייטן
עס פאַלט זיין קרוין,
עס פאַלט זיין מגן־דוד.
וואו איז זיין שיין?
וואו איז זיין כבוד?

ער רייסט מיט הענט דעם רויטן הימל
און וואַרפט זיין גלות אויף דער ערד.
אַ בליץ פאַרברענט זיין אַלטן שימל,
ער לויפט אַנטקעגן מיט אַ שווערד.

און אויב דו דאַרפסט שוין חרוב ווערן
פאַר אַלטע זינד פון לעצטן חורבן,
וועט אפשר אויפגיין אויף דיין אָרט אַן אַנדער שטערן,
און פון דיינע אויגן וועלן פליען טויבן.

איך וויל פאַראייביקן דיין וואונטש,
אַ נייעם אמת וויל איך קריצן.
פון לעבן זאָל פאַרבלייבן קונסט —
אַ קלאַנג פון דונערן און בליצן.

בעלאַ

צום פערטן יאָרצייט

דיין ווייסע קלייד שווימט איבער דיר,
די בלומען מיינע בלייבן ניט גערירט,
דיין שטיין ווערט גלאַנציק, דיין שטיין ווערט נאָס
און איך אַליין ווער גרוי ווי אַש . . .

היינט ווי נעכטן פרעג איך דיך:
צי בלייבסטו דאָ, צי גייסטו נאָך מיר נאָך?
זע די טריט מיינע פאַרוויקלטע אין טרערן.
וואָס זאָגסטו מיר? איך וויל זיך צוהערן.

. . . „ווי רויט עס איז געווען אונזער חופה
אַזוי איז אונזער ליבע צום פאָלק אין אונזער היים,
גיי און וועק זיי אויף מיט אונדזער טרוים.

ווי גרין די פעלדער ליגן אויף מיין גוף
און יעדע נאַכט בליצן מיר די שטערן,
אַזוי וועסטו צו מיר אַמאָל זיך אומקערן".

צו ישראל

צי זאָל איך בעטן גאָט וואָס האָט געפירט
  מיין פאָלק צום פייער,
צי זאָל איך מאָלן אים אין בילד פון פלאַם?
צי זאָל איך אויפשטיין פון מיין פלאַץ אַ ייד אַ נייער
און גיין אין קאַמף צוזאַמען מיט מיין שטאַם?

רעדעס און אַרטיקלען פון מאַרק שאַגאַל

וואָס מיר באַדאַרפן טאָן פאַר דער יידישער קונסט

אין עצם האָט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָ איז ניט מיין אָרט. איך בין דאָך נאָר אַ קינסטלער, און איר זייט דאָך וויסנשאַפטלער. אָבער איך בין דאָ, פונקט אַזוי ווי איר זייט דאָ, מיר האָבן די זעלבע שוואַכ־קייט: יידן.

און דווקא איצט, אין דער דאָזיקער שרעקלעכער צייט, אין דער צייט פון היינטמאָדישן אַנטיסעמיטיזם, ווילט זיך מיר אַן איבעריק מאָל אונטערשטרייכן, אַז איך בין אַ ייד. דערמיט אַליין בין איך נאָך מער אינטערנאַציאָנאַל אין גייסט — גאָרניט לויטן מוסטער פון די פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע טרייסלען זיך מיט פאַר־אַכטונג אָפּ פון זייער יידישקייט.

ס'איז דאָ אַ גאַנצע ריי מאָטיוון, פאַרוואָס איך בין דאָ.

אָט־אָ די הייזלעך און פלויטן אַרום אייך קען איך שוין לאַנג אויף אויסנווייניק, אָבער אייער הויז פון אינסטיטוט, כאָטש עס איז, דוכט זיך, אָרעם ווי אַ הייזעלע אויף מיינעם אַ בילד, איז עס אָבער גלייכצייטיק רייך ווי דער בית־המקדש.

באַגריס איך אים און באַגריס אויך אייך, די הויפּט־טוער און זיינע פריינט, וואָס האָבן אים געשאַפן. מיט אַ באַזונדערער ביטערער פרייד פילט מיך אַן דער געדאַנק, אַז אַן שום מיטלען, אַן שום שטיצע

פון דער מלוכה, בלויז מיט באַגייסטערונג און ליבשאַפט האָט איר מיט אייערע אייגענע הענט אויסגעבויט אַ הויז. אָט דאָס הויז וועט אין דער צוקונפט, אין דער תקופה פון אונדזער אויפשטייג, מעגן דינען פאַר אַ מוסטער פון עקשנותדיקער יידישער איבערגעגעבנקייט דער אידייע און דער קולטור.

די הויפּט־סיבה פון מיין קומען אהער איז נאָך אַמאָל דערמאָנען ניט נאָר אייך, ווילנער (ווייל איר האָט שוין אַ סך אויפגעטאָן אויף דעם געביט), נאָר די יידן פון דער גאַנצער וועלט, אַז אַ יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט איז טאַקע זייער שיין, — אָבער אַ קונסט־מוזיי אַ יידישער איז פּונקט אַזאַ שיינער און וויכטיקער ענין.

באמת, זינט דעם סוף 19טן יאָרהונדערט האָבן זיך יידן ווי פון אַ קייט אַ ריס געטאָן און אַזוי שטורמיש אַריין מיט זייער קונסט אין דער וועלט, אַז עס דוכט זיך מיר אויס, אַז דער דאָזיקער קולטור־צושטייער איז דער וויכטיקסטער יידישער צושטייער פון דער לעצטער צייט.

אָבער דערפון האָבן אַלע קוים־וואָס געהערט. די מאַסן און די אינ־טעליגענץ זעען דאָס ניט, אַלץ איז צעריסן, ניט קאָנצענטרירט, און מיר איז אַפילו ניט באַקוועם צו רעדן וועגן דעם, וואָרום איך בין דאָך עפּעס ווי אַ נוגע בדבר.

אָבער וואָס זאָל מען טאָן?

מיר יידן האָבן ניט קיין אייגענעם באַדלער, טעאָפיל גאָטיע, אַפּאָלינער, וואָס האָבן מעכטיק געשמידט דעם קינסטלערישן געשמאַק און די קונסט־באַגריפן פון זייער צייט. וואָס קאָן מען העלפן! ביי אונדז, אין דער יידישער געזעלשאַפט, האָבן מיר ניט קיין דיאַגילעווס, קיין מאָראָזאָווס, קיין שטשוקינס, וואָס האָבן מיט אַזאַ ברען און מיט אַזאַ פּאַרשטענדעניש געזאַמלט און אָרגאַניזירט די קונסט־קולטור.

און דאָס, וואָס ביי דער אינטעליגענץ בכלל און ביי די יידישע שרייבער בפרט פעלט אַן אינטערעס צו פּלאַסטישער קונסט, — זאָגט עדות, אַז די קונסט איז פרעמד און איבעריק אין זייער לעבן און זייער שאַפן, און אַז נאָר אויף ליטעראַטור שטייט ביי זיי די וועלט.

ווען די יידישע פּאָעזיע, די יידישע ליטעראַטור וואָלט געוועזן באַהאַפטן מיט אַנדערע קונסט־צווייגן בכלל און מיט דער פּלאַסטישער קונסט בפרט, וואָלט עס זי געמאַכט נאָך רייכער, וואָלט עס פאַר־שטאַרקט איר שוואונג סיי אין גייסט, סיי אין סטיל.

ווען מיר נעמען, למשל, די רוסישע ליטעראַטור, וואו די פּאַר־בינדונג פּושקינס מיט די פּסיידאָקלאַסיקער פון זיין עפּאָכע, גאָגאָלס מיט אַלעקסאַנדער איוואַנאָוון, טאָלסטאָיס מיט די „פּערעדוויזשני־קעס", טשעכאָווס מיט לעוויטאַנען, אָדער אין אונזער ליטעראַטור פּרץ און זיין פיינער חוש פאַר דעם מאָדערנעם פון זיין צייט, וועלן מיר, בין איך זיכער, אויסגעפינען, אַז זייער פאַרבינדונג האָט אָנגע־פילט זייער ליטעראַריש שאַפן מיט אַן אינטענסיווער פלאַסטישער אַקטואַליטעט, מיט אַ נייעם קוואַל פון עשירות, מיט אַ גרויסער פריש־קייט. און דערפאַר איז אויך זייער שפּראַך אַלמענטשלעך, ניט עטנאָ־גראַפיש, נאָר אויך רייך אין קינסטלערישן זין. אָבער דאָס איז אַ באַ־זונדער פּראָבלעם, אַ סך אַ וויכטיקערע ווי מען קאָן מיינען, און אפשר אויך אַ וויסנשאַפטלעכע. גיב איך עס איבער לויט דעם באַ־שטימטן אַדרעס צו אייך, מענער פון וויסנשאַפט.

פּשוט, מיר, נייע יידן, וואָס האָבן מיט טויזנטער יאָרן צוריק געשאַפן דעם תנ"ך, די ווערק פון די נביאים, דעם יסוד פון אַלע רעליגיעס פאַר אַלע פעלקער, ווילן מיר אויך שאַפן אַ גרויסע קונסט, וואָס זאָל האָבן אַן אָפּקלאַנג אין דער וועלט.

אָבער ניט די באַציאונג צו אונז מצד פרעמדע און מצד שונאים איז מיר אַ וואונדער. ניין, וואונדערן וואונדערט מיך די באַציאונג פון אַלע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט צו אירע קינסטלער, זייער באַטראַכטן די קינסטלער ווי עפּעס טוער פון אַ צווייטער מדרגה, וועלכע זיינען נישט זוכה אפילו צו אַ טייל פון יענעם רעספּעקט, וואָס עס רופן אַרויס ביי אונז פעך־קינסטלער אָדער טעאַטער־שאַפער, וועלכע האָבן אָפטמאָל גאָרניט וויניק צו פאַרדאַנקען דווקא אַ פלאַס־טיקער. עס גייט ניט אין דעם, וואָס יידן קויפן ניט קיין בילדער, שטיצן ניט די קינסטלער, הגם דאָס איז אויך אַן ענין אין דער היינטיקער קריזיס־צייט. וויכטיק איז די אויפמערקזאַמקייט, דער אינטערעס, און אויב דאָס ווייזט זיך אַמאָל יאָ אַרויס, איז עס דווקא צו דעם טאַלאַנטלאָזסטן און צו דעם געשמאַקלאָזסטן „קיטש".

אמת, סיבות פון אַזאַ מצב זיינען אַלעמען באַקאַנט. די תורה, וואָס האָט אונז געגעבן די עשרת הדברות, האָט אַריינגעגנבעט אַ געבאָט אויך: „לא תעשה לך פסל"...

אונזער מאָנאָטעאיזם איז געקויפט פאַר אַ טייערן פּרייז. דאָס יידנטום האָט זיך צוליב דעם געמוזט אָפּזאָגן צו באַטראַכטן די נאַטור

מיט די אויגן, און ניט נאָר מיט דער נשמה. דאָס יידנטום האָט אויפן רעליגיעזן באָדן מיט דעם אַלטערטימלעכן געצנדינסט, וואָס זיינע רעשטלעך געפינען זיך איצטער אין אַלע מוזייען פון דער וועלט, געראַנגלט זיך אַזוי, אַז עס איז געבליבן אָן אַ חלק אין דעם אוצר פון דער פּלאַסטישער קונסט. מיר האָבן גאָרניט איבערגעלאָזט נאָך זיך אין די וועלט־מוזייען אַחוץ ספרי־תורות אין די עלנטע שולן, וועלכע ווערן שוין ווייניק באַזוכט.

אָבער מיר, די נייע יידן, האָבן רעוואָלטירט קעגן דעם, ווילן מער ניט אָנערקענען אַזאַ צושטאַנד, ווילן זיין ניט נאָר אַן עם־הספר, נאָר אויך אַ פאָלק פון קונסט. דערפון שטאַמען די חבלי־לידה (גע־בורט־ווייען) פון אונזער קונסט, דערפאַר איז אַזוי אומעטיק די קינד־הייט אירע. דאָס אַלץ פאָדערט אַ גוטע אָרגאַניזאַציע און גוטן ווילן — צו זאַמלען קונסט ביי יידן און אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער געשיכטע פון קונסט, פּראָפּאַגאַנדירן קונסט ניט ווי אַ זאַך, וואָס איז מחוץ אונז, נאָר ווי אַ טייל פון אונזער אינערלעכן לעבן און צוגעבן מוט אירע שעפער.

דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט איז אַ טייערער אוצר, אָבער עס מוז אויך געשאַפט ווערן אַ קונסט־אינסטיטוט, נאַצי־אָנאַלע קונסט־פאָנדן, וואָס וועלן שוין ווייטער נערן און בילדן מוזייען אין די צענטערס פון יידישן לעבן. איר וועט זאָגן — דאָס איז אַן אילוזיע, אָבער דאָס אילוזיאָרישע און פאַנטאַסטישע, ווייזט זיך אָפט אַרויס, איז דאָס סאַמע רעאַלע. אַ סימן — דער ייווא גופא.

איך האָב צו דער ערשטער קאָנפערענץ פון ייווא, מיט אַ יאָר 6 צוריק, אייך געשריבן וועגן שאַפן אַ מוזיי ביים ייווא. איך ווייס ווי שווער דאָס איז. זאָל זיין בעסער שווער, ווי איילן זיך, ווי דאָס האָט מען געטאָן אין ארץ־ישראל, וואו מען האָט, ניט אַכטנדיק אויף מיינע וואָרנונגען, צונויפגעשלעפּט אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט, און די אָנפירונג איז אַריבער אין ווייניק־געניטע און ווייט ניט קונסט־מעסיקע הענט. דאָס נייע יידנטום נייטיקט זיך מער ניט אין איבער־חזרן די בצלאלס.

מען דאַרף ניט מיטאַמאָל קומען צום ציל. פאַראַן אַ גאַנצע ריי פּאָר־עטאַפּן, מאָראַלישע און מאַטעריעלע: פּראָפּאַגאַנדע, צוגרייטן קונסט־היסטאָריקער, מוזיי־קענער, אויסשטעלונגען אין עפנטלעכע אַנ־שטאַלטן, אַרבעטער־קלובן, שולן, עקסקורסיעס אין די אייראָפּייאישע

צענטערס, אויף די גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונגען; קינסט־לעריש אויסבילדן דעם לערער־פּערסאָנאַל, די שול־יוגנט, די שטו־דירנדיקע יוגנט פון סעמינאַרן און אוניווערסיטעטן, אַנטוויקלען זיי אויפן געביט פון קונסט, ווי מען אַנטוויקלט זיי ליטעראַריש. אַרויס־געבן ביכער און זשורנאַלן וועגן קונסט, וואָרום דער געשמאַק, דער יידישער, איז אַ שוידערלעכער, אַן אָפּגעשטאַנענער, און די אייגנע־גלויבקייט אין דער אייגענער מבינות איז נאָך גרעסער.

איך ענדיק מיט דעם געפיל, אַז אַלץ וואָס איך האָב געזאָגט און וואָס איך האָב פאַרשוויגן, וואָלט איך, אייגנטלעך, באַדאַרפט זאָגן אויף אַ צוזאַמענפאָר פון שרייבער און קינסטלער. אָבער די קינסטלער, ווי אַ סאָציאַלער עלעמענט, עקזיסטירט כמעט ווי ניט. די קינסטלער קאָנען זיך שווער צונויפרעדן, דאַרפן די אַנדערע, איר אַלע, קוקן אויף אונז אַקטיוו פון דער זייט, אָרגאַניזירן מיט שכל, מיט טאַקט און מיט אַן אינערלעכן חוש.

שוין לאַנג האָב איך געוואָלט אַרויסזאָגן די דאָזיקע עטלעכע ווערטער וועגן אונזער ראָלע, וועגן אייער ראָלע, וועגן דער ראָלע פון אונז אַלעמען, ניט נאָר פון די קינסטלער, ניט נאָר פון די וויסנ־שאַפטלער, נאָר פון אַלע יידן לטובת דער גאַנצער מענטשהייט. אין די טעג פון קריזיס, אַ קריזיס ניט נאָר אַ מאַטעריעלער, נאָר אַ גייסטי־קער, ווען אַרום דעם שטיקל ברויט צעפלאַקערן זיך וועלט־קריזיסן, מלחמות, רעוואָלוציעס, און די יידן האָבן ממש ניט מיט וואָס און וואו צו לעבן, איז פונדעסטוועגן ניטאָ קיין זיסערע שליחות, ווי ליידן און אַרבעטן פאַר אונדזער מיסיע, פאַר אונדזער גייסט, וועלכער לעבט אין אונזער תנ״ך, וועלכער לעבט אין אונזערע טרוימען וועגן דער מענטשהייט און וועגן קונסט, וועלכער קאָן העלפן אַרויספירן די יידן אויף דעם אמתן, אויף דעם ריכטיקן וועג, וואָס אויף צו גרייכן אים טוען די אַנדערע פעלקער נאָר בלוט פאַרגיסן, בלוט פון אייגענע און פון פרעמדע.

אויסצוגן פון אַ רעדע, וואָס מאַרק שאַגאַל האָט געהאַלטן אויף דעם אַלוועלטלעכן יידישן „ייוואָ״־צוזאַמענפאָר אין ווילנע, דעם 15טן אויגוסט, 1935, אויף דער ערשטער פייערלעכער זיצונג אינעם גרויסן יידישן „פאָלקס־טעאַטער״ ביים בייזיין פון 1,800 דעלעגאַטן און געסט.

עס קומט די צייט

(רעדע געהאַלטן ביים שאַגאַל־פּעפּער אָוונט, אַראַנזשירט
פון איקאָר, אַפּריל דעם 30טן, 1944.)

עס איז מיר באַזונדערס אנגענעם, אַז אין די טעג פון יידישן טרויער נאָך די געפאַלענע העלדן־קעמפער אין וואַרשעווער געטאָ — זיינען מיר היינט אויף אַן אָוונט, פאַר אַ דיכטער — אַ לעבעדיקער קעמפער פון אַ ניי לאַנד, וואָס שלאָגט אונדזער אַלעמענס שונא — אַ קעמפער, וועלכער באַזינגט העלדישקייט, מוט און האַס צום פיינט.

איך דאַנק אייך אַלעמען פאַר אייערע גוטע ווערטער. אָבער אין דער זעלבער צייט קלער איך: עס איז צופיל כבוד פאַר מיר צו זיין אַ גאַנצער „מחותן" אויף דעם אָוונט. איך בין זייער צופרידן צו זיין מיט אייך צוזאַמען און פייערן מיט אייך די דערשיינונג פון פעפער'ס בוך, כאָטש מיך פאַדריסט, וואָס איך בין דאָ אַליין אָן פעפער'ן. ערשטנס, וואָלט אונדז אַלעמען זיין אַ ביסל פריילעכער, און דערנאָך — וואָלט איך זיך דאָ ניט פילן ווי אַ שטיקל „אוזור־פאַטאַר", ווייל די זינגענדיקע לידער פון בוך האָט דאָך איציק פעפער אָנגעזונגען מיט זיין פולן יונגן קול, — קומט טאַקע דער גאַנצער כבוד אים.

איך האָב — ווי זאָל מען עס זאָגן? — אַ ביסל צוגעפייפט צום ליד. מיר דאַרפן אויך האַרציק דאַנקען די אַרויסגעבער פון פעפער'ס בוך — דעם איקאָר — און ראַנטש'ן, וואָס האָט מיט פיל ליבע און מי צונויפגעשטעלט דעם בוך.

נאָר עס איז אין עצם ניט נאָר פעפער'ס אָוונט — ס'איז אַן אָוונט פאַר אַלע די, וואָס ווילן זיך איבערגעבן כאָטש אין געדאַנק נאָך און נאָך אַמאָל וועגן זיין און אונדזערס גרויסער היימלאַנד, וועלכע ווייזט היינט אַרויס די גרעסטע קונסט צו זיין העכער פון קונסט.

אָבער אַזוי רעדנדיק גיב איך אַ קלער: אויב מען פאַרשטייט אפשר ניט מיין קונסט פון פאַרב, וואָס דאַכט זיך איז מיין „פאַך" — הייַנט ווי וועלן מיר זיך פאַרשטיין אויף ווערטער, וואָס איז ניט מיין פאַך? בין איך טאַקע זייער דאַנקבאַר מיין פריינט און גרויסן שרייבער שלום אַש און אויך דעם פיינעם יידישן קונסט־קריטיקער דר. קלומאַק און אַנדערע, וואָס האָבן אייך דערקלערט דאָ מיין קונסט, און ניט נאָר אייך, נאָר מיר אַליין.

עס איז געווען פאַר מיר אַ טאָפּלטער פאַרגעניגן צו מאַכן עטוואָס פאַר פּעפּער׳ס בוך. אמת, זייער ווייניק — ווי איך האָב געזאָגט — און אין איילעניש, אָבער אין יענער איילעניש, וואָס איילט זיך אויסדריקן נאָך און נאָך אַמאָל די געפילן צום פאָלק און צום לאַנד, וועגן וועלכער פּעפּער זינגט זיינע לידער.

פּעפּער׳ן אַלס פּאָעט האָב איך צוערשט דערקענט אין מאָסקווע אין דעם ברען פון דער רעוואָלוציע — אין דעם זאַל פון יידישן מלכה׳שן קאַמער־טעאַטער, וואו איך האָב דעמאָלט געאַרבעט, און אין דער מאַלאַכאָווקער קאָלאָניע, וואו איך האָב געלערנט קינדער אין שכנות׳שאַפט מיט די שרייבער דאָברושין, נסתר, האָפשטיין און אַנדערע . . . דערהערט אַ נייעם נאָמען, וואָס זאָגט אָן: „שאַ — איר אַלע לופט־מענטשן און לופט־קינסטלער — אָט קומען מיר מיט „פּראָסטע רייד".

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף די שרייבער. קיינער האָט זיך נישט דערשראָקן.

* * *

מער ווי צוואַנציק יאָר זיינען אַריבער. איך האָב זיך אויס־געטונקען אין אַלע אומעטן און אפשר אויך פרייד, וואָס איז באַ־שערט דורכגיין אַ קינסטלער פון 20טן יאָרהונדערט, דורך פּאַריז — די הויפּט־שטאָט פון קונסט.

און ווען אַהער זיינען געקומען מיין אַלטער פריינט, דער גרויסער קינסטלער שלמה מיכאָעלס צוזאַמען מיט פּעפּער׳ן — האָבן מיר דערזען אין אים אַן אמת׳ן יידן־רעוואָלוציאָנער פון גע־בורט און אַן אמת׳ן פּאָעט — אַ פּאָעט, אַן אַריינגעפּאַסטער אין דער אַלגעמיינער יידישער פּאָעטישער טראַדיציע, אָבער מיט אַ נייעם

קאַפּיטל — אַ נייער קאַפּיטל, ווי דאָס לאַנד וואָס האָט אים געבוירן איז ביי מיט איר אינהאַלט.

ניט יענעם לאַנד וואו איך, צום ביישפּיל, אַלס קינד, האָב זיך באַהאַלטן אונטערן בעט ווען אַ „גאַראַדאָוואָי" פלעגט דורכגיין הינ־טערן פענצטער אויפן גאַס.

ווען מיין לאַנד אין מיין פאָרשטעלונג איז פאַר מיר געוועז גרויס ווי אונדזער הויף — איז פאַר פּעפּערן פאַרשפּרייט זי זיך „פון ים ביז ים". און ער זינגט און פאָרט איבער איר פריי מיט אַנדערע יונגע ווי ער.

* * *

פאַר וואָס האָב איך ליב פּעפּער'ן?

אַזוי ווי צו דערקענען אַ מאָלער, הויבט מען אָן פריער פון זיין חוש פאַר פאַרבן; און צו דערקענען אַ מוזיקער — פון דער קוואַליטעט פון זיין שטימע און האַרמאָניע, אַזוי איז מיט דעם פּאָעט.

היינט צו טאָג (ווי שטענדיק, אגב) — עכטע פּלאַסטישע און פּאָעטישע קוואַליטעט גייען צוזאַמען מיט דעם לעבנס־גאַנג און דראַנג פון דעם מענטשן־קינסטלער.

דעריבער איז שווער אַ וואַקלדיקן קינסטלער, ווייל דאָס הייסט, אַז זיין קוואַליטעט וואַקלט זיך אויך מיט אים צוזאַמען.

יאָ, איך, וועלכער, ווי מען מיינט, כלומרשט אַ פאַרקריפּלטער קינסטלער אין סטיל, אין אינהאַלט און אין וואָס ניט — האָב ליב טאַקע דעם פּאָעט פּעפּער, ווענן וועלכן מען מיינט, מסתמא, אַז זיי פּאָעטישער וועג איז, פאַרקערט, אינגאַנצן „גלייך" . . .

עס גיבן היינט צווייערליי פּאָעזיע־קונסטן. איינע — אַ מין איבער־רעאַליסטישע, און אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דער ייד־רוס, דער פּאָעט פּאַסטערנאַק אַ פיינער ביישפּיל פאַר דעם.

דער צווייטער קונסט־פּאָעזיע כאַראַקטער איז די אַזוי־גערופענע גלייכליניקייט און קלאָרקייט פון אַ פּעפּער'ן.

אָבער ווי די אידעאַליסטישע קונסט־פּאָעזיע, ווען זי איז עכט, איז זי אין עצם גלייכליניק און פּשוט — זעט אויס אין איר עכטקייט די אַזוי־גערופענע גלייכליניקע און פּשוט'ע קונסט און פּאָעזיע איבער־

רעאַליסטיש — ווען זיי ביידע פאַרמאָגן אין זיך דעם לויטערן וואָרט־און פאָרם־מאַטעריאַל, ווען די ביידע ריכטונגען שטייען ווי אויף די לעצטע שטופעס פון זייער באַוועגונג, — נאָר די ניט־דערגרייכטע צו אַזעלכע שפּיצן אין קונסט — ווי אין לעבן, הינקען און מאַטערן זיך און אונדז.

איך האָב ליב „קאָנטראַסטן‟, אין וועלכע עס ליגט באַהאַלטן דער האַרמאָנישער אמת.

איך האָב איבזינען איינעם פון פיל אַנדערע ביישפּילן, ווען פאַר־שיידענע פאַליוסן אין קונסט באַגעגענען זיך ערגעץ־וואו. אָט איז דער קלאַסישער רעאַליסט פּושקין מיט זיין טיפן געשליפענעם ריטם און דער אָנגעצונדענער ראָמאַנטיקער באַדלער — דער פאַרשליי־ערטער אין חלומות פון פאַר׳כישופ׳טע גיפטיקע בלומען, — זיי באַגעגענען זיך דאָך אין זייער לעצטער עכטקייט. און איך דערמאָן זיך די לעצטע קונסט־עקספּערימענטן אין פּאַריז, וואו לעבן אַ בילד פון אַן אַלטן פּרימיטיוו פון מיטלאַלטער ווי דזשאָטאָ קאָן הענגען אַ פּיקאַסאָ און לעבן אים קאָן הענגען דער פאַר־רענעסאַנס־קינסטלער מאַנטעניאַ, און לעבן אונדזער מאָדיליאַני קאָן הענגען אַ ביזאַנ־טישע „איקאָנע‟, — און אייניקע בילדער פון דעם קינסטלער־נאַטור־ראַליסט און רעוואָלוציאָנער גוסטאַוו קורבע, וואָס האָט געוואָרפן אין דער פאַריזער קאָמונע־צייט די וואַנדאָמער קאָלאָנע אויף דער ערד — קאָן דאָך הענגען מיט דעם כישופ׳דיקן קינסטלער פון רע־נעסאַנס־צייט — דזשאָרדזשאָנע, און אַזוי ווייטער. און דאָס איז ניט „עקלעקטיזם‟ — פאַרקערט.

נאָר איך וויל זיך ניט אַריינלאָזן ווייט אין די פּראָבלעמען און זיין נעענטער צום בוך. איך האָב שטענדיק געטרוימט אין קינסט־לערישער אַרבעט פאַר ביכער — צונויפגיסן זיך מיט דער ליטעראַטור, סיי אונדזערער, סיי פון אַנדערע פעלקער.

אָנהויבנדיק פון דער ביבל, לאַפאָנטען, גאָגאָל, פּרץ, שלום־עליכם, ביז די לעבנדיקע הייַנט.

געמיינט עס טאָן ניט אַלס אילוסטראַטאָר בוכשטבלעך, נאָר ווי אַ סימן פון קונסט קרובה׳שאַפט, ווייל אַ חוץ וואָס יעדע קונסט האָט אירע אייגענע געזעצן און מיטלען, איז דאָ צווישן זיי אַ באַשטימטע האַרץ־ליניע, וואָס ענדלעך פאַראייניקט זי זיי.

צי האָט זיך דאָס מיר אַ ביסל איינגעגעבן, צי מיט קריסטן,

צי מיט יידן — איז אַן אַנדער פראַגע. נאָר אַט האָב איך אַמאָל, צום ביישפּיל, געסטאַרעט זיך עטוואָס מאַכן פאַר פרצ׳ס „פאָלקס־טימליכע געשיכטן״. אין דעם יאָר פון פרצ׳ס טויט איז געקומען צו מיר און מיך געבעטן עס טאָן אַ גוטער ייד, אַ געלערנטער, נחום שטיף. ערשט וואָס? זיין עסטעטישער געשמאַק, ווי די ברייטקייט פון פאַרלעגער, האָט זיי דערלויבט נאָר צו מאַכן פון מיינע צייכע־נונגען מיטן טעקסט עפּעס אַן אויסגאַבע פון עטלעכע בלעטלעך אויף ביליקער פּאַק־פּאַפּיר, וואָס קאָסט אַ גראָשן. עס פאַרשטייט זיך, אַז פון אַזאַ „אויסגאַבע״ און מיין האַרעוואַנע איז ניט געבליבן קיין זכר שוין לאַנג.

איך ווייס ניט, צי איך האָב געהאַט מער גליק מיט די לידער פון ליעסין, מיט פילע, פילע צייכענונגען פאַר אים, וועלכע ער האָט יאָרן לאַנג מיך געבעטן מאַכן פאַר אים. נאָר זאָל זיין גענוג פאַר היינט.

אָט איז די אָרימע ארץ־ישראל — גיט פאָרט אַרויס אין מלחמה־צייט אויף שיינע פּאַפּיר אַ פאָר מיינע ביכלעך מיט צייכענונגען . . .

עס פאַרשטייט זיך מיין פאַרגעניגן צו אילוסטרירן פּעפער׳ן, ווייל פון זיינע שורות האָב איך געפילט דעם פייער פון יענע העלדן. עס גייט פון זיי ווי אַ רויך, ווי אַ היץ פון דער ערד, און זיי טראָגן אין זיך דעם נייעם מענטשן.

איך פריי זיך אין אַלגעמיין, ווען איך זע אַ מענטשן אין לעבן און אין אים זע איך ניט נאָר אים אַליין, נאָר דורך אים אַ גאַנץ לאַנד, אַ פּייזאַזש, אַ פאָלק.

איך האָב אין מיין לעבן, צום גליק, ערגעץ־וואו געטראָפן אַזעלכע. און פאַר וואָס זיינען טאַקע טויזנטער יידן דאָ געוועזן באַגייסטערט ווען זיי האָבן דערזען מיכאָעלס׳ן און פּעפער׳ן? ווייל מען האָט געפילט דורך זיי אַ לאַנד, אַ פאָלק, אַ נשמה.

און איך גלויב היינט, אַז די, ביי וועמען טיף אין האַרצן ליגט דער גורל פון דעם ליידנדיקן יידישן פאָלק, וואו ער זאָל זיך געפינען, וועלן אָפּגעבן פיל כוחות צוזאַמען מיט אַלע פריינטלעך־פאַראייניקטע יידן צו ראַטעווען דעם פאָלק.

איך פריי זיך אין אַלגעמיין, ווען איך זע אַ מענטשן אין לעבן מיט זיינע קעמפנדיקע יידן מיט אַנדערע פעלקער דאָרטן, וועט זיין שטאַרקער און זיכערער צו מיטהעלפן די יידישע נאַציאָנאַלע רעטונג

אומעטום, און אפילו אין ארץ־ישראל — מער ווי יענע אַנדערע, מיט זייערע לאַנג־פאַרשפּראָכענע און ניט־געהאַלטענע ווערטער און „ווייסע פּאַפּירן"...

* * *

ווען איך בין געווען גאָר יונג, האָב איך געוואָלט איינגעמען וועלטן. איצט וויל איך „איינעמען" נאָר איין וועלט אין קונסט: שאַפן עטלעכע בילדער. און דאָס איז שווער, ווייל זיי דאַרפן „שוועבן". ווייל נאָר דעמאָלט קאָנען זיי איינפאַך גיין אויף דער ערד, און ערשט דעמאָלט פאַרשטייט מען זיי בישט, ווייל עס איז צו פּשוט...

עס איז אַ גליק צו גיין אויף דעם וועג, אויף וועלכן, אגב, עס זיינען אינערלעך געגאַנגען אונדזערע טאַטעס. עס איז כמעט אַ „קרייץ־וועג" מיט אַלע שמייכלען. און ווען דאָס איז ניט אַלעמען געפעלן — איז וואָס זאָל מען טאָן? לאָזן בלישטשען די, וועלכע, ליידער, פאַרבלישטשען שוין צופיל אונדזערע אָרעמע אויגן און נשמות.

עס איז שווער אַ קינסטלער היינטיקע צייט — געדענקען, אַז ער איז נאָר אַ קינסטלער, און כאָטש עס קומט מיר אויס, האַלטן אַמאָל אַ פּען אין האַנט און זאָגן אַ וואָרט — טראַכט איך אָפט: אפשר וואָלט בעסער זיין איינהאַלטן דעם מויל?

מיט פיל יאָרן צוריק, פאַר דער מלחמה, האָב איך דאָס געזאָגט: „צי דאַרפן גאָר קינסטלער זוכן צו באַרעכטיקן אונדזער לעבן אין קונסט, צו ווייזן אַ וועג אין קונסט? נו, און אַנדערע מענטשן, זיי אַלע דאַרפן ניט ווייזן אויך זייער קאָלעקטיווע לעבנס־קונסט? איז דאָס ווייניק פאַר אַ קינסטלער זיצן ביי זיך און אַרבעטן און מיט דעם נוצלעך זיין די מענטשן און זיין פאָלק? פאַר וואָס, וועלכע קראַפט רייסט אים היינט פון אָרט? איז דאָס ווייניק, אַז אונדזער קונסט זאָל רעדן פון לייוונט צו אונדזערע אויגן און צו אונדזער האַרץ?"

איז אָבער די קונסט געווען ווי אַ כלה, איינגעוויקלט אין שליי־ערס. זי בענקט אין די פּאַלאַצן און „מען קויפט זי פאַר געלט"...

און ווי קאָן מען רואיק זיצן און שרייבן און מאָלן „פאַנטאַסטישע" בילדער און ביכער, ווען דאָס לעבן איז נאָך מער פאַנטאַסטיש?

און רעדנדיק מיט פיל יאָרן צוריק, פאַר דער מלחמה, וועגן אונדזער קולטור:

„אונדזער קולטור איז ניט נאָר שפּינאָזא, פּרויד, איינשטיין, מענ־דעלע, פּרץ, שלום עליכם און ביאַליק, איזראַעלס און פּיסאַראָ — דאָס זיינען אויך היינט אונדזערע יידישע פאָלקס־מענטשן און די אַרבעטער אין אַלע לענדער מיט פייער פאַרשפּיצטן קוק און מיט זייערע פויסטן, וועלכע גיבן און וועלן געבן אַ ווידערשטאַנד אונדזערע שונאים — פאַר אונדזערע באַליידיקונגען. און איך וואָלט וועלן נאָר איין זאַך — זיין אין זייערע רייען בשעת מעשה.

„אונדזערע שונאים, וועלכע, אַנשטאָט צו שעפּן דאָס ליכט פון אונדזער אַלטן גייסט, ווילן נאָר אונדזער בלוט, כדי דאָס בלוט זאָל זיי פאַר׳שיכור׳ן און צוגעבן מוט פאַר זייערע נידעריקע צילן.

„און איך, אַלס קינסטלער, בין ניט אויסן אַז מיר זאָלן ווערן אין קונסט שוין מבינים, נאָר זאָל אונדזער לעבן אָנגעמען די דיס־ציפּלין, ווי אין דער אמת׳ער קונסט, אַז אינערלעך און אויסערלעך זאָל אויף אונדזערע ווערטער און אונדזערע מעשים, אויף אונדזער גאַנצן לעבן זיך זעצן כאָטש איין שטראַל פון אַזאַ מין „שיינקייט״, ווייל דער מאַנגל אין דעם האָט טויזנטער יאָרן אויסגעבויגן אונדזער רוקן . . .״

איך האָב אפשר קיין רעכט ניט צו רעדן אַזוי, ווייל מען דאַרף דאָך שטענדיק מער פון זיך אַליין פאָדערן. מען ווערט דאָך אַמאָל פאַרשעמט פון די אייגענע חסרונות.

* * *

עס איז היינט אַ צייט גאָר ניט קיין קינסטלערישע. עס איז דאָך מלחמה אויף דער וועלט. אָבער פּאָרט, אין דעם פייער — קומען מענטשן רעדן וועגן קולטור, פּאָעזיע און קונסט, ווייל דאָס אַלץ איז אויך אונדזער געווער.

די אָפיציעלע אַקאַדעמיעס זיינען לאַנג דיסקרעדיטירט. דאַרפן קינסטלער דאָך דורכגיין אַ שווערן „סטאַזש״ ווי אין פריערדיקע צייטן, און דאָס אין דעם ליכט פון פיל היינטיקע סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען. דערהויפּט ווען מען נעמט אין באַטראַכט דעם וועג פון אַ קינסטלער, וועלכער איז געווען און איז נאָך אַ לופט־מענטש.

עס קאָן זיך אַט צוקלעפּן צו אונדז די גרינגקייט, דער מאַנעריזם

און שמירעריי — אויב מיר גיבן ניט פון זיך אין קונסט דאָס גאַנצע לעבן, אויב מיר זיינען ניט אין קונסט אויף אונדזער שטייגער ניט קיין „עקסטרעם־מאַקסימאַליסטן".

יאָ, מיר יידן־קינסטלער זיינען היינט ווי גראָז, אפשר שיינע גראָז — נאָר אויף אַ בית־עלמין. און מיר טוט ווייַ, וואָס פון מיר גייט אַרויס אַזאַ וואָרט, ווייל אין עצם בין איך קיינמאָל ניט געווען קיין פעסימיסט — פאַרקערט.

די קינסטלער זיינען אָפט עלנט, אָן פריינט, אָן „מעצענאַטן", און צעקריגטע צווישן זיך און מיט זיך אַליין.

האָבן ניט אָפט די קינסטלער אַמאָל די ערשטע געגעבן אַ שטויס פאַר אַנדערע קולטורן, ליטעראַטור, טעאַטער?

און יענע יידן, וועלכע גיבן אויף „פושקע", כדי מיט דעם זיך „ראַטעווען" פאַר דער אייביקייט — ווען וועלן זיי פאַרשטיין, אַז מיט העלפן דער קולטור און קונסט קאָן מען אויך פאַראייביקן דעם אייגענעם נאָמען און העלפן פאַנאַנדערוואַקסן די קונסט און קולטור, וואָס איז איינע פון אונדזערע אויפטוען אויף דער וועלט?

* * *

אָט אַזוי, דערמאָן איך זיך, האָב איך שוין יאָרן לאַנג צוריק גערעדט. פרעג איך זיך: צו וואָס גערעדט? וואָס האָט זיך געביטן פון דעמאָלט אָן?

עס קומט די צייט, עס איז שוין לאַנג געקומען די צייט פון מעשים.

דערפאַר צעגייט מיין האַרץ ווען איך הער די טענער פון יענע העלדן, וואָס ליגן אַריין די אַלטע וועלט אין קבר מיט די שונאים צוזאַמען . . . און רופן אונדז צום נייעם לעבן. מיר קינסטלער און שרייבער דאַרפן די ערשטע דאָס הערן. מיר דאַרפן עס פאַר זיך אַליין.

און פאַרוואָס זאָלן מיר זיך אויפכאַפּן איינאיינעם נאָר אויף די באַריקאַדן און אין די געטאָס, פאַר טויט? און פאַר וואָס ניט בעת מען לעבט נאָך?

פאַר וואָס דאַרפן מיר היינט ווייזן אונדזער זשעני און לעבנס־פייאיקייט דערהויפּט אין דעם ווידערשטאַנד אין די געטאָס? און

אין לעבן, ווען אויף אונדז הענגט ניט די האַק — זיינען מיר שונאים זיך אַליין און דעם אַנדערן, אַז אָפט פיל איך זיך דאָ פאַרצווייפלט . . .

צענדליקער יאָרן פון פליען אין די הימלען האָט מיך איבערצייגט אין דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער ערד.

איז עס טאַקע ניטאָ דער מענטש ביי יידן, וועמעס וואָרט האָט אַ ווערט פאַר זיי . . . ווי יענער וואָרט אַמאָל אין דעם אַלטן רעלי־גיעזן לעבן, ווי דאָס וואָרט אַמאָל פון אַלטע קעמפער אין דער פאַרטיי?

דערוייל ווערט צעקראָכן דער ייד מיט זיין מסחר ביזן האַלדז אין זיין געפאַלנקייט און באַהאַלטעניש און אונדזער כלומרשטע אוי־טאָריטעט פון קינסטלער־קולטור־שאַפער איז ווערט אין זיינע אויגן אַ גראָשן.

* * *

עס איז שרעקלעך ווי דער שונא שלאָגט אונדז! שרעקלעכער איז ווי די פעלקער שוויגן צו . . . אָבער נאָך שרעקלעכער איז צוצוזען ווי מיר באַווינען די קברים פון די קדושים, נאָר גיבן ניט אַ געשריי איינער צום אַנדערן: „אָט איז די צייט, אַז מיר גיבן איינער דעם אַנדערן אַ האַנט, צו דערקענען אין יעדערן זיין ברודער, ניט צו דער־לאָזן צו אונדזער אונטערגאַנג".

אונדזערע פיינט זעען דאָך פון וויטן אונדזערע אויגן — ווי אַ „טערמאָמעטער". זיי בלישטשען היינט, די אויגן, נאָר ביי די העלדן אויף די שלאַכטפעלדער, אין די געטאָס, אין סאָוועט־רוסלאַנד, ביי די חלוצים אין ארץ־ישראל. און אומעטום — וועלן מיר מער מאָנען פון זיך אַליין — ווען מיר באַקומען מער פון אַנדערע. וואָס מיר וועלן געבן — וועלן מיר באַקומען.

אמת, עס זיינען דאָ אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן דעם „לוקס" ניט פיל צו געבן און באַקומען פיל. דאָס איז ניט אונדזער גורל.

* * *

איך טראַכט וועגן יענעם מין „בוימל", וואָס מאַכט ווייכער אונ־דזערע הערצער, ווען די שרויפן הערן אויף צו סקריפּען און דער וועג גייט גלאַטער; און מיר קינסטלער, שרייבער, נויטיקן זיך אין דעם מער פון אַלע . . .

אָן דעם „בוימל" איז דאָך אונדזער סטיל און שאַפן טרוקן, די

שריפט טרוקן, די פאַרב טרוקן, און אויב אַזוי — וואָס זעט מען ענדלעך פאַר די אויגן: קיין אידעאַל, צוליב וואָס צו לעבן . . .

וואָלט איך וועלן ענדיקן מיין צו־לאַנג וואָרט מיט אַ „געבעט", ניט צו גאָט, וועלכן איך האָב נאָך ניט אויסגעמאָלט, ניט אין אַ שול וועלכע איך האָב יאָ אויסגעמאָלט, נאָר פאַר זיך: אַז וואָס עלטער איך וועל ווערן, זאָלן אונדזערע טריט דערהערן ווי אונדזער שטימע בייט זיך פון נייעם־אַלטן אינהאַלט און אונדזערע אויגן הויבן אָן צו זען יענעם זיכערן נייעם־אַלטן וועג, וועלכן מיר אַליין און אַלע צו־זאַמען דאַרפן שטענדיק זוכן און בויען. און דאָס וועט מען פילן און זען אויף אונזער פנים . . .

* * *

היינט בין איך געווען אַזוי איבערראַשט, אַז איך מוז דאָס אייך מיטטיילן.

איך האָב געעפנט פעפער׳ס בוך, געוואָלט אין אים אַ קוק טאָן. האָט זיך זיין בוך צופעליק געעפנט אויף די פאָלגנדיקע שורות. און וויל מיר דאַכט זיך, אַז זיי וועלן אייך פיל מער זאָגן ווי דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן — וויל איך אייך זיי איבערלייענען:

„כ׳וויס, ניט אַלע שוועלן בין איך שוין אַריבער,
אין די אויגן מיינע לעבט דער זעלבער פיבער
און דער זעלבער נייגער און די זעלבע וואונטשן,
וואָס איך טראָג פון לאַנג שוין אונטער הויכער זון־שיין,
און די זעלבע פרישקייט וואוינט אין מיינע אויגן
און דער זעלבער שמייכל האָט זיך אויסגעבויגן . . ."

די מיסיע פון קינסטלער

(פון אַ רעפעראַט, געהאַלטן אין שיקאַגער אוניווערסיטעט)

איך בין זיך מודה ומתודה, אַז ריידן פאַר אַ ברייטן עולם, ניט אין אינטימען קרייז פון פריינט, אָדער צו זיך אַליין — איז מיר אומהיימלעך. איך בין אַ מאָלער און — דערלויבט מיר דעם אויסדרוק — „איך בין אַן אומבאַוואוסטזיניק־באַוואוסטזיניקער מאָלער. ס׳איז דאָ אַ וועלט מיט זאַכן אין דער וועלט פון קונסט, פאַר וועלכע ס׳איז שווער צו געפינען די ריכטיקע, די פאַסיקע ווערטער. אָבער צו וואָס זאָל מען זיך דווקא באַמיען אויפצועפענען די דאָזיקע טירן? מיר דוכט זיך, טייל מאָל, אַז זיי עפענען זיך אַליין אויף — אָן די מינדסטע באַמיאונגען, אָן איבעריקע ווערטער.

דאָ, אין אַמעריקע, ווילט זיך מיר עפעס זאָגן וועגן מיינע איינדרוקן. דער עיקר וואונדערט מיך אַמעריקע׳ס גרויס, איר רחבות, דער מאָדנער פרייהייט־געפיל, וואָס דאָס לאַנד גיט מיר. אָבער, כדי צו קאָנען אָפשאַצן אָט־די פרייהייט, מוז מען אַליין זיין פריי. עס קאָן זיין, אַז איך האָב אין די קנאַפע עטלעכע יאָר דערקענט אַ ביסל די לופט, די וואָלקנס, דיביימער פון דעם לאַנד; אפשר האָב איך זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין די „שווייגנדיקע" כאַראַקטער־שטריכן פון דעם אַמעריקאַנער; ס׳איז מיר, אפשר, געראָטן אַריינצונעמען דאָס אַלץ אין מיין קונסט. איך האָב געאָטעמט מיט דער־אָ רייצנדיקער לופט, הגם איך האָב, אפשר, ניט געקאָנט אַסימילירן אין זיך דעם אָדער יענעם לאָקאַלן שטריך, וואָס דאָס „רעפראָדוצירן" אים האָט קיין מאָל ניט פאָרגעשטעלט מיט זיך קיין קונסט אין זיך גופא.

קורץ, איך האָב געשעפט נייע כוחות פון דער גאַסטפריינטלעכער אַמעריקאַנער לופט. איך האָב געלערנט און געאַרבעט דאָ אין אַ צייט, ווען די מענטשהייט האָט איבערגעלעבט אַ וועלט־טראַגעדיע. די יאָרן זיינען אַוועק — און איך בין ניט איינגער געוואָרן...

איך וויל דאָ באַמערקן, אַז איינער פון די גרונט־יסודות פון קונסט (אויב מיר ריידן וועגן מאָלעריי) איז אַ ריכטיקער חוש פאַר מאָלעריי (une dose juste de peinture); אָבער די מענטשלעכע סביבה וואָס

רינגלט אַרום דעם מאָלער — אויב זי איז אומגינסטיק — איז עלול שטאַרק אָפּצושוואַכן, אָדער, אפילו אין גאַנצן אָפּצוטייטן אין דעם מאָלער דעם ריכטיקן חוש פאַר מאָלעריי. געבענטשט זאָל זיין דאָס לאַנד און די נאַטור זיינע, וואָס העלפן־מיט דעם מאָלער אַנטוויקלען און באַרייכערן זיינע נאַטירלעכע פעאיקייטן. דאָס איבעריקע הענגט אָפּ פון יענער מענטשלעכער אַטמאָספער, וואָס איז פאַרן קינסטלער פונקט אַזוי וויכטיק און נויטווענדיק, ווי אַ ראַם פאַר אַ בילד.

דאָ, אין דער נייער וועלט, טראַכט איך וועגן מיין לעבן און קונסט אין פראַנקרייך, וואו איך האָב פאַרבראַכט איבער דרייסיק יאָר.

איך האָב פאַרלאָזן מיין היימלאַנד אין יאָר 1910. דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן, אַז איך נייטיק זיך אין פאַריז. דער באָדן וואָס האָט געשפּייזט די וואָרצלען פון מיין קונסט, איז געווען די שטאָט וויטעבסק; אָבער מיין קונסט האָט געמוזט האָבן פאַריז, ווי אַ בוים דאַרף האָבן וואַסער, ווייל אַנדערש וואָלט זי איינגעדאַרט.

רוסלאַנד האָט געהאַט צוויי קינסטלערישע טראַדיציעס: די פאָלקס־טימלעכע און רעליגיעזע. איך האָב געלעכצט נאָך אַ קונסט פון באָדן אַרויס, נאָך אַן ערדישער קונסט, ניט בלויז אַ קאָפּ־קונסט. איך האָב געהאַט דאָס גליק געבוירן צו ווערן פון פאָלק; אָבער פאָלקס־קונסט, הגם זי איז מיר שטענדיק ליב געווען, האָט מיך ניט געקאָנט באַפרידיקן. פאָלקס־קונסט איז אומבאַוואוסטזיניק. זי שליסט אויס די באַוואוסטזיניקע פיינקייטן פון ציוויליזאַציע. און איך האָב אַלעמאָל געהאַט אַ געשמאַק פאַרן פיינעם אויסדרוק, פאַר קולטור. די ראַפּינירטע קונסט פון מיין היימלאַנד איז געווען איר רעליגיעזע קונסט. איך האָב אָנערקענט די קוואַליטעט פון דער איקאָנע־קונסט און אירע טראַדיציעס; למשל, די מייסטערווערק פון רובליאָוו. אָבער דאָס איז געווען — אין תוך און פאָרם — אַ רעליגיעזע, אַן אָרטאָדאָקסישע קונסט, און, ווי אַזעלכע, איז זי מיר געבליבן פרעמד.

כדי צו דערגיין צום ראַפינירטן אויסדוק פון ערדישער קונסט, האָב איך געמוזט אָנקומען צום קוואַל פון פאַריז.

איך וויל באַמערקן, אַז מיינע וואַנדערונגען פון לאַנד צו לאַנד זיינען תמיד געווען דיקטירט פון ריין־קינסטלערישע אינטערעסן. ווי אַ זון פון אַ פּשוטן אַרבעטער, האָב איך פּאַקטיש ניט געהאַט קיין גרונט צו פאַרלאָזן מיין היימלאַנד, צו וועמען מיין קונסט איז געבליבן געטריי עד־היום. ווי אַ מאָלער און פאָלקסמענטש (און איך האַלט

די מענטשן פון פאָלק פאַר דעם סאַמע שפּירעוודיקסטן טייל פון דער געזעלשאַפט), האָב איך געפילט, אַז פלאַסטישע ראַפינירטקייט פון העכסטן גראַד קאָן מען געפינען נאָר אין פראַנקרייך. דאָ, גלויב איך, איז דער מקור פון מיין דואַליזם און פון דער אַבסאָלוטער אומפעאיקייט מיינער איינצייהיימישן זיך במשך אַלע יאָרן.

וואָס האָב איך געפונען אין פאַריז, און וועגן וואָס האָב איך געטרוימט? קינסטלערס זיינען אין יענע צייטן געווען פאַרטאָן נאָר אין רייןֿטעכנישע פאָרשונגען. מען האָט ניט גערעדט וועגן קונסט־רוימען, סיידן ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן „פליסיקע” טעאָריעס, וואָס זיינען גיך אַוועק, ווי גיך זיי זיינען געקומען. אין יענע גוטע צייטן פון טעכנישע אַנטדעקונגען האָבן די מאָלערס געשוויגן. צי האָט די נשמה פון קינסטלער געשוויגן אויס באַשיידנקייט, אָדער מחמת אַנדערע סיבות? איך ווייס ניט.

איך בין געקומען קיין פאַריז, אָנגעלאָדן מיט געדאַנקען און טרוימען, וואָס אַ צוואַנציק־יאָריקער קאָן טראָגן אין זיך. דאָך זיינען זיי אַ לאַנגע צייט געבליבן אין מיר. ווער ווייס? איך וואָלט, אפשר, געקאָנט ברענגען צום אויסדרוק מיין „איך” אין דער היימשטאָט מיינער, אין קרייז פון מיינע פריינט, אָבער איך האָב געוואָלט מיט מיינע אייגענע אויגן זען דאָס, וועגן וואָס איך האָב זיך אַזויפיל אָנגעהערט — יענע וויזועלע רעוואָלוציע, יענעם אומבייט פון קאָלירן, וואָס האָבן זיך ספּאָנטאַניש צונויפגעגאָסן איינער מיטן צווייטן אין אַ שטראָם פון טיפזיניקע ליניעס, ווי דאָס ווייזט אונדז סעזאַן, אָדער — אין פריי־דאָמינירנדיקע ליניעס, ווי מיר זעען עס ביי מאַטיס. אין מיין היימלאַנד, וואו די זון פון קונסט האָט ניט געשטראַלט אַזוי פראַכטיק, האָט מען אַזוינס ניט געזען. מיר האָט זיך דעמאָלט אויסגעדוכט (און מיר דוכט זיך נאָך היינט) אַז קיין שום זאַך „אַפּעלירט” ניט צום אויג שטאַרקער און מער רעוואָלוציאָנער ווי דאָס וואָס איך האָב געזען ביים אָנקומען אין פאַריז אין יאָר 1910. די פאַרביקע הויט פון די לאַנדשאַפטן, די פיגורן פון סעזאַן, מאַנע, מאָנע, סעראַ, רענואַר, וואַן גאָג האָבן מיך באַרוישט. זיי האָבן מיך צוגעצויגן צו פאַריז ווי צו אַ נאַטור־פענאָמען. איך בין ווייט געווען פון מיין היימשטאָט — וויטעבסק. איך האָב מיט די אויגן פון מיין דמיון ניט געזען דאָרט קיין איינעם פון רענואַרס קאָלירן. אָנשטאָט דעם, האָב איך געזען צוויי אָדער דריי טונקעלע פלעקן. און מיט זיי וואָלט איך, אפשר,

געמוזט אָפּלעבן אַ גאַנץ לעבן, אָן קיין שום האָפענונג צו געפינען יענע עמאַנציפּירטע קונסטשפּראַך, וואָס אָטעמט, ווי אַ מענטש, מיט איר אייגענעם אָטעם.

אין פּאַריז האָב איך ניט באַזוכט קיין באַזונדערע אַקאַדעמיעס, ניט געזען קיין פּראָפעסאָרן. איך האָב שטודירט אין שטאָט גופא, אין אירע גאַסן, צווישן די הענדלערס אויף די מערק אונטערן פרייען הימל, צווישן די קעלנערס אין די קאַפע־הייזער, צווישן די הויז־וועכטער, פּויערים און אַרבעטער. איבער זיי האָט זיך צעגאָסן די וואונדערלעכע פרייהייט־ליכט, וואָס איך האָב אַנדערש־וואו ניט גע־זען. די דאָזיקע ליכט, אַ ניי־געבוירענע, שטראָמט אַריין אין די בילדער פון די גרויסע פראַנצויזישע קינסטלערס. און איך האָב ניט געקאָנט ניט־טראַכטן. נאָר די־אָ פרייהייט־ליכט (ליכטיקער ווי אַלע קוואַלען פון קינסטלעכער ליכט) קאָן אַרויסברענגען אַזעלכע ביל־דער, וואו טעכנישע רעוואָלוציעס זענען אַזוי נאַטירלעך ווי דער לשון, ווי דער זשעסט פון דעם מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר.

איך בין דעמאָלט געווען אַזוי יונג און האָב נעפּלדיק געפילט, פאַרוואָס איך האָב אַזוינס ניט געזען אין די אַנדערע לענדער. אפשר האָב איך דאָס ניט געזען מיט די אויגן פון שכל. האָב איך וואָס געזען מיט די אויגן פון דער נשמה? די דאָזיקע נשמה האָט זיך ניי און גאָר אַנדערש אויפגעעפנט אין יענע „אַקאַדעמיעס", מיט וועלכע די מערק און גאַסן פון פּאַריז זיינען אַזוי רייך. דאָרט האָב איך געזען דעם קוואַל פון שאַרדען און סעזאַן. דאָרט, הינטער די טויערן פון פּאַריז, האָב איך געזען לאַנדשאַפט־מאָלערייען, ניט יענע אַלטע פייזאַזשן פון די אַלטע מוזייען, נאָר סענסיטיווע, וויבּרירנדיקע מיט דעם גייסט פון דער צייט, די לאַנדשאַפט פון פּיסאַראָ, וואַן גאָג, מאָנע און סעראַ. אָט די ספּאָנטאַנישע לאַנדשאַפטן, זאַכן און מענטשן, אַי־לומינירט מיט דעם־אָ „ליכט פון פרייהייט", האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך געבאָדן אין פאַרב. אַזעלכע בילדער האָב איך פריער קיינ־מאָל ניט געזען. דאָס איז געווען די הויך פון אַן עפּאָכע, וואָס האָט געפונען איר פיינסטן אויסדרוק אין דער קונסט פון יענער צייט.

פון די גאַסן און פעלדער קומט מען אַריין אין די פראַנצויזישע מוזיי־זאַלן פון לואוור, וואו די בילדלעכע רעוואָלוציע האָט געזוכט אירע קוואַלן, נאָר כדי צו פליסן ווייטער.

איין מאָל האָט אַ פריינט מיינער, מיט וועמען איך בין געקומען

צו פאָרן אין פּאַריז, צו מיר אַ זאָג געטאָן: „ווי איז אונדז! וואָס קאָנען מיר דאָ אויפטאָן? אַלץ איז דאָך שוין געזאָגט געוואָרן. לאָמיר קויפן בילעטן און פאָרן צוריק אַהיים".

אָבער איך בין געבליבן. אַליין געבליבן. איך בין געווען טיף גערירט פון דעם וואָס כ'האָב געזען. און מיין ענטוזיאַזם איז צוריק געקומען צו זיין אויסגאַנג־פּונקט.

באַטיילנדיק זיך אין דער־אַ טעכנישער רעוואָלוציע אין פראַנק־רייך, האָב איך אין מחשבה, בשמהדיק, זיך אומגעקערט אַהיים, אין מיין אייגן לאַנד. ספקות און טרוימען, וואָס האָבן מיך אַמאָל גע־פּייניקט אין מיין היימשטאָט, האָבן אויפגעוואַכט דאָ און ווידער מיך ניט געלאָזט צו רו.

געניוי, וואָס פאַר אַ סאָרט קינסטלער וואָלט איך געוואָלט זיין? — איך זאָג ניט „וואָלט איך געקאָנט זיין?" — שווער צו ענטפערן. איך האָב זיך ניט אויסגעמאָלט קונסט ווי אַ פּראָפעסיע, ווי עפּעס אַ פּרנסה־זאַך. בילדער — האָב איך געטראַכט — זענען ניט באַ־שטימט פאַר דעקאָראַטיווע צילן. איך האָב געזאָגט צו זיך אַליין: קונסט איז אין אַ געוויסער מאָס, אַ מיסיע — און שרעק זיך ניט פאַר דעם וואָרט. וואָס די טעכנישע רעאַליסטישע רעוואָלוציע זאָל ניט פאַרשטעלן מיט זיך, האָט זי ניט מער ווי אָנגערירט דעם אויי־בערפלאַך. ניט דער אַזוי־גערופענער רעאַלער קאָליר „פאַרבט" ריכ־טיק אָפּ דעם אָביעקט. ניט דאָס וואָס מיר רופן „פּערספּעקטיוו" גיט די טיפקייט. ניט ליכט און ניט שאָטן איז דאָס, וואָס באַלייכט דעם קעגנשטאַנד; און די דריטע דימענסיע פון די קוביסטן גיט באַך ניט די מעגלעכקייט צו זען דעם סוביעקט פון אַלע זייטן.

אפשר האָב איך גערעדט וועגן עפּעס אַ „וועלט־אויסקוק", וועגן אַ קאָנצעפּציע, וואָס איז אויסער די גרענעצן פון אונדזער אויג? אויב איר טראַכט אַזוי אין אַ צייט פון פאָרמעלער טעכנישער, רעאַליס־טישער קונסט, זייט איר אויסגעשטעלט אויפן פאָרוואורף, אַז איר האָט זיך אַריינגעלאָזט אין „ליטעראַטור". איך בין זיך מודה: איך בין בלייך געוואָרן ניט פון כעס אָדער מורא — ס'איז מיר פּשוט געווען פיינלעך, וואָס זיי האָבן דאָס וואָרט פון זייער מויל אַרויסגעבראַכט.

איך האָב זיך געזען אַליין, ווי אין אַ שפּיגל, אַנדערש און פרעמד.

באַצוויבערט פון דעם „אויג" פון די פראַנצויזישע מאָלערס, פון זייער חוש פאַר מאָס, האָב איך, צו גלייכער צייט, זיך געפּייניקט מיטן

געדאַנק: אפשר עקזיסטירט נאָך אַן אַנדער אויג, אַן אַנדער אופן פון זען?

למשל, דיביימער וואָס מאָנע האָט געמאָלן, זענען גוט פאַר אים, פאַר מאָנע. אפשר וואַרטן דיזעלביקע ביימער, מען זאָל זיי וויזן נאָך אַמאָל און אַנדערש? אפשר זיינען דאָ אַנדערע דימענסיעס — אַ פערטע, אַ פינפטע — ניט בלויז פון אונדזער אויג? און די דימענ־סיע איז בשום אופן ניט דווקא „ליטעראַטור", „סימבאָליזם", אָדער — וואָס מען רופט „פּאָעזיע" אין קונסט. אפשר איז דאָ אַ מער־אַבסטראַקטע זאַך, מיט דעם זין פון אומרעאַלקייט. אפשר איז דאָס עפּעס אַזוינס וואָס ברענגט אַרויס אַ ריי פּלאַסטישע און פּסיכישע קאָנטראַסטן, וואָס שטעכן דורך די אויגן מיט נייע און ניט־אָנגענו־מענע קאָנצעפּציעס.

דאָס זיינען געווען די געפילן, וואָס האָבן מיך באַהערשט אין פּאַריז אין 1910. האָב איך דען אַליין ניט געזוכט צו אַנטלויפן פון „ליטעראַטור", פון סימבאָליזם אין קונסט? זי איז געווען דורך און דורך „ליטעראַטור" — די קונסט וואָס איך האָב געזען ניט נאָר אין די גרויסע קאָמפּאָזיציעס פון אַלע „ראָמאַנטיקער", נאָר אויך ביי די אימפּרעסיאָניסטן און קוביסטן, וואָרעם „ליטעראַטור" אין קונסט איז אַלצדינג, וואָס קאָן ווערן פאַרטייטשט און אויפגעקלערט פון אָנהייב ביזן סוף. מיר האָט זיך געדוכט, אַז נאָר דורך „טויטן" אַ שטיללעבן אָדער אַ לאַנדשאַפט (ניט בלויז ווען מען דעפאָרמירט זייער אויבער־פלאַך), קאָן מען אַריינהויכן אַ נייעם רוח־חיים אין דעם זעלביקן שטיל־לעבן אָדער פּייזאַזש. אויף דעם אופן, האָט זיך אַ געוויסער דואַליזם פאָרמירט אין מיר: פון איין זייט, בין איך געווען באַגייסטערט פון יענע גלענצנדיקע מוסטערן פון פאַרמעלער קונסט, וואָס מען האָט געקאָנט זען ביי דע לאַקרואַ, ביי ענגר, ביי שאַרדען; און, פון דער צווייטער זייט, איז מיין נשמה געווען איינגעהילט אין טרויער און געזוכט אַן אויסוועג פאַר זיך.

אין מיינע ספקות האָב איך זיך געווענדט צו מיינע פריינט — צו די דיכטער בלעז סאַנדראַר און גיליאָם אַפּאָלינער. סאַנדראַר האָט געלייענט פאַר מיר זיינע לידער, פערזן פרייע, ווי אָפענע פענצטער. וואַרפנדיק בליקן אויף מיינע בילדער, בשעתן לייענען, האָט ער מיך אויף זיין שטייגער געטרייסט.

וואָס שייך אַפּאָלינער, האָב איך זיך געפילט אַ ביסל אומהיימ־

לעך אין זיין געזעלשאַפט. ער איז געווען די איידלקייט אַליין. אין יענער צייט האָט ער זיך אָפּגעגעבן איבגאַנצן מיט קוביזם. אויף זיין טראָן האָט זיך געזעצט פּיקאַסאָ. איך האָב, פאַרשטייט זיך, ניט גע־קאָנט חלומען אפילו צו ציען אויף זיך דעם אויפמערק פון די קינסט־לער, אַ פשיטא שוין, פון אַזאַ מייסטער, ווי אַפּאָלינער. מיין העכסטע אַמביציע איז געווען אויסצושטעלן מיינע בילדער אין דעם סאַלאָן „אינדעפּענדאַנט" און גענוג. דאָס איז ניט געווען פאַרבונדן מיט קיין גרויסע שוועריקייטן. דער סאַלאָן איז אָפן געווען פאַר אַלעמען. ער האָט געשמט, ווי די סאַמע רעוואָלוציאָנערסטע און אומאָפּהענגיקסטע פון אַלע קונסט־שולן.

אָבער דאָך איז גיליאָם אַפּאָלינער געקומען צו מיר אין מיין סטודיאָ, אין „לארוש". דאָרטן טאַקע האָט ער צום ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגט דאָס מאַגישע וואָרט „סורנאַטורעל!". „סורנאַטורעל" — ער האָט דאָס וואָרט איבערגעחזרט, אַזוי ווי ער וואָלט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. דעם אמת געזאָגט, האָב איך דעמאָלט כמעט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס וואָרט מיינט.

דער פּעריאָד פון 1914 האָט געטראָגן דעם נאָמען: „העראָאישע עפּאָכע פון פראַנצויזישער קונסט". ווי אַמאָל דער העראָאישער פּע־ריאָד פון איטאַליענישער קונסט, און ווי דער שענסטער פּעריאָד פון שפּאַנישער קונסט בשעתו, האָט זיך אויך די צייט ביזן יאָר 1914 גע־רעכנט פאַר אַ העראָאישער תקופה — דער עיקרשט, צוליב די גלענצנ־דיקע טעכנישע דערגרייכונגען. די דאָזיקע תקופה איז געקומען נאָך אַ גרינטלעכער רעוויזיע פון די פריערדיקע קינסטלערישע מעטאָדן, מיט דער הילף פון דער טעכניק פון אַ סך מאָלערס אין די פריער־דיקע דורות און אַ דאַנק דער קונסט פון פרימיטיווע פעלקער.

מען האָט רעווידירט און אָפט „סטיליזירט" די פרימיטיוון פון דעם אורמענטש, די עגיפּטישע קונסט, די אַסירישע און נעגערשע קונסט, די ניי־אַנטפּלעקטע קונסט פון פּיעראָ דעלא פראַנטשעסקא, פון פּאַולא אוטשעלאָ, פון מאַזאַטשיאָ, פון על־גרעקאָ, פון גאָיאַ און אַנדערע. אין אָט די „רעוויזיעס" פון דער פאַרצייטיקער קונסט קאָן מען זען אַ געוויסע קאָנוואולסיווע זוכעניש פון אַלטע און נייע געטער; אין דעם אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז די טראַגעדיע פון דער מענטשהייט, וואָס האָט געהאַפט צו דערגרייכן אין קונסט די העכסטע הויך, אין שלימותדיקסטע שפּראַך און אירע אויסדרוק־מיטלען. אין

דער תקופה, ווען אַלטע רעליגיעס און אַנדערע אידייען זענען זיך צעפאַלן, איז די מענטשהייט געווען פול מיט האָפענונג צו געפינען נייע קוואַלן פון שטראַלנדיקן ליכט, אַ נייעם לעבנס־אינהאַלט.

איז דאָס ניט די מיסיע פון קונסט?

אין אָט דער העראָאישער תקופה פון פראַנצויזישער קונסט איז קלאָר געוואָרן, אַז אַ פּלאַסטישע, טעכנישע רעוואָלוציע פון ריזיקן פאַרנעם איז ווירקלעך פאָרגעקומען.

נעמט, למשל, דעלאַקרואַ און מאַנע. דעלאַקרואַ האָט זיך זי־כער גענומען צופיל פרייהייט ווען ער האָט באַטאָנט (און אפילו קאָ־פּירט) די פּלאַסטישע טרוימבילדער פון רובענסן. און ער האָט עס געמאַכט אַזוי דרייסט, אַז דער ווייסער טאָן אין די מאַלערייען פון דעלאַקרואַ איבעראַשט מיט זיין אומדערוואַרטקייט, מיט זיין צופע־ליקן אימפּרעסיאָניסטישן כאַראַקטער, שוין אָפּגערעדט פון זיין פּענזל־שטריך. מאַנע האָט פלייסיק שטודירט די שוואַרצע און גראָע פאַרבן פון גאָיאַ. וואָן גאָג פאַרבעט אונדז אַנצוקוקן זיין „פאָוויזם", זיין פּינזלשטריך, וואָס איז, אגב, היפּש אונטער דער השפּעה פון יאַ־פּאַנישער גראַוויר־קונסט. דאָס דערשיינען פון קורבע האָט, לויט מיין מיינונג, ניט אַזויפיל דעמאָנסטרירט אַ נייע מאָראַל און סאָציאַלע אי־דעאָלאָגיע, ווי אַ פּלאַסטיק־אידעאָלאָגיע. די אימפּרעסיאָניסטן האָבן אַנטדעקט העלמהאָלצ'ס וויסנשאַפטלעכע פאַרב־טעאָריעס און געעפנט די טויערן פון קונסט אַזוי ברייט, אַז עס איז אוממעגלעך ניט צו באַטראַכטן דעם אימפּרעסיאָניזם ווי איינע פון די מערקווירדיקסטע אַנטדעקונגען אין דער קונסט־געשיכטע.

צו דעם אַלעם האָט סעזאַן צוגעגעבן די לערע פון טינטאָרעטאָ, אָנערקענענדיק דעם סימבאָלישן ווערט פון די שוואַרצע און ווענע־ציאַנישע רויט־ברוינע קאָלירן. אַהער דאַרף מען צוגעבן די סטודיעס פון על־גרעקאָ, די ביזאַנטישע פרעסקאָ־מאַלערייען און יענע נייגונגען וואָס סעזאַן, ווי אַ לאַטיינער, האָט געהאַט צו געאָמעטריע.

מיט סעזאַנען האָט זיך אָנגעהויבן אַ מין אַטאָמיש פּלאַסטישע עקספּלאָזיע. אַן עקספּלאָזיע אין געאָמעטרישער סקאַלע — אַ פאַקט וואָס פאַרבינדט טיילמאָל סעזאַנס פאָרעם־פּלאַסטישקייט מיט דער טראַ־דיציע פון געוויסע פראַנצויזישע פרימיטיוון פון דער שול פון אַווי־ניאָן, למשל.

סעזאַן האָט אַריינגעטריבן די קוביסטן אין קוביזם. אָבער בעת

סעזאַן האָט גענומען זיין קוביזם פון דער נאַטור, זענען די קוביסטן אַלץ מער און מער אַריינגעפאַלן אין אַ מין מעכאַנישער סטיליזאַ־ציע און, אויף אַזאַ אופן, זיך דערווייטערט פון נאַטור, וואָס האָט, אגב, געוויסע דעקאָראַטיווע שיינקייטן, ווי דער גראָער קוביזם און די געקלעפּטע פּאַפּיר.

עס האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. איך האָב פאַר־לאָזן פראַנקרייך און צוריק געפאָרן אין רוסלאַנד. די מלחמה פון 1914 האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט ניט בלויז ווי אַ שול פון לעבן, נייערט אויך ווי אַ שול פון קונסט. איך האָב ווידער דערזען דעם הימל און די לאַנדשאַפטן פון מיין היימלאַנד; זיי זענען, אפשר, ניט אַזוי ביל־דעריש ווי די הימלען פון פראַנקרייך, אָבער איצטער האָב איך זיי געזען מיט אַנדערע אויגן.

ווייט פון די סאַלאָנען און קאַפע־הייזער פון פאַריז, האָב איך זיך אַליין געפרעגט: איז די איצטיקע מלחמה ניט דער אָנהייב פון אַ געוויסן קאָנטראָל, צי עס שטימען די חשבונות? . . . די לעצטע פאָרמען פון די אַזוי־גערופענע רעאַליסטישע שולן (אימפּרעסי־אָניזם און קוביזם בתוכם) האָבן מיר אויסגעזען אַלטמאָדיש. דע־מאָלט האָט אָנגעהויבן אַרויסצושווימען דאָס, וואָס אַ סך האָבן פריער באַצייכנט מיטן וואָרט „ליטעראַטור״.

מענטשן זיינען אומגעקומען אויף די שלאַכטפעלדער, זיי האָבן געקעמפט פאַר אַ זאַך, וואָס זיי האָבן אָפט ניט פאַרשטאַנען. דאָס לעבן אַליין איז אַרויף אויף דער אַרענע און אָנגעהויבן שאַפן נייע פּסיכאָלאָגישע און — מען וואָלט געקאָנט זאָגן — „אומלאָגישע״ עלעמענטן, געשאַפן „קאָנטראַסטן״, אָן וועלכע קונסט איז ניט באַ־גרייפלעך און ניט שלימותדיק.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט אַריינגעטראָגן אַנדערע, גאָר נייע טענער. די גרויסע איבערקערעניש איז געקומען פלוצים. זי איז באַהויכט געווען מיט יענעם פאָלק־גייסט, וואָס, אין פאַרגלייך מיט אים, זענען אויס קליין די מעשים פון יחיד.

די רעוואָלוציע האָט מיך צעטומלט מיט איר דינאַמישער קראַפט, וואָס באַהערשט דעם יחיד, זיין גאַנצן מהות, טרעט איבער דעם גבול פון זיין פאַנטאַזיע און רייסט זיך אַריין אין זיין אינטימסטער קינסטלערישער וועלט, וואָס ווערט אַליין אַ שטיק רעוואָלוציע.

ביים צוריקקומען אין פּאַריז, אין יאָר 1922, האָב איך, צו מיין איבערראַשונג, געפונען אַ נייעם דור קינסטלערס, די סורעאַליס־טישע גרופּע. דער פאַר־מלחמהדיקער טערמין „ליטעראַטור", דאָס וואָס איז טרייף געווען אין יאָר 1910, איז דעמאָלט געוואָרן כשר. מען איז אַפילו גרייט געווען דאָס אונטערצושטיצן.

איך בין דעמאָלט נאָך גאַנץ ווינציק באַקאַנט געווען מיט זייער קונסט, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך געפין אין זיי אַ טייל פון דעם, וואָס איך האָב אין די יאָרן 1908־1914 געפילט. אָבער צוליב וואָס — האָב איך געטראַכט — איז נייטיק צו פּראָקלאַמירן דעם אַזוי־גערופענעם „אויטאָמאַטיזם"?

ווי פאַנאַטיש אָדער אומלאָגיש די קאָנסטרוקציע פון מיינע ביל־דער זאָל ניט אויסזען, וואָלט איך זיך געשראָקן פאַרן געדאַנק, אַז אין זיי איז דאָ אַ שמץ פון „אויטאָמאַטיזם". אויב אין מיין בילד פון 1908 האָב איך געלייגט דעם טויטן אויף דער גאַס און דעם פידל־שפּילער אויפן דאַך, אָדער אין דעם בילד „איך און מיין דאָרף" (1911) האָב איך געמאָלט אַ קליין בהמהלע מיט אַ מילכמיידל אינעם קאָפּ פון אַ גרויסער בהמה — האָב איך דאָס ניט געטאָן דורך „אויטאָמאַטיזם".

אויב אַפילו „אויטאָמאַטיזם" האָט געהאָלפן געוויסע מאָלערס צו מאָלן גוטע בילדער, אָדער געוויסע פּאָעטן צו שרייבן גוטע פּאָעמעס, גיט דאָס אונדז נאָך ניט קיין שום רעכט איינצופירן אויטאָמאַטיזם ווי אַ מעטאָד. מען טאָר אויך ניט איטלעכן קינסטלער, וואָס האָט געמאָלט ביימער מיט בלאָע שאָטנס, באַצייכענען מיטן נאָמען אימ־פּרעסיאָניסט. אין קונסט מוז אַלצדינג אַרויסשטראָמען פון דער באַוועגונג פון אונדזער גאַנצן לעבנסשטראָם, פון אונזער גאַנצן מהות — דעם באַוואוסטזיניקן און אומבאַוואוסטזיניקן.

פאַראַן מענטשן וואָס שרעקן זיך פאַרן וואָרט „מיסטיק": זיי גיבן צו דעם וואָרט אַ רעליגיעז־אָרטאָדאָקסישן באַדייט. מיר מוזן אויסשיילן דעם טערמין פון זיין פאַרשימלטן שאָלעכץ און פאַרשטיין אים אין זיין ריינער פאָרם. „מיסטיק"! ווי אָפט האָט מען געוואָרפן דאָס וואָרט מיר אין פּנים אַריין, פּונקט אַזוי ווי פריער האָט מען מיר פאָרגעוואָרפן „ליטעראַטור". אָבער איז דען אָן אַ מיסטישן עלע־מענט פאַראַן אין דער וועלט כאָטש איין איינציקע גרויסע פּאָעמע, אָדער, אַפילו, איין איינציקע גרויסע סאָציאַלע באַוועגונג? צעפאַלט זיך דען ניט, שטאַרבט דען ניט אָפּ יעטוועדער אָרגאַניזם (אינדיווידו־

עלער אָדער סאָציאַלער) אויב עס פעלט דער כח פון מיסטיציזם, פון גע־פיל, פון שכל? עס איז ניט ערלעך צו אַטאַקירן מיסטיציזם, ווען גראָד דאָס פעלן פון מיסטיציזם האָט כמעט חרוב געמאַכט פראַנק־רייך. אָבער מיר דאַרפן אונטערשיידן צווישן צוויי סאָרטן מיסטי־ציזם; און די לעצטע מלחמה, וואָס מיר האָבן אָקאָרשט פאַרענדיקט, האָט דאָך אייגנטלעך געדאַרפט האָבן פאַר זיך די גרויסע אויפגאַבע אָפּצוהאַלטן אַן אַנטגילטיקן ניצחון איבער פאַלש פאַרשטאַנענעם מיסטיציזם, וואָס מען האָט אויסגענוצט פאַר רישעות און אכזריות — דעם איינזייטיקן מיסטיציזם פון אונדזער שונא.

לעצטנס האָט מען אָפט געהאַט אַ געלעגנהייט צו הערן: „עס זיינען פאַרביי די גוטע אַלטע צייטן, ווען קונסט האָט זיך געשפּייזט, איבערהויפּט, מיט די עלעמענטן פון דער דרויסנדיקער וועלט, דער וועלט פון פאָרם, ליניעס און קאָליר. מיר זיינען פאַראינטערעסירט אין אַלץ; ניט נאָר אין דער דרויסנדיקער וועלט, נייערט אויך אין דער איבעווייניקסטער וועלט פון טרוים און דמיון".

איך קאָן ניט פאַרגעסן די שטאַרק־באַטאָנטע ווערטער פון אַ קינסטלער מיט מאָדערניסטישע פּרעטענזיעס: „איר ווייסט, אָפּנ־האַרציקייט איז ניט מאָדיש". אויב ער איז גערעכט, דעמאָלט איז אַלצדינג פשוט בתכלית הפשטות.

אַלע שיינע ווערטער וועגן דער אַזוי־גערופענער „ריינער קונסט" און שלעכטער „ליטעראַרישער" קונסט האָבן גאָר לייכט דערפירט צו דער גאַנץ אומזיכערער לאַגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך די לעצטע יאָרן. דער דוחק פון הומאַניזם אין קונסט איז געווען אַ בייזער פאַרגעפיל פון דער בייזער איצטיקייט. דער ביישפּיל פון די גרויסע שולן און די גרויסע מייסטערס פון אונדזער עבר לערנט אונדז, אַז אַן אמתע און עכטע קוואַליטעט אין מאַלעריי איז אין קיין שום האַרמאָניע ניט מיט די אַנטי־מענטשלעכע און ניט־הומאַני־טאַרע טענדענצן.

וואָס עס איז יאָ געווען צו באַגריסן ביי דעם יונגן דור פראַנ־צויזישע מאָלערס, איז זייער זוכן דאָס נייע; אָבער דער דאָזיקער טראָפּן פריש בלוט איז אַריינגעגאָסן געוואָרן אין אַן אַלטן אָרגאַניזם.

אין אַנדערע צייטן האָבן אַזעלכע פראַנצויזישע מאָלערס, ווי קאָראָ און פּוסען, ניט מורא געהאַט צו פאַרלאָזן זייער לאַנד און זוכן אין דער פרעמד נייע אַנטדעקונגען, כדי שפּעטער צו אַנטוויקלען זיי

אויפן אייגענעם באָדן. דעמאָלט האָבן די פּענער פון גראָבן נאַציאָ־נאַליזם ניט געפּלאָטערט איבער זייערע קעפּ, און יעטווידע בסיעה איז געווען אַ ברכה פאַרן מאָלער און פאַר זיין היימלאַנד.

אין שייכות דערמיט איז נייטיק צו דערמאָנען ווי ניצלעך עס זיינען געווען פאַר מיר, אין קינסטלערישן זין, מיינע נסיעות אין האָלאַנד, שפּאַניע, איטאַליע, מצרים, ארץ ישראל אָדער, אפילו אין דרום־פראַנקרייך. דאָרטן, אין דרום, האָב איך, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, דערזען די רייכע גרינקייט וואָס איר גלייכן האָב איך קיינמאָל ניט געזען אין מיין היימלאַנד; אין האָלאַנד האָב איך אַנט־דעקט יענע אינטימע און וויברירנדיקע ליכט, וואָס דערמאָנט מיט זיך די ליכט צווישן שפּעטן נאָכמיטאָג און בין־השמשות. אין איטאַליע האָב איך געפונען יענע פרידלעכע רו פון די מוזייען וואָס די זונשיין האָט צום לעבן געבראַכט. אין שפּאַניע האָב איך געהאַט דאָס גליק צו געפינען די אינספּיראַציע פון אַ מיסטישן כאַטש אכזריותדיקן עבר, דעם געזאַנג פון שפּאַנישן הימל און פון שפּאַנישן פאָלק, און אין ארץ ישראל האָב איך אָנגעטראָפן אויפן תנך און אויף עפּעס אַזוינס וואָס איז אַ טייל פון מיין אייגענעם יש.

אַ פּאָר ווערטער וועגן זיך:

אין מיינע בילדער זיינען ניטאָ קיין פאַנטאַסטישע מעשיות, קיין פאָלקס־לעגענדעס. דער פראַנצויזישער קינסטלער מאָריס דענוס האָט געזאָגט אַמאָל וועגן די פראַנצויזישע סינטעטיקערס פון 1889 אַז זייערע בילדער זענען „איבערפלאַכן צוגעדעקטע מיט קאָלירן וואָס זיינען אַראַנזשירט אין אַ געוויסן סדר”. פאַר די קוביסטן איז אַ בילד געווען אַן איבערפלאַך צוגעדעקט מיט פאָרמען פון זייערע זאַכן אין אַ באַשטימטן סדר. איך זע אַ בילד ווי אַן איבערפלאַך, צו־געדעקט מיט פאַרגעשטעלטע זאַכן (אָביעקטן, חיות, מענטשלעכע באַ־שעפענישן). לויט אַ געוויסן אינעווייניקסטן סדר, אין וועלכן לאָגיק און אילוסטראַציע האָבן ניט קיין שום באַטייט.

פאַר דער מלחמה פון 1914 פלעגט מען מיר פאָרוואַרפן „לי־טעראַטור”. היינט זאָגט מען, אַז איך בין אַ מאָלער פון פאַנטאַסטישע מעשיות און לעגענדעס. פאַקטיש איז מיין הויפּטציל צו קאָנסטרו־אירן מיינע בילדער אַרכיטעקטאָניש, פונקט אַזוי ווי די קוביסטן האָבן געמאַכט אויף זייער שטייגער, באַנוצנדיק דיזעלבע פאָרמעלע מיט־לען. די אימפּרעסיאָניסטן האָבן באַדעקט זייערע בילדער מיט שטיקער

ליכט און שאָטן; די קוביסטן — מיט קובן, דרייעקן און קאָנטורן, מיט גיטאַרעס און וואַזעס. איך פּרוביר אָנצופילן מיינע בילדער מיט אָביעקטן און פיגורן, וואָס ווערן באַטראַכט ווי פאָרמען, פאָרמען ענלעך צו קלאַנגען . . . ליידנשאַפטלעכע פאָרמען, וואָס איך האָב פאַרטראַכט, כדי צוצוגעבן אַ נייע דימענסיע, וואָס ניט די געאָמעטריע פון די קוביסטן און ניט די אָנגעוואָרפענע קאָליר־פלעקן פון די אימ־פּרעסיאָניסטן זענען אין שטאַנד צו דערגרייכן פאַר מיר.

איך בין קעגן די טערמינען „פאַנטאַזיע" און „סימבאָליזם". אונ־דזער גאַנצע אינעווייניקסטע וועלט איז ווירקלעכקייט — אפשר מער ווירקלעך ווי די וועלט וואָס מיר זעען.

אימפּרעסיאָניזם און קוביזם פּרעזענטירן אונדז נאָר איין זייט פון אַן אָביעקט אָדער פּשוטע קאָנטראַסטן פון ליכט און שאָטן. אָבער איין איינציקער אַספּעקט פון אַן אָביעקט איז ניט גענוג, כדי צו געבן דעם הויפּט־תוכן פון אַ בילד. ווערדליק מיין איינזען, באַ־גרענעצט קוביזם די מעגלעכקייטן פון מאָראַלישן אויסדרוק. איך האָב זיך געניטיקט אין גרעסערע פרייהייטן.

שפּעטער, ווען כ'האָב געזען אין דייטשלאַנד די נייגונגען צו עקספּרעסיאָניזם, האָב איך געפילט, אַז מיין קוק אויף קוביזם און אַבסטראַקציע איז באַרעכטיקט. נאָך מער האָט דאָס מיך איבער־צייגט, ווען כ'האָב זיך צוגעקוקט שפּעטער צו דעם געבורט פון סור־רעאַליזם אין פראַנקרייך. סורעאַליזם איז געווען דער לעצטער פּרואוו צו באַפרייען קונסט פון דער טראַדיציאָנעלער אויסדרוק־פאָרם. אויב דער סוררעאַליזם וואָלט טיפער געווען אין זיין אינעווייניקסטער און דרויסנדיקער עקספּרעסיע, וואָלט ער זיך אפשר אויסגעקריסטאַלי־זירט אין אַן ערנסטער קינסטלערישער באַוועגונג.

וואָס שייך דער אַזוי־גערופענער „ליטעראַטור" אין מיינע שאַ־פונגען, פיל איך אָפט מאָל אַז אין דעם אופן פון באַנוצן עלעמענטן בין איך, דוכט זיך, מער אַבסטראַקט ווי מאָנדריאַן אָדער קאַנדינסקי. אַבסטראַקט ניט אין דעם זין פון אומרעאַלקייט. אַבסטראַקטע מאָ־לעריי פון דעם מין איז, לויט מיין מיינונג, מער אָרנאַמענטאַליש, מער דעקאָראַטיוו, אפילו רעאַליסטיש און שטענדיק באַגרענעצט אין פאַרנעם, וואָס שאַפט נאָר אַ פאַן פאַר אַ בילד. אַבסטראַקט מיינט עפּעס אַזוינס, וואָס הייבט זיך אויף ספּאָנטאַניש פון אַ כמות פּסי־כישע און פּלאַסטישע קאָנטראַסטן, ברענגענדיק צום אויג פון צו־

קוקער געשטאַלטונגען פון אומבאַקאַנטע אָביעקטן, פסיכישע און פלאַסטישע אויסער צייט און ערד. אין מיין בילד (1910־1911), וואָס שטעלט פאָר אַ פרוי אָן אַ קאָפ מיט מילכעמערס, האָב איך אָפּגע־טיילט איר קאָפּ פון גוף, ווייל איך האָב געמוזט האָבן אַ ליידיקן פלאַץ פונקט אויף דעם אָרט. אין מיין בילד „איך און מיין דאָרף״ האָב איך געמאָלט אַ קליין בהמהלע און אַ מילכמיידל אין דעם קאָפּ פון אַ גרויסער בהמה, ווייל איך האָב אַזאַ געשטאַלט געדאַרפט האָבן אויף דעם־אָ פלאַץ פאַר מיין קאָמפּאָזיציע.

איך האָב באַנוצט בהמות, מענטשן, הענער און פּראָווינציעלע רוסישע אַרכיטעקטור, ווי אַ קוואַל פון פאָרם, מחמת זיי זיינען אַ טייל פון דעם לאַנד, פון וועלכן איך שטאַם. די קעגנשטאַנדן האָבן, בלי־ספק, איבערגעלאָזן אַ טיפערן סימן אין מיין געדעכעניש, ווי אַלע אַנדערע איינדרוקן, וואָס איך האָב וועט ניט איז באַקומען. יעטוועדער מאָלער האָט זיין היימלאַנד, זיין היימשטאָט, און הגם ער פאַלט שפּע־טער אַרונטער אונטער השפעות פון אַנדערע סביבות, פאַרבלייבט דאָך אַ געוויסער גרונטשטריך, אַ געוויסער אַראָמאַט פונם היימלאַנד אין זיינע ווערק. אָבער איך וואָלט ניט וועלן פאַלש אויסגעטייטשט ווערן: דאָ רעדט זיך ניט וועגן דער טעמע פון בילד אין דעם זין, ווי די בילדער־קעגנשטאַנדן פלעגן געמאָלט ווערן דורך די פאַרציי־טיקע אַקאַדעמיקער. די אויבנדערמאָנטע ערשטע השפעות באַשטימען — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — די האַנטשריפט פונם קינסט־לער. דאָס זעט מען אין דעם כאַראַקטער פון דיביימער און פון די קאָרטנשפּילערס ביי סעזאַנען, וואָס איז געבוירן אין עקס; אין די אויסגעקרימטע האָריזאָנטן פון אַ וואַן־גאָג — געבוירן אין האָלאַנד; אין דעם כמעט אַראַבישן אָרנאַמענטאַליזם פון אַ מאָדיליאַני — גע־בוירן אין איטאַליע.

וואָס מיך באַאומרואיקט שטאַרק זינט דעם אויפקום פון די אימפּרעסיאָניסטן, איז די ניט־געניטקייט פון דער קינסטלערישער שפּראַך, אַ שפּראַך וואָס איז אָפט גאָר לפי־ערכדיק, כאָטש דרויסנ־דיק נעמט זי אָפט אָן דירעקטע, כלומרשטע, „קראַפּטליניעס״. דער־מיט, מן הסתם, קאָנען מיר דערקלערן די קינסטלערישע „עקסקור־סיעס״, צו זוכן נייע סטילן און אינהאַלטן. דער מענטש זוכט אַלע מאָל עפּעס אַזוינס וואָס איז ניי: עס מוז ווידער אַנטדעקן די אייגנ־טימלעכקייט פון זיין אייגענער שפּראַך, אַ שפּראַך ענלעך צו דער

שפּראַך פון די אורמענטשן, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל געעפנט דאָס מויל אַרויסצוזאָגן זייער איין איינציקן אמת. די מענטשהייט וויל אויפסניי אַנטדעקן די דאָזיקע שפּראַך, ניט אומקערנדיק זיך צוריק, פאַרשטייט זיך, צו סטיליסטישער אימיטאַציע.

מיר זיינען געוואוינט צו טאַדלען „ליטעראַטור". אָבער צי האָבן מיר זיך טאַקע באַרייכערט מיט אַ נייעם קינסטלערישן לשון, מיט אַ נייעם אינהאַלט?

מלחמות און רעוואָלוציעס זיינען אפשר אין אַ גרויסער מאָס אַ פּועל־יוצא פון דעם מענטשנס באַגער אויסצוגעפינען פאַר זיך אַ נייעם תוכן, אַ נייעם זין. ווען מיר אָט דעם נייעם זין געפינען, וועט אַ נייע קינסטלערישע שפּראַך, אַ נייע פאָרם, זיכער אויפקומען.

נאָך דעם ווי פראַנקרייך איז געקומען צו זיך פון איר גרוילעכן חורבן — ווייס איך ניט (און ווער קאָן עס וויסן?) וואָס פאַר אַן איבע־וויניקסטע און דרויסנדיקע פאָרמען די פראַנצויזישע קונסט קאָן און וועט אָננעמען? וועט דאָס זיין אַ בהדרגהדיקער ווידערגעבורט פון געוועזענער וואונדערלעכער וויזיע מיט אַ ספּעציעלער דאָמינירונג פון פאָרם? אָדער, אַ נייע איבעוויניקסטע וויזיע וועט אויפקומען, אַ נייע קאָנצעפּציע, אַ נייער וועלטבאַנעם, מיט אַ נייער מאָראַל און נייע סאָציאַלע יסודות? און דאָס אַלץ — ניט נאָר אין פראַנקרייך.

לאָמיר ווייטער גלויבן, ווי תמיד, אין דעם שאַפנדיקן גייסט פון פראַנקרייך. טיף אין אונדזער נשמה וואַרטן מיר אויף זיין ווי־דערגעבורט, וואָס וועט אויך זיין דער ווידערגעבורט פון דער גאַרער וועלט.

(געדרוקט אין „גאָלדענע קייט", נומער 5, 1950)

מיט ביאַליקן אין ארץ־ישראל

ווען עס שטאַרבט אַ קייסער, שרייט דאָס פאָלק: „געשטאָרבן דער קייסער, זאָל לעבן דער קייסער״. ביאַליק אָבער איז ניט געשטאָרבן, ער איז געבליבן לעבן, ווייל איך וועגן אים רעדן ווי וועגן אַ לעבעדיקן.

מיר דאַכט זיך, אַז דאָס ערשטע מאָל האָב איך זיך מיט אים געטראָפן אין אַ רעסטאָראַן. ער איז געזעסן אַנטקעגן מיר און האָט געגעסן. איך מוז אייך זאָגן, אַז איך האָב אויך ליב עסן, אָבער זעלטן־ווען האָב איך געזען צווישן יידן איינעם, וואָס זאָל עסן מיט אַזאַ פייער ווי ביאַליק. די לעפל, דער גאָפל, דאָס מעסער האָט זיך געטרייסלט אין זיינע הענט ווי היפּנאָטיזירטע, ווי זיי וואָלטן צוגע־גאַנגען און אַוועקגעגאַנגען פון זיין מויל אין אַקאָמפּאַנימענט פון זיין ברויזנדיקער שטימע. און ס'איז געווען, ווי די טעלער וואָלטן אָפּגעקלונגען, ווען ער האָט דערציילט אַ חסידישע לעגענדע אָדער אַ וואונדער־שיינע מעשה פון זיינע וועלדער. און ס'האָט זיך מיר גע־דוכט, ווי די צאָרטע, פייכטע ווערטער פון זיין פּראַכטפולן מויל האָבן זיך אָפּגעווישט מיט דער סערוועטקע, און דערוויל האָט ער זיך גע־נומען צו אַן אַנדער געריכט. צו זיין אַביסל ענלעך אויף אים — האָב איך צעפלאַקערט מיין אייגענעם אַפּעטיט. ער זעצט־פאָר צו דערציילן ווייטער זיינע וואונדערבאַרע לעגענדעס, און איך האָב שוין געקוקט אויף אים אַליין ווי אויף אַ לעגענדע. ענדלעך האָט מיין פרייבט

דער דאָזיקער אַרטיקל וועגן ח. נ. ביאַליק איז געשריבן געוואָרן פון מאַרק שאַגאַל אין יולי 1934, גלייך נאָכן טויט פון דעם גרויסן דיכטער, פאַרעפנטלעכט אין „ליטעראַרישע בלעטער״, נ׳ 30, 1934.

בעל־מחשבות, וואָס איז געזעסן מיט מיר, מיך פאַרגעשטעלט. „אָך!" — האָט ביאַליק אַ געשריי געטאָן און זיך געוואָרפן קושן. ער האָט אונדז אָנגעהויבן איבערצייגן, אַז ער פאַרשטייט אַלץ, אַלץ אין מיין קונסט. און אַז פאַרקערט: אַלץ איז אים קלאָר, און איך מוז אילוסטרירן זיינע ביכער...

צופרידענע זיינען מיר אַרויס אויף דער גאַס.

נישט לאַנג צוריק זיינען מיר געפאָרן מיט ביאַליקן קיין ארץ־ישראל. ביאַליק — שוין דאָס וויפלסטע מאָל, און איך — צום ערשטן מאָל. איך האָב געקוקט אין אַלע זייטן, באַטראַכט דעם הימל, גע־זוכט די שטריכן פון ארץ־ישראל. אויף דער פּאַלובע (דעק) האָט שפּאַצירט הין און צוריק מיט אָנגעשטרענגטן געזיכט ביאַליק. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער זעט קיינעם נישט אַרום זיך, אַז אויף דער שיף איז ער איינער אַליין. אין אַ גרויען, ברייטן און לאַנגן אָנצוג, מיט אַ ראָוור־קעפּקע אויפן קאָפּ, האָט ער זשעסטיקולירט מיט די הענט, — דאָ זיי פאַנאַנדערגעשפּרייט, און דאָ צונויפגעדריקט אין אַ פויסט.

ער האָט דערנאָך דיספּוטירט, געהאַלטן אין איבערצייגן די רייזנדע. אַ דאַנק ביאַליקן איז די גאַנצע רייזע געוואָרן אַ יידישע. איך האָב געפרעגט: „איז די שיף נישט קיין יידישע?" ענטפערט ער: „מיר האָבן נאָך דערוויל ניט קיין יידישע שיפן!"

עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער גאַנצער ים איז באַדעקט מיט יידישע שריפטן, אויף דער שיף איז אַרומגעגאַנגען אַ יידישער נביא און הויך גערעדט אויף יידיש, געשליידערט דונער און בליצן איבער דעם יידישן גורל. זיין געזיכט האָט געקאָכט, די גרויע און בלויע אויגן אויפן פּאָן פון בלאָען ים האָבן געבלישטשעט, געדרייט זיך...

מיר זיינען געקומען צופאָרן קיין תל־אביב, און איך האָב דער־זען, אַז ביאַליק איז נישט נאָר אַ פּאָעט, נאָר דער גייסטיקער רעגענט פון דער שטאָט. אַלץ שוועבט הין און צוריק, ווייל דאָרט, אויף יענער גאַס, וואוינט ביאַליק. אַלע קרעמער, פרישע און פּליבקע, לייגן־איבער זייער סחורה, קויפן־פאַרקויפן, און לייענען צייטונגען, וואו מען שרייבט: ביאַליק האָט גערעדט, ביאַליק האָט געשריבן, ביאַליק איז דאָרטן, ביאַליק איז דאָ! אַז דיזענגאָף וואָלט פּאַרשפּעטיקט צום

עסן, איז מסתמא האָט ער באַגעגנט אויף דער גאַס ביאַליקן און זיך מיט אים פאַררעדט.

אַז מען דאַרף געבן אַ נאָמען אַ בהמה, פרעגט מען ביי ביאַליקן, און אַז מען דאַרף זוכן אַ נאָמען פאַר אַ בלום — רופט מען אוודאי ביאַליקן.

די אַרבעטער זיינען פאַר ביאַליקן, און אפילו די יונגע פּאָעטן, וואָס זיינען קעגן אים, זיינען מיט אים.

פּריוואַטיק אין אָוונט קאָן מען קומען אים זען, אים הערן, פאַנאַנ־דערשמועסן זיך מיט אים, און שבת בייטאָג רעדט ער ווי אַ מגיד. ס'איז נישט פאַר מיר איבערצוגעבן זיין רעדן. איך וויל נאָר זאָגן: אַז וואָלט נאָך מיין פאָטער געלעבט — וואָס פלעגט יעדן שבת גיין אין וויטעבסקער שול הערן דעם „גריבעם מגיד" און זיך דאָרטן אויסוויינען צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יידן — וואָלט ער געווען צו־פרידן, ווען ער וואָלט קאָנען הערן ביאַליקן . . . דערפאַר קאָן איך נישט קיין בעסערן רעדנער, קיין בעסערן פּאָעט, ווי אונדזער פאַר־שטאָרבענעם בעל־תפילה.

איך האָב געהאַט אַ גרויסע ערע און אַ גרויס פאַרגעניגן צו הערן זיין לאַנגע רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן איבער מיר אין ארץ־ישראל. לײַדער, האָב איך נישט אַלץ פאַרשטאַנען. איך האָב געהערט און געקוקט אויף אים, ווי ער האָט לאַכנדיק, וויציק, אַנ־שווילעך באַמיט זיך צו דערקלערן פאַרן פּובליקום מיינע בילדער. איך האָב נישט געוואַגט דעמאָלט אים צו ענטפערן. נאָר איצט זאָג איך אַ פאָר ווערטער. אָבער ביאַליק נויטיקט זיך נישט אין מיינע ווערטער. איך ווייס: ער געדענקט מיין באַגייסטערונג פון זיין פּאָעזיע, און ער געדענקט, ווי איך פלעג זיך איינזויגן אין זיינע אויגן. אָבער אָפט האָבן זיינע אויגן געררעדט וועגן עפּעס אַנדערש: „איר זעט דאָ מיין רום, מיין גאַס נאָך פאַר מיין לעבן, מיין פּאַלאַץ, אָבער איך שרייב נישט מער קיין לידער . . ."

און אויפן דאַך פון זיין הויז, פון וואַנען עס זעט זיך גאַנץ תל־אביב, מיט די יידישע הויפן, — פרעג איך אים:

— פאַרוואָס שרייבט איר נישט מער? איר דאַרפט דאָך גליקלעך זיין. ארץ־ישראל איז דאָך מער נישט קיין געטאָ. איר זייט דאָך דאָ דער ערשטער יידישער פּאָעט. אַרום אייך שיינט ווי גאָלד די יידישע ערד. אויף אייך קוקן יונגען און מיידלעך, פאַרברענטע פון זון. אַרום

אייער הויז גייען פאַרביי לאַנגבעדיקע יידן און וואַרטן אויף אייער וואָרט, אויף אייער אַ בליק. דער ריח פון די אָראַנזשן־גערטנער פאַרשיכורט אייך אוודאי און דערמאָנט אייך אייער ערשטע ליבע... איר דאַרפט זיך נאָר אַרומבלאָנקען ביים ברעג ים, ווי אַמאָל פושקין ביי דעם טייך נעווא, און אין אייך וועלן נעמען שטראָמען סטראָפן. פאַרוואָס שרייבט איר נישט? שרייבט, אום גאָטס ווילן! און אויב מען וואָלט באַדאַרפט דערפאַר זיך אָפּזאָגן פון די רעדעס און פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט — וואָלטן אַלע עס פאַרשטאַנען און אייך מוחל געווען.

ער האָט געשוויגן. און אַ טרויעריקער געדאַנק האָט זיך פאַר־קליבן אין מיר און איך האָב געטראַכט: ריינע פּאָעזיע, עכטע קונסט איז נאָך נישט פאַרשטענדלעך פאַרן יידישן פאָלק, — עס איז אים נאָך פרעמד.

ביי אונדזער אָפּשייד פון ארץ־ישראל, האָט ביאַליק מיט אומעט געזאָגט צו מיין טאָכטער:

— בעט גאָט, איך זאָל שרייבן..

מיר דאַרפן רעדן איצט נישט נאָר וועגן ביאַליקן אַליין. ער איז ריזיק, ער איז אין דער הויך, און ער וועט אַזוי אויף אייביק בלייבן פאַר די יידן. עכטע קינסטלער און פּאָעטן פאַרברענען סוף כל סוף זייער לעבן אין נאָמען פון דעם פאָלק, און זיי ווילן נאָר איינס — ליבע. און ווען די יידן, ווי די גאַנצע מענטשהייט, האָבן פאַרלוירן די אַלטע פאָרם פון דער רעליגיע — איז אונדז געבליבן קונסט, פּאָעזיע און ליבע..

איך האָב מורא אַז מיינע ווערטער וועלן אַרויסרופן אַ שמייכל. מען וועט מיר זאָגן: די מענטשהייט איז איצט פאַרנומען מיט עקאָ־נאָמישע און פּאָליטישע קריזיסן, איין פּאַרטיי רייסט זיך אויפצופרעסן די צווייטע, יידן שלאָגן זיך צווישן זיך און האָבן פאַר גאָרנישט קיין רעספּעקט. דער אַנטיסעמיטיזם מיט היטלערן אין דער שפּיץ פאַר־פאָלגט אונדז, און איך רעד דאָ וועגן ליבע, פּאָעזיע, און קונסט, ווי וועגן אַ נייער רעליגיע...

ביאַליק איז אויסגעגאַנגען אין טרוים נאָך אַ יידישן קינסטלערישן אידעאַל, און דערפאַר האָבן מיר אים ליב.

בריוו־אויסטויש

אין דער פּאַריזער טאָגצייטונג „נייע פּרעסע״ פון 16טן יולי, 1938, איז דערשינען פאָלגנדער בריוו־אויסטויש צווישן דעם יידישן מיליציאָנער אין שפּאַניע, דעם פּאַריזער יידישן אַרבעטער א. ליסנער (שפּעטער פּאַרטיזאַנער אין פראַנקרייך בעתן קריג און איצט פּראָפעסיאָנעלער טוער) און מאַרק שאַגאַל. די רעדאַקציע באַמערקט, אַז מארק שאגאל האָט דעם בריוו פון ליסנער און זיין ענטפער איבערגעגעבן אָפּצודרוקן אין דער צייטונג.

דער בריוו פון מיליציאָנער א. ליסנער

אין דער „נייע פּרעסע״ פון 24טן מאי האָט איר האָב איך מיט גרויס אינטערעס געלייענט אייער אַרטיקל אונטערן נאָמען: „אונדזער יידישע קולטור און אונדזער ווידערשטאַנד״. דאָס דונערן פון די נישט־אינטערוועניץ קאַנאָנען און דער געוויש פון דער אַוויאַציע איז ניט בכח צו שטערן דעם יידישן פּרייוויליקן צו לייענען אַ יידישע אַרבעטער־צייטונג, און אַזוי אַרום זיך דערוויסן, וואָס עס הערט זיך עפּעס אויף דער וועלט.

אין די באַקוועמלעכקייטן, אויף וועלכע די טראַנשיי דערלויבט, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין אייער אַרטיקל אויפן זאַץ אין וועלכן איר זאָגט:

„און אונדזער היינטיקע קולטור? דאָס איז ניט בלויז שפּי־נאָזא, פרויד, איינשטיין, מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם, ביאַליק, איזראַעלס, פּיסאַראָ. דאָס זענען אויך היינט אונדזערע יידישע פאָלקס־מענטשן און די אַרבעטער אין אַלע לענדער, מיט זייער פאַרשפּיצטן קוק און מיט זייערע פויסטן, וועלכע וועלן געבן אַ ווידערשטאַנד אונדזערע שונאים פאַר אונדזער באַליידיקונג. און איך וויל נאָר איין זאָך: זיין אין זייערע רייען בעת מעשה".

דערלויבט מיר, חשובער קינסטלער, אייך צו פרעגן צי איר האָט נאָך ביז היינט ניט געזען, אַז די יידישע מאַסן און די אַרבעטער פון גאָר דער וועלט וועלן ניט בלויז „מיט זייער פאַרשפּיצטן קוק און מיט דער פויסט", ווי איר שרייבט, געבן אַ ווידערשטאַנד אונדזערע שונאים פאַר אונדזער באַליידיקונג, נאָר אַז שוין באַלד צוויי יאָר ווי די יידישע מאַסן באַנוצען זיך שוין ניט מיט אַ בלויזער פויסט. זיי האָבן גענומען דעם מעכטיקן וואָפן אין האַנט קעגן די שונאים און האָבן שוין ניט איין אָנהענגער פון היטלערס „מיין קאַמף", אַז מיר זיינען צו גאָרניט פעאיק — געמאַכט ענדערן זיין מיינונג. עס איז זיכער, אַז אייערע יאָרן דערלויבן אייך שוין ניט צו נעמען די ביקס אין האַנט. אָבער איר, פריינט שאַגאַל, מיט אייער קינסטלערישער ביקס, וואָס רופט זיך פּענזל, קענט איר אויך שלאָגן דעם אַנ־טיסעמיטיזם, ווי מיר, יידישע אַרבעטער פון גאָר דער וועלט.

(ליסנער גיט דאָן איבער אַ ריי פאַקטן פונס קאַמף פון דער באַטווין־קאַמפּאַניע, וועלכע וואָלטן פאָרדינט צו באַ־קומען זייער תיקון דורכן פּענזל פון יידישן קינסטלער. ער זעצט פאָר :)

ביי אַן אַטאַקע האָב איך געפירט דעם כ' כייפעץ פון פאַלעסטינע צום אַמבולאַנס, ווייל ער האָט באַקומען אַ קויל אין אויג, און צוליב דעם האָב איך אים געמוזט פירן. כייפעץ האָט מיר אויף דעם וועג געזאָגט פאָלגנדיקע ווערטער: „איך זע איצט ניט מער. דערפאַר האָב איך געזען, ווי איך האָב מיט מיין ביקס אוועקגעלייגט עטלעכע פאַשיסטן".

איך גלויב, אַז דאָס זיינען בילדער, מיט וועלכע די יידישע

קינסטלער וועלן קאָנען ווייזן דער ניט־יידישער וועלט, אַז מיר זיינען ניט קיין פּחדנים. און נאָך אַ בילד: ווען מיר געפינען זיך אויף אַפּרו, איז דאָך אַ פאַרגעניגן צו זען, ווי די באַטווינ־צעס בויען אין משך פון אַ פּאָר שעה אויף אַ „קאסרילעווקע״ (אַ קליין שטעטל) כדי צו זיין געשיצט פון רעגן.

ניט קיין פּאַלעמיק וויל איך מיט אייך פירן. איך בין ניט פעאיק צו דעם. איך בין זיכער, אַז איר וועט מיין באַשיידענע אָנווייזונג אויפנעמען ווי אַ פריינט.

א. ליסנער.

דער ענטפער פון מאַרק שאַגאַל

איך בין גערירט פון אייער בריוו פון אַ קעמפער פון שפּאַניע צו מיר. עס איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד, ווייל איך גלויב, אַז אייערע נעמען וועלן שיינען אין אונדזער געשיכטע.

איך בין אייך דאַנקבאַר פאַר די צוגעשיקטע צאַפּלדיקע מאַטיוון. איך האָב שוין דעם באַוואוסטזיין אַז אונדזער יידי־שער ווידערשטאַנד קעגן אונדזערע פיינט, זעט שוין אוים ביבליש.

אוודאי זענען די נייע „ביבלישע״ מאָטיוון ווערט פאַר־אייביקט צו ווערן, אַט ווי מען טוט עס פאַר די אַלטע ביבל־מאַטיוון. אויב ניט מיר — וועלן דאָס אַנדערע שפּעטער טאָן.

מאַרק שאַגאַל.

אַ בריוו אין רעדאַקציע

צו דער רעדאַקציע „יידישע קולטור":
אין נומ' 8 „יידישע קולטור" שרייבט ז. ווײַנפּער:

„אָט האָט מאַרק שאַגאַל זיך גאָר דערקלערט פאַר אַ פראַנצויזישן קינסטלער! געטאָן האָט ער דאָס אין שיקאַגע לכבוד זיינער אַן אויסשטעלונג. הכלל, לויט מאַרק שאַגאַלן אַליין, איז ער בכלל נישט קיין יידישער קינסטלער, נאָר אַ ייד-קינסטלער אין דער פראַנצויזישער קונסט".

איך האָב אין שיקאַגע ניט געגעבן קיין אינטערוויו און ניט געהאַלטן קיין רעדעס.

פאַראַנען מענטשן וואָס האַלטן אַז איך בין מער באַשיידן און אַז איך האַלט זיך ניט פאַר אַ „פראַנצויזישן קינסטלער". אין שלאָפלאָזע נעכט — קלער איך אַמאָל, אַז אפשר האָב איך געשאַפן אַ פּאָר בילדער, וואָס קענען מיר געבן די רעכט צו רופן זיך: „יידישער קינסטלער".

יעדנפאַלס — אַ ייד בין איך שטענדיק. אַז איך הער אַזוינע רייד — איז ווי עמעצער וואָלט מיך מיט גוואַלד אָפּגעשמדט.

איך טראָג נישט קיין קרוין. איך האָב

ליב קריטיק, ליב זיך לערנען. אָבער איך האָב ליב זאַכן און ווערטער עכט־דורכגעזיפּטע און דורכגעפילטע, דער־הויפּט אין אונדזער טראַגישער צייט, ווען מיר שטרעבן צו אייניקייט אין יידישער קולטור.

פאַרקערט — איך האָב, דאַכט זיך, אָפט געדעדט און ערגעץ געשריבן:
„ווען איך וואָלט קיין ייד ניט געווען, וואָלט איך קיין קינסטלער ניט געווען".

סעפט., 1947 מאַרק שאַגאַל.

אַ בריוול פון מאַרק שאַגאַל

(געדרוקט אין דער „מאָרגן פרייהייט")

חשובע פריינט:

איך דאַנק אייך פאַר אייער אָפּרוף וועגן מיין בילד „די רעוואָלוציע", וועל־כע איך האָב געמאַכט כמעט צו דעם 25טן יאָרטאָג פון דער סאָוועט־רעוואָ־לוציע.

איך בין ניט געווען אָפּגעשניטן פון מיין געבורטלאַנד קיינמאָל ניט. וואָ־רום מיין קונסט קאָן דאָך אָן איר ניט לעבן און קאָן אין קיין לאַנד זיך ניט אַסימילירן. און איצט ווען פּאַריז — די הויפּט־שטאָט פון פּלאַסטישער קונסט, וואוהין אַלע קינסטלער פון דער וועלט האָבן געהאַט די געוואוינהייט צו פאָרן, איז טויט — פרעג איך זיך אָפט: וואו בין איך?

איך שיק מיינע גרויסע סאָוועטישע פריינט און קאָלעגן — שרייבער און קינסטלער, און די נאָך־גרעסערע קינ־סטלער — די רויטע אַרמייער־העלדן אויף אַלע פראָנטן, מיינע האַרציקע גרוסן און וואונטשן. איך האָף און איך בין זיכער, אַז זיי וועלן אויסמאָלן מיט זייער בלוט דאָס בעסטע און שענסטע לעבנס־רעוואָלוציע־בילד, וועלכעס מיר, איינפאַכע קינסטלער און מענ־טשן, וועלן דאַרפן אָנקוקן און באַוואונ־דער און לעבן אין איר שיין.

.1944

אַ בריוול פון שאַגאַלן צום „דבר", ישראל

איך וואָלט וועלן ניט ווערטער שיקן אייך, נאָר ווערטער ווי בלומען. איך האָב געזען טאַקע דאָ אין לאַנד אַזעל־כע. דאָס זיינען די פענימער פון די יונגע דאָ אין לאַנד. איך נעם זייער געשטאַלט מיט זיך אין וועג כדי איך זאָל קאָנען אָטעמען און אַרבעטן ווייטער — פאַר זיך, פאַר ישראל.

ירושלים, 1965, דעצ. 6.

די לופט און ערד
פון ירושלים

(רעדע ביים אויפדעקן די וויטראַזשן אין דער שול פון
הדסה מעדיצינישן צענטער אין ירושלים)

. . . ווי קומט דאָס וואָס די לופט און ערד פון מיין געבורטפּלאַץ וויטעבסק און פון טויזנטער יאָרן פון גלות, ווערן אויסגעמישט מיט דער לופט און דער ערד פון ירושלים?

ווי האָב איך געקאָנט טראַכטן אַז ניט בלויז ווען מיינע הענט מיט זייערע קאָלירן מיך פירן אין מיין אַרבעט, נאָר אַז די אָרימע הענט פון מיינע עלטערן און פון אַנדערע און נאָך אַנדערע, מיט זייערע שטומע ליפּן און זייערע פאַרמאַכטע אויגן, וואָס האָבן זיך פאַרקליבן הינטער מיר און אַריינגערוימט, ווען האָבן אַ חלק אין מיין אַרבעט, ווי זיי וואָלטן וועלן זיין אַ טייל פון מיין לעבן?

אויך פיל איך ווי דער טראַגישער און העראָאישער ווידער־שטאַנד אין די געטאָס און אייער קריג דאָ אין לאַנד, זיינען באַהעפט געוואָרן מיט מיינע בלומען און חיות און אין מיינע פלאַמיקע קאָלירן.

וואָס מער אונדזער צייט זאָגט זיך אָפּ צו זען דעם פולן פּרצוף פון אוניווערס און באַגרענעצט זיך מיט אַ בליק אויף אַ פּיצל טייל פון איר אויבערפלאַך, אַלץ מער ווער איך באַזאָרגט ווען איך באַ־טראַכט דעם אוניווערס אין זיין אייביקן ריטם, און איך האָב דעם פאַרלאַנג צו גיין קעגן אַלגעמיינעם שטראָם.

רעד איך אַזוי דערפאַר וואָס מיטן גאַנג פון די יאָרן ווערן די קאָנטורן וואָס רינגלען אונדז אַרום קלאָרער און דער האָריזאָנט דערשיינט אין אַ מער טראַגישן גליי?

איך פיל ווי קאָלירן און ליניעס פליסן ווי טרערן פון מיינע אויגן, כאָטש איך וויין ניט. און זאָל זיך אייך ניט אויסדוכטן אַז איך רעד אַזוי פון שוואַכקייט. פאַרקערט, וואָס עלטער איך ווער, אַלץ

מער בין איך זיכער וואָס איך וויל און אַלץ מער בין איך זיכער וואָס איך זאָג.

איך ווייס אַז דער וועג פון אונדזער לעבן איז אייביק און קורץ, און נאָך זייענדיק אין דער מאַמעס בויך האָב איך געלערנט צו גיין אויף דעם וועג מיט ליבע און ניט מיט האַס.

אַט־די געדאַנקען זיינען געקומען צו מיר מיט אַ סך יאָרן צוריק ווען איך האָב צום ערשטן מאָל באַטראַכט דעם ביבלישן באָדן, זיך צוגרייטנדיק צו שאַפן די צייכענונגען פאַר דער ביבל. און זיי האָבן מיך דערמוטיקט צו ברענגען מיין באַשיידענע מתנה צום יידישן פאָלק — צו דעם יידישן פאָלק וואָס האָט תמיד געטרוימט פון ביבלי־שער ליבע, פון פריינטשאַפט און שלום צווישן אַלע פעלקער; צו דעם פאָלק וואָס האָט דאָ געלעבט מיט טויזנטער יאָרן צוריק צווישן אַנדערע סעמיטישע פעלקער. און דאָס וואָס ווערט היינט באַטראַכט ווי רעליגיעזע קונסט האָב איך געשאַפן אין זינען האָבנדיק די גרויסע און אוראַלטע באַשאַפונגען פון די אַרומיקע סעמיטישע פעלקער.

איך וויל אויסדריקן מיין דאַנק צו די פרויען פון דער הדסה און איבערהויפּט צו מרס. מרים פרוינד, פאַר אויסקלייבן מיך פאַר דער אַרבעט און אויך צו דער מלוכה פון ישראל פאַר איינלאַדן מיך אַהער.

איך האָב פאַרענדיקט צוויי יאָר פון מי, באַשאַפנדיק די דאָזיקע צוועלף קאָלירטע פענצטער פאַר דער שול אין ירושלים. איך פאַר־האָף אַז די סינאַגאָגע וועט אייך געפעלן און אַז זי וועט איבערפליסן מיט האַרמאָניע.

איך האָב געזען די בערג פון סדום און נגב. דורך די שפּאַלטן דערשיינען די שאָטנס פון אונדזערע נביאים אין זייערע געלע בגדים, דער קאָליר פון פאַרטריקנט ברויט. איך האָב געהערט זייערע פאַר־צייטיקע רייד. האָבן זיי דען ניט באמת און יושרדיק באַוויזן אין זייערע ווערטער ווי אַזוי זיך אויפצופירן אויף אונדזער ערד און צו וועלכע אידעאַלן זיך צו ווידמען?

איך וויל האָפן און זיין דערמוטיקט מיטן געדאַנק אַז מיין באַשיידענע אַרבעט וועט פאַרבלייבן אין זייער לאַנד, אייער לאַנד.

.1962

אין דער אַטאָמישער עפּאָכע

אין פּאַריזער ליטעראַרישן וואָכנבלאַט „לעטר פראַנסעז״ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די רעדע, וועלכע עס האָט געהאַלטן אין אַמעריקע מאַרק שאַגאַל.

די דאָזיקע רעדע, וועלכע איז ביז איצט ניט געווען באַקאַנט דער עפנטלעכקייט, איז באַגלייט דורך אַן אַריינפיר־וואָרט פונעם גרויסן פראַנצויזישן דיכטער לואי אַראַגאָן, וועלכער איז רעדאַקטאָר פון „לעטר פראַנסעז״.

מיר ברענגען דאָ, מיט קליינע קירצונגען, די איבערזעצונג פון שאַגאַל׳ס רעדע.

אַריינפיר וואָרט פון לואי אַראַגאָן

מאַרק שאַגאַל האָט אין חודש מאַי 1963 געהאַלטן אַ רעדע אין אַמעריקע פאַר אַן ענגן קרייז. די דאָזיקע רעדע איז קיינמאָל נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. מיר האָבן זיך געווענדט צום קינסטלער און אים געבעטן, אונדז איבערגעבן דעם טעקסט, כדי אים צו ברענגען פאַר אונדזערע לייענער. מאַרק שאַגאַל איז מסכים געווען.

אין דער זעלבער צייט האָט מאַרק שאַגאַל אונדז דערקלערט, אַז ער צווייפלט צי דער תוך פון דער דאָזיקער רעדע איז פּאַסיק פאַר אונדזער צייטשריפט און ער לאָזט איבער אונדזער רעדאַקציע דאָס אָפּצושאַצן.

אונדזער ענטפער איז אַ פשוטער: מיר פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע רעדע. צוליב וועלכע טעמים?

אונדזער וואָכנבלאַט „לעטר פראַנסעז״ האָט אַלס ציל אָפּצושפּיג־לען אין אַלגעמיין דאָס אינטעלעקטועלע לעבן און די עקזיסטירנדיקע

אין אים קעגנזאַצן. מיר ווילן נישט געבן קיין בילד, וואָס איז פון פאַראויס באַשטימט און אָנגעוואָרפן. מיר ווילן אויסמיידן דאָגמאַטיזם.

צי זיינען מיר מסכים מיט יעדן וואָרט וואָס אונדזערע מיט־אַרבעטער דריקן אויס אין זייערע אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען? דאָס שטייט נישט אויף דער טאָג־אָרדענונג. לאָמיר נעמען למשל, דעם איצטיקן ביישפּיל פון מאַרק שאַגאַלס באַהויפּטונגען. צי וועלן מיר דען דיסקוטירן מיט אים אין זיין אָפּשאַצונג, אַז „די ביבל איז, אָבּיעקטיוו גענומען, דאָס גרעסטע קונסט־ווערק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער וועלט״ ?

. . . מיר האַלטן פאַר וועזנטלעך צו געבן אונדזערע לייענער אַ טעקסט — נישט וויכטיק צי מען איז מסכים מיט זיינע אויספירן אָדער נישט — וועלכן מיר האַלטן פאַר אַ געשעעניש. דער פאָלגנדיקער טעקסט איז פון איינעם פון די גרעסטע מאָלער פון דער מאָדערנער צייט און אַזאַ געשעעניש דאַרף מען דעריבער נעמען אין אַכט.

קיינמאָל נאָך איז אַזוי נישט געקומען צום אויסדרוק מיט אַזאַ אינטענסיוויטעט דער מאָראַלישער קריזיס פון די קונסט־שאַפער פונעם 20טן יאָרהונדערט, ווי דאָס קומט אַרויס אין די באַהויפּטונגען פון מאַרק שאַגאַל.

מיר באַטאָנען, אַז מיר ווילן נישט אַריינלאָזן זיך אין די פּרטים, וואָס מאַרק שאַגאַל גיט, און צי איז ער גערעכט, וואָס שייך דעם צוזאַמענהאַנג צווישן רעליגיע און קונסט, צווישן וויסנשאַפט און קונסט א. א. וו. דאָס וועט טאָן דער לייענער, לויט זיינע פּערזענלעכע איבערצייגונגען.

דאָס, וואָס איז וויכטיק איז דאָס עדות־זאָגן פון מאַרק שאַגאַל וועגן דעם טיפן אומרו, וואָס כאַראַקטעריזירט אונדזער תקופה און ווערט אויך געפילט צווישן די שעפערישע מענטשן.

קודם כל דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די שטעלן אין מאַרק שאַגאַלס רעדע, וועלכע ווייזן זיך אַרויס אַלס אַ באַהויפּטונג און פעסטשטעלונג, זיינען גאָר גרויסע פראַג־צייכנס פול מיט אומרו. דעם ענטפער דערויף, ד. ה. אַן ענטפער, וואָס ווערט אַזוי טראַגיש געזוכט, גלויבן מיר, וועט געגעבן ווערן אין די ווערק פון די היינטצייטיקע און די צוקונפטיקע קינסטלער.

מיר, פון אונדזער זייט, גלויבן אין דעם שטענדיקן דויער און

אַנטוויקלונג פונעם מענטשלעכן זשעני און מיר גלויבן נישט, אַז אַלץ ווערט פאַרענטפערט איינמאָל אויף תמיד.

. . . עס איז אויך אונדזער פעסטע איבערצייגונג, אַז די אַר־טיסטישע שאַפונג פון מאַרק שאַגאַל איז אַ הערלעכער און בולטער באַוויז, וואָס לייקנט אָפּ די טעאָריע פון דער פאַטאַלער דעקאַדענץ פון דער קונסט.

מען דאַרף כסדר האָבן אין זינען די בילדער פונעם מאָלער בעת מען לייענט דאָס, וואָס עס ברענגט אַרויס אין זיינע ווערטער אָט־דער וואונדערבאַרער קינסטלער. מען דאַרף זוכן צו פאַרשטיין, וואָס עס מיינט מאַרק שאַגאַל, כדי נישט צו פעלשן דעם פאַרגלייך פון די ווערטן, וואָס ער רוקט אַרויס.

אָבער דאָס איז דער ציל פון אונדזער וואָכנבלאַט „לעטר פראַנ־סעז" און מיר זיינען דערביי טיף איבערצייגט, אַז אַזוי אַרום, באַ־קענענדיק די לייענער מיט פאַרשיידענע טעקסטן, דינט דעם אויפבלי און אַנטוויקלונג פונעם מענטשלעכן דענקען.

די רעדע פון מאַרק שאַגאַל

. . . אין לויף פון מיין גאַנצן לעבן האָב איך תמיד ליבערשט געהערט אַנדערע און געשטרעבט עפּעס צו לערנען פון זיי, פאַר־שטענדלעך, לויט מיינע פייאיקייטן.

זייענדיק פאַרבונפטיק וואָלט איך געדאַרפט בעסער בלייבן ביי מיין קינסטלערישער אַרבעט, וואָס איז דער הויפּט־ציל פון מיין לעבן, בפרט, ווען איך דערלויב מיר צו טראַכטן, אַז איך שאַף און טראַכט נישט בלויז פאַר מיר אַליין.

ס'איז אנגענעם צו טראַכטן, אַז אין אונדזער תקופה פאַרזאַמלען זיך מענטשן, כדי אויסצוטייטשן מיינונגען וועגן די ווערטלעכסטע צילן פונעם לעבן.

וואָס קאָן זיין מער רירנדיק אין אונדזער מענטשלעכער גע־מיינשאַפט, אויף אונדזער ערדישע פּלאַנעטע, ווי דער ווילן צו באַ־טראַכטן אַ מענטשלעך האַרץ און דערהערן אין אים די באַוועגונגען פון דער גאָרער וועלט, מיט אירע זיפצן און אירע חלומות?

במשך פון הונדערטער און טויזנטער יאָרן איז דעם מענטש געווען פיל לייכטער צו לעבן, אין מאָראַלישן זין. ער האָט פאַרמאָגט

די אַדער יענע מאָראַלישע באַזע, וועלכע איז געווען טיף פאַרוואָרצלט אין אים גופא.

מיר האָבן בולטע באַווייזן פאַרן געדאַנק, וועלכן איך האָב אָקאָרשט איצט אַרויסגעבראַכט. ווען מיר באַטראַכטן די שאַפונגען פון די ווייטע, גאָר ווייטע תקופות. די אַנגענומענע קאָנצעפּציע פון דער וועלט קומט צום אויסדרוק מיט אַ קלאָרקייט, וואָס קאָן ניט באַצווייפלט ווערן.

אין פאַרלויף פון יאָרן און יאָרן — און דאָס כסדר — האָבן זיך די אַמאָליקע קאָנצעפּציעס וועגן דער וועלט אַרויסגעוויזן אָנמעכטיק, כדי צו באַהויכן די מענטשן און זיי אָנפילן מיט אַן איבערלעך לעבן. עס האָט די מענטשן דאָס געפעלט ניט בלויז פאַר זייער קינסטלע־רישער שאַפונג, נאָר פשוט פאַר זייער טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ.

איך בין בכלל ניט פאַרטרויערט, באַרירנדיק אָט די פּראָבלעם און איך בין ניט קיין פעסימיסט.

עס זיינען ניט פאַראַן אַזעלכע כוחות, וועלכע זאָלן מיך אָוועק־פירן אויף די וועגן, אַז איך זאָל אויפהערן גלויבן אין מענטש, בפרט, אַז איך האָב בכלל אַ טיפן גלויבן אין דער דערהויבנקייט פון דער נאַטור.

אין דער זעלבער צייט בין איך איבערצייגט, אַז דער מענטש־לעכער ווילן און דער גאַנג אין לעבן זיינען אָפט אַ רעזולטאַט פון קאָסמישע איינפלוסן פונעם זעלבן מין. פונקט ווי עס איז מיט דעם אויך פאַרבונדן דער היסטאָרישער גאַנג און דער מענטשלעכער גורל.

טראָץ דעם אַלעם קאָנען מיר זיך ניט אָפּהאַלטן פון שטעלן פאַר זיך כסדר פאָלגנדיקע פראַגע:

„פאַרוואָס זיינען מיר אַזוי באַאומרואיקט די לעצטע יאָרן?"

וואָס מער דער מענטש, אַ דאַנק זיין געוואַגטקייט, באַפרייט זיך מכלומרשט פון זיינע קייטן, אַלץ מער פילט זיך דער יחיד איינזאַם און אין אָט־דער מאָסע בלייבט ער אַליין אויסגעשטעלט אויף זיין גורל.

ווי תמיד, וויל איך צוריקקומען צו די דאָזיקע פּראָבלעמען, וואָס זיינען נוגע דער קונסט.

ווען עס איז אַנטשטאַנען דער אימפּרעסיאָניזם איז דאָס געווען ווי אַ פענצטער וואָלט געעפנט געוואָרן. אַ ליכט האָט אָנגעהויבן שיינען אויפן האָריזאָנט ווי אַ רעגנבויגן און באַלויכטן אונדזער וועלט. כאָטש די אימפּרעסיאָניסטישע וועלט האָט באַנוצט שטאַרקערע פאַרבן און אינטענסיווערע, דוכט מיר דאָך, אַז אין אַלגעמיין איז דאָס וועלט־

בילד געוואָרן איינגעשרומפּענער לגבי דער נאַטוראַליסטישער וועלט־פאַרשטעלונג פון אַ קורבע למשל.

...נאָכן אימפּרעסיאָניזם אין דער קונסט איז געבוירן געוואָרן דער קוביזם, וועלכער האָט אונדז אַריינגעפירט אין די געאָמעטרישע אונטערערדן פון די געשטאַלטן און קעגנשטאַנדן. שפּעטער האָט די אַבסטראַקציע דערפירט די וועלט צו די קליינע עלעמענטן און צו דער מאַטעריע.

לאָמיר מאַכן אַ סך הכל פונעם אויטענטישן, דעם עיקר־דיקן, וואָס מיר האָבן אין אונדזער לעבנס־באַגאַזש.

די וועלט געהערט אונדז, ווי נאָר מיר ווערן געבוירן און עס דוכט זיך אונדז, אַז מיר זיינען געגוג באַוואָפנט פאַרן לעבן פונעם אָנהויב אָן פון אונדזער עקזיסטענץ.

במשך פון אַ צוויי טויזנט יאָר האָבן מיר געשעפּט פון אַ רעזערוו פון ענערגיע, וועלכער האָט אונדז געשפּייזט, געשיצט און געגעבן אַן אינהאַלט אין לעבן. אָבער אין לויף פונעם לעצטן יאָרהונדערט איז געשאַפן געוואָרן אַ מין ריס, אַ שפּאַלט אין דעם ענערגיע־רעזערוו. די עלעמענטן פון וועלכע די דאָזיקע ענערגיע אין באַשטאַנען האָבן אָנגעהויבן זיך צעפאַלן. אַזוי האָט מען גענומען זען אַנדערש אַזעלכע באַגריפן ווי: גאָט, די פּערספּעקטיוו, די פאַרב, די ביבל, די פאָרם, די ליניעס, די טראַדיציעס, די אַזוי־גערופענע מינים הומאַניזמען, די ליבע, די טריישאַפט, די פאַמיליע, די שול, די דערציאונג, די נביאים און קריסטוסן אויך.

אפשר האָב איך אַליין אויך גענומען צווייפלען? איך האָב געמאָלט בילדער משונה׳דיקע. איך האָב צעשניטן קעפּ און די פּער־סאָנאַזשן אויף שטיקער און זיי זיינען געוועזן אין מיינע בילדער ווי פאַרהאַנגענע אין דער לופט. דאָס האָב איך געטאָן אין נאָמען פון אַ נייער פּערספּעקטיוו, פון אַן אַנדערער קאָנסטרוקציע פון בילדער און פון געפינען גאָר אַנדערע אומשטענדן (פאָרמאַליזמען).

אַזוי אַרום איז אונדזער וועלט געוואָרן פאַרוואַנדלט בהדרגה־דיק אין אַ קליין וועלטל, אין וועלכער מיר, קליינע מענטשעלעך, דרייען זיך און הענגען זיך אָן אין די קליינע עלעמענטן פון אונדזער נאַטור, ביז מיר זיינען דערגאַנגען אין די ראַמען פון דער נאַטור ביז צום אַטאָם גופא.

אָט די מכלומרשטע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונג אין דעם דער־

אָבערן די נאַטור איז דען נישט אַ גרענעץ־ליניע פאַרן קוואַל פון פּאָעזיע און ליידיקט זי נישט אויס די נשמה? צי האָט דאָס אויך נישט באַרויבט דעם מענטש פון די עלעמענטן, וועלכע האָבן אים געבראַכט רו און אַ פיזישע גלייכגעוויכט? און דאָס אַלץ נעמט מען דען נישט צו ביים מענטשלעכן אָרגאַניזם דעם מאָראַלישן זין פון לעבן און פון זיין באַשאַפונג?

בעת די לעצטע יאָרן איז מיר אָפט אויסגעקומען צו באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם, וואָס איך באַצייכן אַלס די אַזוי־גערופענע אויטענטישע כעמיע פון דער אויטענטישער פאָרם פון דער מאַטעריע און איך האָב אין דעם געזען אַ מין מעסטער פון אויטענטישקייט.

. . . ווי ווערן געבאָרן, ווי לעבט און אַנטוויקלט זיך די אַזוי־גערופענע כעמיע (אַ באַגריף, וועלכער איז ברייט, לויט מיר) ווייל נאָר דורך איר אַנטשטייט די קונסט און די ריכטיקע קאָנצעפּציע פון דער וועלט און פון לעבן גופא?

מיין ענטפער איז, אַז דאָס באַשטייט פון עלעמענטן פון ליבע און פון אַ געוויסער נאַטירלעכקייט, וואָס איז דאָס אייגנטימלעכע פון דער נאַטור אַליין, ד. ה. עס פאַרטראָגט נישט קיין בייז, קיין שנאה און . . . גלייכגילטיקייט.

אויב מיר זיינען, למשל, פאַר׳כישופ׳ט ביז אין די טיפענישן פון אונדזער נשמה דורך דער ביבל, איז עס דערפאַר, ווייל פון כעמישן שטאַנדפונקט איז די ביבל דאָס גרעסטע קונסט־ווערק אין דער וועלט. די ביבל פאַרמאָגט אין זיך דעם העכסטן לעבנס־אידעאַל אויף אונדזער ערדישער פּלאַנעטע.

וועט קומען אַן אַנדער גאונישער כעמישער צוזאַמענשטעל, וועט אים די מענטשהייט אָננעמען און נאָכפאָלגן ווי אַ נייע קאָנצעפּציע פון דער וועלט און אַ נייעם קוק אויפן לעבן.

איך האָב נישט די אַמביציע אייך אויפצוקלערן דורך מיינע ווערטער די פאַרשידענע אַנדערע ווערטן פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

וואָס פאַר אַ גרויסן טעות מאַכן די אַלע, וועלכע טראַכטן, אַז אָט־די כעמיע — וועגן וועלכער איך רעד — קאָן מען געפינען ערגעץ אין אַ וויסנשאַפטלעכער לאַבאָראַטאָריע, אין אַ פאַבריק, אָדער מען קען דאָס אויסלערנען טעאָרעטיש ערגעץ־וואו.

דאָס וואָס איך באַצייכן אַלס אַ מין כעמיע שטעקט אין אונדז. זי געפינט זיך אין אונדזערע הענט, אין אונדזער נשמה!

דאָס איז אַן איינגעבוירענע אייגנשאַפט און אויך אַ רעזולטאַט פון דערציאונג.

כדי איך זאָל בלייבן אין אַלגעמיינע פלאַכן און מען זאָל מיך גענויער פאַרשטיין, טאָ דערלויבט מיר — אויב איר ווילט — אייך צו זאָגן וואָס איך טו איצט.

איך האָב בדעה פאַרצוזעצן די ביבלישע סעריע, וועלכע וועט ווערן באַנוצט אין אַ געביידע — נישט אין אַ מוזיי, אָדער אין אַ געבעט־הויז — וואו מענטשן וועלן קומען זוכן דעם נייעם פלאַסטישן, גייסטיקן אינהאַלט, וועגן וועלכן איך האָב שוין פריער דערמאָנט.

מיר דוכט זיך, אַז צווישן אונדז געפינען זיך מענטשן, וועלכע זוכן דאָס אויך. אפשר זייט איר עס די פאַרזאַמלטע היינט דאָ, אָדער אפשר וועלן דאָס זיין אַנדערע אין אַ צייט אַרום . . .

כאָטש איך פיל נישט אין מיר קיין שום פילאָסאָפישע נייגונגען, פיל איך אָבער גענוי דאָס וואָס דערשטיקט איצט די קונסט און די קולטור און טיילמאָל אויך דאָס לעבן גופא.

דווקא אין אַ תקופה ווען עס שוואַכט זיך אָפּ אויף אַ פּראָגרעסיוון אופן דאָס רעליגיעזע געפיל — איך וויל מיך נישט אַריינלאָזן אין זוכן די סיבות פון אָט־דער דערשיינונג — איז אָבער אוממעגלעך, אַז מיר זאָלן נישט באַמערקן ווי אַזוי די קונסט פונעם 19טן און 20טן יאָרהונדערט זיינען געווען ביז אונדזערע טעג אפילו, נאָר אַ שוואַכער אָפּשיין פון די וויסנשאַפטלעכע דערפינדונגען, אין מאָמענט ווען די קונסט ביז צו דער רענעסאַנס־תקופה (זי אויך אריינגערעכנט) האָט אָפּגעשפּיגלט דעם רעליגיעזן גייסט, אָדער לפּחות אילוסטרירט די רעליגיעזע געפילן פון יענע עפּאָכעס.

איך קאָן מיך נישט אָפּהאַלטן פון דערקלערן, אַז די קונסט פון אַזוי־גערופענעם וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער, אָדער די קונסט לשם פאַרגעניגן, האָט, פּונקט ווי שפּייז, נישט קיין דויערנדיקע ווערט. היסטאָריש קאָן אַזאַ קונסט גאַנץ פאַוואָלינקע פאַרשווינדן.

מען זאָגט, אַז א „גוטער" מענטש קאָן זיין אַ שלעכטער קינסטלער. ער וועט אָבער קיינמאָל נישט זיין קיין אַרטיסט, אויב ער איז נישט קיין גרויסער און אויך גוטער מענטש.

איך ווייס גענוי, אַז מאָלן די נאַטור איז איצט נישט אין דער

מאָדע ביי געוויסע קינסטלער, ־ מען דערקלערט, אַז נאָך אַזעלכע מייסטער ווי סעזאַן, מאַנע, גאָגען, איז שוין נישטאָ מער קיין מעג־לעכע גאונות, כדי אָפּצושפּיגלען די נאַטור.

איצט איז אָנגענומען, אַז ווי נאָר מעגלעך מיידט מען אויס די נאַטור. דאָס מאַכט אָבער אויף מיר דעם איינדרוק פון מענטשן, וועלכע ווילן אייך נישט קוקן גלייך אין די אויגן; איך האָב מורא פאַר אָט־דעם פּענאָמען און ווענד אָפּ מיין בליק פון אָט דעם מענטשן.

געוויסע רעוואָלוציאָנערן האָבן געזוכט וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן, כדי איינצופירן אַן אָרדענונג אין עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן פון אונדזער וועלט. מיט דער צייט ווייזט זיך אַרויס אַז אַלע טעאָריעס פון אַ וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער זיינען זיך טיילווייז סותר אין פאַרגלייך מיט אַנדערע טעאָריעס.

די ענדערונגען סיי אין סאָציאַלן לעבן, סיי אין דער קונסט וועלן אפשר זיין זיכערע, ווען זיי וועלן קומען אויך פון אונדזערע נשמות און נישט בלויז פון אונדזערע קעפּ. וואָלטן מענטשן געלייענט אויפמערקזאַם די נביאים וואָלטן זיי געקאָנט דאָרט געפינען ענטפערס אויף פאַרשידענע לעבנס־פּראָבלעמען.

איך שטעל מיר אַ פראַגע: צי זיינען נישט פאַראַן קיין אַנדערע רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן ווי די וועלכע מיר האָבן איבערגעלעבט?

עקזיסטירט דען נישט קיין אַנדערע באַזע פאַר דער קונסט אויסער דער דעקאָראַטיווער פאָרם, כדי זי זאָל געפעלן ווערן, אָדער גאָר די עקספּערימענטאַלע קונסט און די גרויזאַמע קונסט וואָס וויל איבערשרעקן די אַנדערע מענטשן?

ס׳איז אפשר קינדעריש און נאַאיוו איבערצוחזרן דעם גרויסן אמת — וועלכער איז באַקאַנט זינט אַ לאַנגער צייט — אַז די וועלט וועט אין אַלע אירע סעקטארן זיך קאָנען ראַטעווען נאָר דורך דער ליבע. אָן ליבע וועט די וועלט טריט נאָך טריט אונטערגיין.

וואָלט מען געקאָנט צו די טעאָרעטישע און וויסנשאַפטלעכע קוואַלן — וועלכע איך האָב שוין דערמאָנט — צוגעבן אָט־דעם עלעמענט ליבע, וואָלט דער רעזולטאַט פאַר דער וועלט געווען אַ מער געדעכטער און רעאַליזירבאַרער.

עס דוכט זיך, אַז אין אונדזער אַטאָמישער עפּאָכע דערגייען מיר צו געוויסע גרענעצן. וועלכע זיינען זיי עס? מיר ווילן אָבער נישט אַריינפאַלן אין אַ וועלט־תהום.

האָבנדיק אָפּגעלעבט אַ היפּש ביסל יאָרן האָב איך דערקענט די צאָלרייכע שלעכטע זייטן פונעם לעבן און פאַרשטאַנען, אַז עס איז לייכטער אַרויפצוקלעטערן אויפן באַרג מאָן בלאַן, ווי מיינען, אַז מען קאָן איבעראַנדערשן דעם מענטש.

וואָס שייך דער קונסט האָב איך זייער אָפּט געטראַכט וועגן דער פאַרב, וואָס איר נאָמען איז ליבע.

עס איז פאַר מיר אַ פאַרגעניגן צו טראַכטן וועגן דער יוגנט, אויף וועלכער מיר לייגן האָפענונגען, אַז זי וועט זיין אַן עכאָ פון אונדזערע אָנשטרענגונגען; עס איז מיר אויך גוט אויפן האַרצן ווען איך גלויב אַז אייך, פאַרזאַמלטע, באַשעפטיקן אויך דיזעלבע פּראָבלעמען.

ס'איז פאַר מיר אַ פרייד צו טרוימען, אַז מיין רוף וועט נישט זיין ווי אַ שטים אין אַ מדבר.

די יידישע שטאָט וויטעבסק

וויטעבסק איז געווען איינע פון די יידישסטע שטעט אין ווייס־רוסלאַנד. דאָרט זיינען געבאָרן געוואָרן: דר. חיים זשיטלאָווסקי, ש. אַנסקי, דער מאָלער יהודה פּען, וועמעס תלמיד ס'איז געווען מאַרק שאַגאַל, לעאָן קאָברין, צבי הירשקאַן, וועלכער האָט געווידמעט דער שטאָט וויטעבסק אַ גאַנץ בוך, „באָריס קאַבאַלקין“, אין וועלכן ער האָט געשילדערט דאָס אָרעמע לעבן פון דער שטאָט און אויך דאָס גייסטיקע לעבן פון אַ גרופּע רעוואָלוציאָנערע טיפּן, וואָס האָבן דאָרט געווירקט.

צו מיין שטאָט וויטעבסק

(געדרוקט אין „איינִיקייט“, צוויי־וואָכנבלאַט, אַרויסגעגעבן פון אַמעריקאַנער קאָמיטעט פון יידישע שרייבער, קינסטלער, וויסנשאַפטלער; פעברואַר 15, 1944)

שוין לאַנג, מיין ליבע שטאָט, ווי איך האָב דיך ניט געזען, ניט געהערט, ניט גערעדט מיט דיינע וואָלקנס און ניט אָנגעשפּאַרט זיך אויף דיינע פּלויטן.

ווי דער אומעטיקער וואַנדערער — האָב איך נאָר געטראָגן אַלע יאָרן דיין אָטעם אויף מיינע בילדער און אַזוי מיט דיר גערעדט און ווי אין חלום דיך געזען.

מיין טייערע — דו האָסט ניט געזאָגט מיט וויטיק: פאַרוואָס, צוליב וואָס בין איך אַוועק פון דיר מיט יאָרן לאַנג?

דאָס יינגל, האָסטו געטראַכט, זוכט עפּעס, ער זוכט אַזאַ מין דינקייט, יענע פאַרב וואָס שיט זיך ווי די שטערן פון הימל און זעצט זיך העל און דורכזיכטיק, ווי אַ שניי אויף אונדזערע דעכער אַרויף. פונוואַנען נעמט ער דאָס, ווי קומט דאָס צו אים? איך ווייס ניט, פאַרוואָס קאָן ער עס ניט געפינען לעבן אונדז, דאָ אין שטאָט — אין לאַנד וואו ער איז געבוירן געוואָרן? אפשר איז דאָס יינגל גאָר אַ „משוגענער“, נאָר „משוגע“ פון קונסט וועגן.

דו האָסט געטראַכט: „איך זע — איך בין דעם יינגל אין האַרצן איינגעבאַקן, אָבער ער „פליט“ אַלץ, ער רייסט זיך פון אָרט אַוועק, ביי אים אין קאָפּ איז עפּעס דאָ אַ „ווינטל“.

איך האָב איבערגעלאָזן אויף דיין ערד — מיין היימלאַנד, מיין נשמה — אַ באַרג מיט טויטע עלטערן, מיט שטיינער צעשאָטענע אויף זיי.

פאַרוואָס־זשע בין איך פון דיר אַזוי לאַנג אַוועק, ווען אין האַרצן בין איך שטענדיק מיט דיר, מיט דיין נייער וועלט, וואָס איז דער ליכטיקער מוסטער אין דער געשיכטע?

איך האָב ניט געלעבט ביי דיר, אָבער עס איז ניט געווען קיין בילד ביי מיר וואָס זאָל ניט אָטעמען מיט דיין גייסט און אָפּשיין.

אַמאָל ווער איך גאָר אינגאַנצן טרויעריק, ווען איך הער וואָס מענטשן זאָגן פון מיינעטוועגן אויף שפּראַכן וועלכע איך פאַרשטיי ניט און קאָן זיך ניט גוט מיט זיי צונויפרעדן — זיי רעדן וועגן מיינע באַציאונגען צו דיר, אַז איך, כלומרשט, האָב דיך פאַרגעסן. וואָס זאָגן זיי?

ווייניק איז מיר מיינע קינסטלערישע ליידן און שוועריקייטן — דאַרף איך נאָך אויסשטיין אַלס אַ מענטש.

ניט אומזיסט האָב איך פון לאַנג געטרוימט, אַז דער מענטש זאָל זיך אין מיר גאָרניט זען, נאָר דער קינסטלער . . .

נאָך אין מיין יוגנט בין איך אַוועק פון דיר — לערנען די שפּראַך פון קונסט . . . איך קאָן ניט זאָגן אַליין צי איך האָב זיך וואָס אויסגעלערנט אין פּאַריז. צי איז באַרייכערט געוואָרן מיין קונסט־שפּראַך, צי מיינע קינדערשע חלומות האָבן מיך צו וואָס גוטעס גע־בראַכט.

אָבער דאָך ערגעץ וואו האָבן מבינים געזאָגט און געשריבן, אַז איך האָב וואָס געגעבן אין דער קונסט. האָב איך דאָך אַזוי — וועלכע עס איז נוץ דיר געבראַכט.

און דאָך — אַלע יאָרן האָב איך ניט אויפגעהערט צו צווייפלען: צי פאַרשטייסטו מיך, מיין שטאָט, צי פאַרשטייען מיר זיך איינס דאָס אַנדערע?

אָבער היינט, ווי שטענדיק, וויל איך רעדן נאָר וועגן דיר.

וואָס ביסטו ניט אויסגעשטאַנען, מיין שטאָט? ליידן, הונגער, חורבן, ווי טויזנטער אַנדערע שוועסטער־שטעט פון מיין היימלאַנד.

בין איך גליקלעך פאַר דיר, פאַר דיין העלדישקייט, וואָס דו האָסט געוויזן און וויזט אַרויס דעם גרעסטן פיינט פון דער וועלט. גליקלעך פאַר דיינע מענטשן, פאַר זייער שאַפן, פאַר דעם גרויסן אינהאַלט אין לעבן, וועלכן דו האָסט געבויט.

דו גיסט עס ניט בלויז מיר אַליין — דער גאַנצער וועלט.

נאָך מער גליקלעך וואָלט איך געווען — בלאָנדזשען אויף דיינע פעלדער, צונויפקלייבן דיינע שטיינער פון חורבהס, העלפן מיט מיינע שוין עלטערע פליצעס אויפבויען דיינע גאַסן. דאָס בעסטע וואָס

איך קאָן זיך ווינטשן — איז ווען דו וואָלסט זאָגן, אַז איך בין געווען און געבליבן אויף אייביק דיר טריי.

— אַנדערש וואָלט איך דאָך קיין קינסטלער ניט געווען.

דו וועסט מיר ניט זאָגן: איך בין צו פאַנטאַסטיש, אומפאַר־שטענדלעך. דו אַליין ביסט דאָך אין דיין טיפן אינעווייניק אַזוי... דאָס זיינען דאָך דיינע חלומות — איך האָב זיי נאָר אַרויסגעפירט אויפן לייוונט ווי אַ כלה צו דער „חופה" — איך האָב דיך געקושט מיט כלערליי פאַרבן און שטריכן, און זאָג ניט איצט, אַז דו דער־קענסט זיך ניט.

איך ווייס — איך וועל ניט געפינען מער די מצבות און אפילו ניט די קברים פון מיינע עלטערן, נאָר, מיין שטאָט, וועסט ווערן מיר אַליין ווי אַ גרויסע לעבעדיקע מצבה און אַלע דיינע ניי־געבוירענע שטימעס וועלן קלינגען פיל שענער פון דער שענסטער מוזיק, ווייל זיי רופן צו נייע שאַפונגען, צום לעבן.

ווען איך האָב דערהערט, אַז דיינע העלדישע קעמפער שטייען שוין ביי דיינע טויערן — האָב איך זיך אָנגעצונדן און זיך געוואונטשן שאַפן אַזאַ גרויס בילד, וואו דער פיינט קריכט אפילו אין מיין געבורט־הויז אויף „פאָקראָווער גאַס" אַריין און פון מיינע פענצטער שלאָגט ער זיך מיט אייך.

נאָר איר טראָגט אים אַנטקעגן דעם טויט, וועלכן ער האָט פאַר־דינט, ווייל דורך טויט און שטראָף — קאָן ער אפשר מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער אָנהויבן טראָגן אַ מענטשלעכן פּנים אויף זיינע פּלייצעס.

און אויב אַמאָל פלעגט אַ לאַנד פאַרהייליקן אַ מענטשן, וואָלט היינט די גאַנצע מענטשהייט געדאַרפט דיך פאַרהייליקן, מיין שטאָט, צוזאַמען מיט דיינע עלטערע שוועסטער: סטאַלינגראַד, לענינגראַד, מאָסקווע, כאַרקאָוו, קיעוו און נאָך און נאָך און אייך אַלעמען אָנרופן — הייליקע.

מיר מענטשן קאָנען ניט און טאָרן ניט רואיק לעבן, ערלעך שאַפן און פאַרלאָזן די וועלט, ביז וואַנען די זינדיקע וועלט וועט ניט זיין אויסגערייניקט דורכן הייליקן שטראָף.

איך קוק, מיין שטאָט, אויף דיר פון ווייטן, אַזוי ווי מיין מוטער האָט אויף מיר געקוקט אַמאָל פון טיר, ווען איך פלעג אַרויסגיין אויפן גאַס. דער פיינט איז נאָך ביי דיר. און טאָמער איז אים ווייניק געווען מיין אויסגעמאָלטע שטאָט אויף מיינע בילדער, וואָס ער האָט אויס־

גערויבט וואו נאָר ער האָט געקאָנט — איז ער געקומען ברענען מיין אמת הויז און מיין אמתע שטאָט. איך וואַרף אים צוריק אין פּנים — זיין אָנערקענונג און רום, וואָס ער האָט מיר אַמאָל געגעבן אין זיין לאַנד.

זיינע „דאָקטוירים פון פילאָסאָפיע", וואָס האָבן וועגן מיר געשריבן „טיפע" ווערטער, זיינען איצט געקומען צו דיר, מיין שטאָט, אַראָפּוואַרפן מיינע ברידער פון הויכן בריק אין וואַסער אַריין, באַגראָבן זיי לעבעדיקערהייט, שיסן, צינדן, רויבן און דאָס אַלץ אָנקוקן מיט זייער קרומען שמייכל אין זייערע מאָנאָקלען.

איך דאַרף ניט מער מיין אייגן הויז, ווען אפילו דו וועסט מיר עס אָפּראַטעווען. אין אייער אַלעמענס הערצער איז מיין וואוינונג, אייער אָטעם איז מיר טייער ווי באַלזאַם.

און גליקלעך וואָלט איך זיין, ווען איך וואָלט קאָנען אַרויסברענגען וואָס נייעס, ווי דו אַליין וועסט ברענגען נייעס אויף דער וועלט.

לידער וועגן שאַגאַלן

אסתר שומיאַטשער-הירשביין

מאַרק שאַגאַל

(פון בוך „לידער". 1956, לאָס אַנדזשעלעס)

ער איז אַנדערש —
פלאַמיק ברענט אַ רויט לעמפּעלע ביי אים,
מיט צעשויבערטע גריוועס שפּרינגען יידישע לייבן,
זייערע גריוועס פון גילדענע פעדים אויסגעהאַפּטן, און אַט —
אַ גרינער ייד, איינגעקלאַמערט
מיט זיינע רמח אברים אין אַ ספר-תורה!

דער ייד איז איינס מיט זיין ספר-תורה,
לופטיק שפּאַנט ער איבער פאַרשנייטע פעלדער,
איבער דערפער
פון פויערשע הייזקעס.
זיין קאָפּ צום הימל געשטרעקט,
זיין שמייכל — צו גאָט; זיין נשמה — אַ פלאַטערדיקע פאָן!

דעם הימל אַנטקעגן טראָגט ער די תורה מיט צען געבאָטן —
אַ מתנה ברענגט ער עם גאָט!

הענט איינגעדאַרטע, איינגעקלאַמערטע,
ווי מיט בטחון די רצועות אַרומגעוויקלטע,
האַלטן דעם ספר צוגעדריקט צום האַרצן.

מיט גרויע-וואָך און דלות-זאָרג פלאַטערט זיין פּאָלע;
ער קאָן זיין אַ טאַטע, אַ פעטער, אַ סוחר,
אַ שוסטער, אַ שמש, אַ שמיד . . .

ער טראָגט זיין איבערגעניצעוועטן קאַפּטן
מיט עקשנות, מיט דאגה —
און אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק פון אמונה,
האָט שאַגאַל זיין גרינעם יידן.

אלחנן וואָגלער

פּאַריז

אָדע צו שאַגאַל

דיין פּאַליטרע איז די אַלטע ערד,
צעוויקלט ווי אַ מאַמעס תחינה;
דאָ וואו איר אויג דאָס גרינע טרערט —
דאָרט קייקלט זיך די דווינע.

דאָך גלויב, דיין מאַמעס ווײ דער הימל הערט.
דיין רום — אַ שטיין באַוואונדערט;
אָ, איר איז כאָטש דער זכות באַשערט
אַ טרוים זיין ערשט — אין דיין יאָרהונדערט.

„די גאָלדענע קייט“, נומער 53.

אַרן קורץ

„מאַרק שאַגאַל"

(פראַגמענט פון בוך „מאַרק שאַגאַל" (פּאָעמע), ניו יאָרק, 1947)

די זון
פאַרגייט ניט באַ
שאַגאַלן.
די ביימער ווילן ווערן זיינע באַרשטן —
פון די ווערבעס ביז
די דעמבעס,
פון ווייסרוסישע בעריאָזקעס ביז בולאָנער
בערעזונעס
און פּאַלעסטינער פּאַלמעס. באַ שאַגאַלן לעבט
דער טרויער
פון יידישן צאַר
אַ באַרעכטיקט לעבן — טרערנלאָז און שטאָלץ —
ער שפּילט באַ אים
אַף מאַטאָווע
זילבערנע קלאַרינעטן
אינמיטן אָפּגעריסן — אָפּגעשליסן שטעטל,
איבער דער כופּע
באַ דער שול
מיט אַ פּולער, מאַזלדיקער לעוואָנע. „גילאָ רינאָ
דיצאָ כעדוואָ".
שאַגאַל קושט זיך
מיט זיין קאַלע
ווי די זון
קושט זיך מיט דער ערד — אַרום און אַרום —
אין אַ ראָד,
אין אַ קרייז, אין אַ רונדיקער ראָם
אינדערלופטן.

מאיר שטיקער

אַ חתונה פון מאַרק שאַגאַל

„אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך" —
ס'איז ניט קיין קו, ס'איז ניט קיין קעלבל,
נאָר חתן כלה פון אַ יידישן כרך,
מיט אַ קלויז, אַ הקדש און אַ הערינג-געוועלבל.

די כלה — געשלייערט אין סאַמעט און זייד,
טונקעלער אַטלאַס — דעם חתנ'ס קאַפּאָטע.
זיי פליען אַוועק העט ווייט, העט ווייט
פון דער זומפּיק-שטעטלדיקער בלאָטע.

אַ מלאך מיט ראָזעווע פליגל באַגלייט
דעם זון פון וויטעבסקער הערינג-פּאַרקויפער.
דער פעטער זישאַ — די פּאָלעס צעשפּרייט —
מעסט דעם מארק און קלאָגט אָן אויפהער.

ס'איז פינסטער אין פּאָליש פון דער קלויז
און פינסטער די פּנימער פון די קלעזמאָרים.
זיי לויפן אַרום פון הויז צו הויז —
נאָר אַ „טרויעריקס" שפּילן זיי אָפּ אויף די קברים.

די זון פאַרגייט ווי אַ פּוטערפאַס
וואָס מיניעט און בלענדט מיט מיליאָסן קאָלירן.
די מחותנים וואַרטן פאַרשעמטע און בלאַס —
זיי האָבן ניט קיינעם אונטערצופירן.

די חתן כלה — העט ווייט, העט ווייט.
די חתונה פּראַוועט מען אויף די הימלען.
דער חתן אין אַטלאַס, די כלה אין זייד —
און דאָס שטעטעלע וויטעבסק הויבט אָן צו דרימלען.

י. מ. ניימאן
תל אביב

פאַר אַ צייכענונג פון מאַרק שאַגאַל

אַ דינע פעדער-צייכענונג ווי אַנגעהויכטער טרוים.
די ליניעס, — דינער, דינער נאָך ווי דאָס געוועב
פון טרוים.
אַ הויז אין היימיש שטעטל, אַ לייטער אָנשטאָט טרעפּ.
אַ טירל, האַלב געעפנט. אויפן פענסטער — בלומענטעפּ.
אַ הויף, הינער אויפן הויף. אַ קאַץ, אַ ציג.
אַ וואָגן שטייט, און קליין דער וואָגן, ווי אַ וויג.
אויסגעשטרעקטע דישלען. דאָס פערדל איז געשפּאַנט.
(פיר אונז, פיר אונז וואָגן, אינם וויטן לאַנד!)
אַ פּלויט. איבערן פּלויט עס הענגען קאַרשן, פולע צווייגן,
און רויטע עפּל, פּרוכטן און געוויקסן.
זונבלומען און מאָן. די ריחות שטייגן
ווי צו דער פולער וואָך דער ריח פון בשמים-ביקסן.
גינגאָלדענע וואָלקנדלעך מערן זיך און מערן
ווי פון יונגע בליטן די צעזונגענע באַגערן.
וויים בערגלט זיך דער שטעג.
חתן-כלה צערטלען זיך. מיט שטערן-פּלאַטער אויסגעשיט
דער וועג.

עס בענטשט זיי הויכער קירכקופּאָל און די שול געבוקטע,
און אויך די הון, דער הונט, די ציג פאַרגאַפטע
און פאַרקוקטע.
אַלע האַלטן איין דעם אָטעם, ווען חתן-כלה שפּאַנט
און שוועבט באַפליגלט איבער קרומע דעכער.
הויב דעם כוס. זאָג די ברכה הויך און העכער:
געבענטשט די ליבע, וואָס די ריחות טראָגן
איבערן לאַנד.

„גאָלדענע קייט", נומער 6, פרילינג, 1950.

משה שקליאַר

שאַגאַלס וויטראַזשן

(פון בוך "פּאַרשפּעקטיקטער פרילינג", פאַרלאַג "יידיש בוך", (וואַרשע, 1966)

איך ווייס ניט,
ווי עס זעט היינט אויס
דיין אַלטע שטאָט וויטעבסק —
שאַגאַל,
וואָס כ'האָב פאַרלאָזט
מיט העכער צוואַנציק יאָר צוריק
אונטער דעם גרויזאַמען געקנאַל
פון שטאָל און אייזן,
אין סאַמע ברען פון קריג.
נאָר ווען איך האָב אַראָפּגענידערט
אין 'הדסה"-היכל —
אין דער נייער שול —
באַצירט מיט דיינע ליכטיקע וויטראַזשן,
געדוכט האָט זיך,
כ'בין אַריבער בלויז אַ קליינע בריק
און ווי מיראַזשן
האָבן אין זכרון אָנגעהויבן קרייזן
בילדער פון אַמאָל.

* * *

אַמאָל, אַמאָל —
ווי ס'האָט געפירט אַ ניט געהערטער קול
די שבטים צוועלף
אַריבער וואַסערן פון ירדן,
איך פיר מיין בליק
צעשפּאָלטענעם אויף העלפט
דורך בלוי און רויטע פאַרבן
און פאַרהאַלט אים
אויף אַ פלעק פון גרין
דורך דרויסנדיקער זון צעצונדן.

באַלד ווערן אַלע פּאַסטעכער —
די זין
פון שבטים אוראַלטע פאַרשוואונדן,
און ס׳בלייבט איבער בלויז די ציג,
מיין גוט באַקאַנטע ציג,
וואָס האָט שטיל געצופּט דאָס שטרוי
פון נידריקע וויטעבסקער דעכער,
זוכנדיק איר שטאַל.
וועמענס גורל האָסטו איר פּאַרטרויט,
דער ציג — שאַגאַל?
* * *

אַמאָל, אַמאָל —
איך הער מיין מאַמעס קול
אין שרייענדיקע הענט,
וואָס רייסן זיך אַרויס פון פייער.
און פּלוצעם ציטערט אויף
די שול די נייע,
ס׳צעפאַלן זיך די ווענט
און מיר אַנטקעגן
גייט שבט יהודה,
וואָס איז אַראָפּ פונעם וויטראַזש,
און ס׳ווערן פול די וועגן
מיט אַ דורותדיקן מאַרש
פון די אַנטרונענע פון אַלע פלאַמען,
פון געטאָס,
שייטערהויפנס
און פּאָגראָמען,
זיי שפּרייזן איבער תהומען
ווי איבערן ים־סוף פון תנ״ך —
געענדיקט אַלץ.
כ׳האָב אויפגעוואַכט
אין קליינעם זאַל
און ווידער בין איך
צווישן די וויטראַזשן דיינע —
מאַרק שאַגאַל.

י. א. ראָנטש

מאַרק שאַגאַל פאַרבט דעם הימל

(אַ זון־פאַרגאַנג)

ווער האָט דעם הימל באַנוצט ווי אַ קאַנווע
צו מאָלן מוראַלן און פרעסקאָס?
געטונקען דעם פּינזל אין זונשיין־פּאַליטרע,
ניט־דאַאיגע פאַרבן געמישט און צעצונדן?

געקלעקט האָט אים רוים האָריזאָנטישער,
צעכראַסטעט, צעלייגט זיך אָן גרענעץ,
צעשויבערט, באַטרונקען פון ראַכוועס,
געקוילערט זיך אויבן, ווי קינדער אויף גראָז דאָ.

און שטאָט האָט געזען און דאָרף האָט געגלאָצט.
אין קיך האָט די ווירטין די טעלער געלאָזן,
אין שפּיטאָל האָט אַ חולה דעם ווייטאָג פאַרגעסן,
אויפן ים האָט אַ פישער צום הימל געלעכצט.

און פריי איז געווען דער אויסשטעל פון מאָלער,
און העלזער מיליאָנען געשטרעקט זיך אַרויף,
און אויגן געעפנט האָבן מענטשן און חיות
צוגלייך
און געגאַפט און געגאַפט.

אָ, ווער איז דער מבין וואָס קאָן דאָס באַשרייבן?
ווער איז דער קינסטלער וואָס האָט דאָס געשאַפן?

ווייסע גיגאַנטישע לייבן רייטן
אויף ראָזעווע, דאַרינקע ציגלעך;
גאָלדענע עפּל אין צעעפנטע מיילער
פון בלויע צעפלאַשעטע פערדלעך.

און יידעלעך אין זילבערנע זשופּיצעס
טאַנצן אין קאַראַהאָד
מיט רעגנבויגנדיקע הענער.

און ווייטער נאָך און טיפער נאָך —
שטיפער פּאַיאַצן מיט שפּיציקע מיצלעך,
און טשאַרלי טשאַפּלין מיטן שטעקן —
אַלע אויסגעפּוצטע אין העלע בגדים
שפּילן זיך אין בלינדע באָבע,
צווישן בערג פון פיאָלעט און פייער.

— — — — — — — — — — — — — — —

און ביי דער זייט שמייכלט אַ פאַרשעמטער
דורך אַ וואָלקן־שויב אַ ווייסער
דער בלוי־אויגיקער וויטעבסקער מאַרק שאַגאַל —

די האָר גרין באַקראַנצט,
דאָס רונדיק פּנים — אַ פולע לבנה,
די קליינע הענט צונויפגעלייגט אין צונטער רויט...

און די וועלט האָט געזען
און די וועלט האָט געוואוסט:
מאַרק שאַגאַל האָט דעם הימל געפאַרבט,
מאַרק שאַגאַל האָט דעם הימל געפאַרבט!

י. א. ראַנטש בוך־קאָמיטעט

עקזעקוטיווע:

ש. פראַנצבלוי, פאָרזיצער
הערשל קאָהן, סעקרעטאַר
א. ניומאַרק, קאַסירער

ח. בוקרינסקי, נייטן און מערי גאַרפילד, צירל דאַבזשינסקי, פּאָלין וויטמאַן, מ. וואָלקאָוויטש, שמעון און מאַלי טרייבוש, דר. חיים און פעי לובין, בערל מעלאַמעד, חיים און ביילע מאַרקוס, חיים סטיין, דזשו־ליא און סעם סניידער, איווא פראַנצבלוי, אהרן קוירטמאַן, סאָניא קאָהן, מערי ריטשמאַן, מאַניא ריטש, יאָסל און איידא שאַכנאָוו, קלאַראַ שולמאַן.

ערן־ספּאָנסאָרס:

עוועלין אלעקסאַנדער (אין אָנדענק פון איר ברודער פרענק בראונסטיין)
מעקס און ראָוז סאבאראָוו (דעטראָיט)
מערי ריטשמאַן (אין אָנדענק פון איר מאַן דוד)

ספּאָנסאָרס:

נייטן און מערי גאַרפילד
ראָזא ר. היל
שמעון און מאַלי טרייבוש
שמואל און איווא פראַנצבלוי
הערשל און סאָניא קאָהן
אהרן קוירטמאַן

ערן־מיטגלידער:

י. ל. בעקער (מאָנטרעאַל)
בערגלסאָן לייען־קרייז (ל. א.)
ליבי און מאָריס וואָלפסאָן (ניו יאָרק)
וועסט סייד קולטור קלוב
זוויהילער לאַנדסמאַנשאַפט און אומגעגנט
מאַרטין און סערינא יודעלעוויץ
דר. חיים און פעי לובין
שלמה מיכאָעלס קרייז
אסתר און סעם מילער
אסתר מינץ (אין אָנדענק פון איר מאַן אייב)
דוד עדלשטאַט לייען־קרייז
עליע אין אָנדענק פון לוסי
קלאַראַ אין אָנדענק פון מאיר
עלסינאָר יידישער קולטור קלוב
שלום עליכם לייען־קרייז

מיטגלידער:

אב. אָרנשטיין (נ. י.)
גיטל באָרנשטיין
חיים און חנה בוקרינסקי
זשאק און שרה גוטפריינט
חנה גאָטפריד
ליליען גלעס
רבקה גרין אין אָנדענק פון
איר מאַן מאָריס
מאַנאָלא גרין און מאַשאַ
אָקסענאַוט אין אָנדענק פון
זייער פאָטער מאָריס גרין
גדליה און שרה געלער
ס. דעמבוס (ניו יאָרק)
סעם און העלען דראָזנין
יעקב און צייטל דראָשקין
ניו יאָרק)
ה. דעניעלס (ניו יאָרק)
סעם און ראָוז האַרפּער
(מיאַמי ביטש)
פרידא ווישניאַק (אין אָנדענק
פון איר מאַן)
ראָוז וואָנעטיק
פּאָלין וויטמאַן
הערי וויינבערג
(אַטלאַנטיק סיטי)
מ. טארלאוו
י. און ב. טשאַרנאָוער (נ. י.)
יאַנקל, גאָלדע טשערניצקי

ראובן און פייגל יוקלסאָן
(ניו יאָרק)
נחום און כיענע כהן
ראַכיל ליסט
דר. מאָריס און פרידא לעוויט
ס. לאקריץ
סאול און לאָרא לין (עלסינאָר)
היימאן אוןביילע מאַרקוס
דאָרא און מאַרק מייזעל
יוצי און ענא מאָרדען
טשאַרלס און בעסי נעמעראָף
(ניו יאָרק)
ס. נאגאָשינער
דר. היימאן און איידא סטעלער
(טשעלסי, מאַס.)
ס. סאוויטש (מאָנטיסעלאָ, נ. י.)
ראָוז יאַנאָווסקי־ווייס
נאַדיע לון אין אָנדענק פון
איר מאַן יעקב
פּ. לערמאן (נ. י.)
ב. לעוויט (פיניקס, אַריז.)
שרה לעוויטאוו
מאָריס און ראָוז סיטרין
(דעטראָיט)
נ. און א. קאַרפּילאָוו
קריידמאַן אין אָנדענק פון סאָלי
אייזיק קעסלער (דעטראָיט)
הערי קענטאָר (מיאַמי)

מאָריס און אידא סווידער
(ענסינאָ)

מ. סטראַסבורגער

נייטן און כייקע סיריס
(סאַן פראַנציסקא)

דזשעק פעלדמאַן (מילוואָקי)

ירחמיאל און לינא פאַרבער

יאַנקל און ביילע פרידמאַן

מ. פיש

מאַרטאַ קאפּלאָוויץ (אין אָנדענק
פון איר מאַן מאָריס)

ווילי און פעני קיטאי

מ. ס. קאַפּלאַן

ענא קרייצער (אין אָנדענק פון
איר מאַן הערי)

סאָניאַ יאַבלאָן
אין אָנדענק פון איר מאַן
מישאַ יאַבלאָן

א. בערניקער (ווינדזאָר)

ב. געקער (נואַרק)

דינטשע האָפמאַן

בעלאַ לאָן (וואַבאַן, מאַס.)

י. לוסקין (ברוקלין)

ה. לענסקי (יוסטאָן)

א. לידסקי (טאָראָנטאָ)

לואיס נאָרמאַן (גרעיט נעק

דזשעק און עטי קוואַט (אין
אָנדענק פון טאָכטער
מעי קוואַט)

פרידא קינג

דזש. און איווא קיפּניס

דר. י. רייכער (קראָמפּאָנד)

מאַניא און מעקס ריטש

מאַניא און בנימין ראָזענפעלד

ש. י. רעלין

ס. ראָטענבערג (אין אָנדענק
פון איידא)

סאול ראָטענבערג (בעלמאָנט,
מאַס.)

הערי און ציליע ראַבינס

דר. קאַרל שוגער

שמואל און ענא שוואַרץ
(עלסינאָר)

י. סייבין

פעטאַלומאַ קולטור קלוב

ל ו א י ס ק אַ ה ר
אין אָנדענק
פון מיין ברודער בנימין

א. קאָהען (פּיקסקיל)

די קעלערמאַנס (ניו־יאָרק)

סעם און ענא קאָופמאַן

שיקאַגאָ קולטור קלוב
פון לאָס אַנדזשעלעס

אינהאַלט:

די ערשטע באַגעגעניש 7
דער באַנקעט 23
בעלא שאַגאַל 31
אין ניו יאָרק 37
קאָרעספּאָנדענץ 52
בעלא שאַגאַל (ליד) 61
נאָטיצן 62
וואַנדער 71
אין בראַנדייס אוניווערסיטעט 77
רעמבראַנדט האָט מיך ליב 83
דער דיכטער 97
דער שטראָם 111
באַלעט 128
פּאַרויס 136
מיין לעבן איז אַרבעט 151
יידישער קאַמער טעאַטער 163
וויטראַזשן 171
דער ערדישער מאַרק שאַגאַל 184
צוגאַסט 191
אָפּפאָר 195
אויף דער בינע פון מעטראָפּאָליטן אָפּערא 197
אַ פילם 201
איבער דעכער 202
אַרן קורצס „מאַרק שאַגאַל" 207
האַלט אויס עקזאַמען 211
לידער פון מאַרק שאַגאַל 218
רעדעס און אַרטיקלען פון מאַרק שאַגאַל 227
בריוו־אויסטויש 261
לידער וועגן מאַרק שאַגאַלן 283

אילוסטראַציעס און בילדער פון מאַרק שאַגאַל

פאַר י. א. ר. 5
פרעזענטירנדיק „הימלאַנד" (פאָטאָ) 19
דער גלות־ייד 23
מיין ליבסטער 30
ביי דער אַרבעט 36
אין פרעזידיום (פאָטאָ) 47
דער זייגערמאַכער 51
פאַקסימילע „ 56
אין וואַנדער 60
דער קונצנמאַכער 66
ער און זי 71
אַ שנירל פערל 76
שלח מנות טרעגער 82
מ. ש. מאָלט שלום עליכמען 96
די שאַגאַל פאָסט־מאַרקע 97
דער ייד מיטן לולב 105
בענטשט ליכט 111
די מגילה 121
הויז־פאַרבערס 127
טרעגער 128
דער קלעזמער 135
די חתונה 150
דער סדר 162
אין פענסטער 171
אין סוכה 184
צו תשליך 188
די משפחה 194
אויטאָפאָרטרעט 196
טענצער 207
עלטערן 215
פאַקסימילע 216
די באַן 219